STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04472

OYF MORGEN NOKH DER SOTSYALER IBERKEHRENISH

Karl Kautsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ק. קאוטסקי.

אויף מאָרגען נאָך דער סאָציאלער איבערקערעניש.

The morning after the Social Change (Social Turnover)

פערלאג „די וועלט".

by Karl Kautsky

Published in Warsaw - 1906

„פערלאגס-דרוקעריי", ווארשא, פאנסקא 20.

תרס"ו.

Ауфъ моргенъ нохъ деръ соціалеръ иберкеренишъ,
т. е. На другой день

„Издательская Типографія", Варшава, Панская 20.
1906.

Дозволено цензурою Варшава, 31 января 1906 года.

1. אין וואס בעשטעהט מיין אויפגאבע.

איידער איך וועל איבערגעהען צו אונזער איצטיגען ענין, וויל איך זיך פערווארענען פון א שווערען חשד, וועלכער עס קען אויף מיר פאלען ביי אנדערע, צוליעב דעם טיטעל פון מיין ארבייט. „אויף מארגען נאך דער סאציאלער רעוואלוציאן!" בעווייזט עס ניט אז מיר, „ארטאדאקסע"*) מארקסיסטען, זענען בעצם ניט מעהר ווי פערשטעלטע בלאנקיסטען, וועלכע האפען מיט איין קלאפ ארייננצוהאפען די סאציאלע דיקטאטור**) אין זייערע הענד? און צו איז דאס ניט א טריט צוריק צו די אידעען פון דעם אוטאפיזמוס, ווען איך קלער איצט וועגען תקנות פאר אזא מאמענט, פון וועלכען מיר ווייסען ניט, ווען ער וועט קומען און אונטער וועלכע בעדינגונגען?

געוויס, ווען דער טיטעל פון דעם ווערק זאל האבען אזא פשט, וואלט מען פאלקאם רעכט געהאט צו קוקען אויף מיר מיט דעם גרעסטען חשד. דעריבער וויל איך קודם כל בעמערקען, אז איך האלט די רעוואלוציאן פאר א היסטארישען פראצעס, וועלכער קען דויערען מעהר אדער וועניגער צייט, א פראצעס, וועלכער קען זיך ציהען אונטער שווערע קאמפפען צעהנדליגער יאהרען. פון דער אנדערער זייט בין איך איבערצייגט, אז עס איז ניט אונזער אויפגאבע צו שרייבען רעצעפטען פאר דער גארקיך פון דער צוקונפט. איך וויל נאר מיט איין ביישפיעל ווייזען, ווי ווייט איך האלט דערפון ניט.

בשעת די דייטשע סאציאל-דעמאקראטיע האט מעהר ווי מיט 10 יאהר צוריק דיסקוטירט וועגען א נייעם פראגראם, האט מען פארגעלעגט, אז מען זאל אין פראגראם אויך ארייננשטעלען די פאדערונג פון אזוינע תקנות, וועלכע זאלען העלפען דעם איבערגאנג פון דעם קאפיטאליסטישען פראדוקציאנס-אופן צו דעם סאציאליסטישען. יענסט-

---

*) ארטאדאקס—א פרומאק, וואס שטעהט פאר יעדער אות פון דער תורה.

**) סאציאלע דיקטאטור—די הערשאפט איבער די גאנצע געזעלשאפט.

מאָל האָב איך געהאַלטען מיט די, וועלכע זענען אַרויסגעטרעטען געגען דעם, אַז מען זאָל אין פּראָגראַם אַרײַנשטעלען דיזע פאָדערונג, ווײַל איך האָב עס געהאַלטען פאַר פאַלש, שוין איצט אָנצווײַזען דער פּאַרטײ אַ בעשטימטען וועג פאַר אַזאַ היסטאָרישען מאָמענט, וועלכען מיר קענען זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, פון וועלכען מיר קענען נאָר רעדען מיט הוילע סברות, און וועלכער וועט אונז איבעררעשען מיט זעהר פיעל אונערוואַרטעטע זאַכען.

אָבער איך האַלט, אַז ווען מיר פּראָבירען זיך קלאָר צו מאַכען, וואָס עס וועט אַרויסקומען פון אונזער שטרעבונג, און צו דערפאָרשען די אויפגאַבען, וועלכע מיר וועלען האָבען אויף זיך, אײַנגענעהמענדיג די פּאָליטישע מאַכט, איז דאָס נוצליך אָט צוליעב וואָס: דאָס שאַרפט אוים דעם שכל, דאָס מאַכט פאַר אונז קלערער אונזערע פּאָליטישע אויפגאַבען און גיט אונז צו פעסטקײַט. אויך איז דאָס זעהר וויכטיג אַלס פּראָפּאַגאַנדע, ווײַל פון איין זײַט טעהג'ן אונזערע געגנער, אַז אונזער נצחון וועט אונז ברײַנגען אַזוינע אויפגאַבען, וועלכע מיר וועלען ניט קענען בײַקומען, און פון דער אַנדערער זײַט געפינען זיך צווישען אונז גופא אַזעלכע לײַט, וואָס קענען ניט געפינען גענוג שוואַרצע פאַרבען, אויף אויסצומאָלען די רעזולטאַטען פון אונזער נצחון. דער טאָג פון אונזער נצחון וועט זײַן דער טאָג פון אונזער מפלה. דעריבער איז עס וויכטיג צו דערפאָרשען, צו דאָס איז בכלל ריכטיג און ווי ווײַט דאָס איז ריכטיג.

וויל מען אָבער בײַ אַזאַ אַרט טעאָרעטישע אַרבײַט קומען צו בעשטימטע רעזולטאַטען און ניט פאַרפאַלען ווערען אין אונענדליכע הקירות, דאַן מוז מען דערפאָרשען דיזע אויפגאַבען אין זייער אײַנפאַכסטער פאָרם, אין וועלכער זיי וועלען אין דער ווירקליכקײַט קיין מאָל ניט פאָרקומען; מען מוז אָבלעגען אָן אַ זײַט אַלע אומשטענדען, וועלכע קענען נאָר פערפלאָנטערן און שווער מאַכען דיזע אַרבײַט. דאָס איז אַ גאַנץ געוועהנליכע מעטאָדע אין דער וויסענשאַפט; דערבײַ ווייס מען גאַנץ גוט, אַז אין דער ווירקליכקײַט קומט אַלץ פאָר ניט אַזוי גלאַט און אײַנפאַך, ווי אין דער טעאָריע. איך האָב שוין געזאָגט אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן איז אַ לאַנג־יאָהריגער פּראָצעס. אָבער ווען מיר ווילען זיך פאָרשטעלען דיזע רעוואָלוציאָן אין איהר אײַנפאַכסטער פאָרם, מוזען מיר אָננעהמען, אַז די פּאָליטישע מאַכט וועט

אין א שענעם פריהמארגען מיט איין מאל און אין גאנצען אריינפאלען צום פראלעטאריאט אין די הענד, וועלכער וועט האבען אין זינען נאר זיינע אייגענע קלאסען-אינטערעסען און וועלכער וועט איהר אויסניטצען אויף'ן צוועקמעסיגסטען אופן. די ערשטע סברה אונזערע וועט ניט מקוים ווערען; די צווייטע — אויך ניט אין גאנצען. דערצו שטעלט דער גאנצער פראלעטאריאט ניט פאר קיין גלייכע געשלאסענע מאסע. דער פראלעטאריאט בעשטעהט, ווי עס איז בעקאנט, פון פערשידענע שיכטען, וועלכע זענען פערשידען אין זייער ענטוויקלונג, אין די מנהגים, וועלכע זיי האבען איבערגענומען בירושה, פערשידען נאך דעם גראד פון זייער גייסטיגער און מאראלישער ענטוויקלונג. עס איז אבער אויך א סברה, אז צוזאמען מיט'ן פראלעטאריאט וועלען ארויסטרעטען אנדערע שיכטען פון דער בעפעלקערונג, וועלכע שטעהען געזעלשאפטליך נאהענט צום פראלעטאריאט, געוויסע טהיילען פון דער קליין-בורזשואזיע און פון די קליינע בויערן, ביי וועלכע דער ארט דענקען איז ניט דער אייגענער ווי ביים פראלעטאריאט. דערפון קענען ארויסקומען די פערשידענסטע סכסוכים און פעהלערן; מיר וועלען ניט שטענדיג קענען דורכפיהרען, וואס מיר וועלען פערלאנגען, און מיר וועלען ניט שטענדיג פערלאנגען דאס, וואס מיר האבען געדארפט פערלאנגען, אט דיזע אלא שטרענגע אומשטענדען מוזען מיר דא אויסענלאזען.

פון דער אנדערער זייט מוזען מיר ביי דיזער אונטערזוכונג אויסגעהען פון בעקאנטע פאקטען. מיר קענען ניט פאר איהר נעהמען פאר א פונדאמענט א בילד פון אזעלכע אויסגעטראכטע צושטאנדען, וועלכע דארפען זיך, נאך אונזער מיינונג, ענטוויקלען אין דער צוקונפט, ווארום דערביי וואלטען מיר אריינגעפאלען אין פאנטאזיען און זיסע חלומות. און דאך פערשטעהט זיך דאס פון זיך אליין, אז מיר וועלען ניט ביי די היינטיגע בעדינגונגען דערגרייכען צו דער הערשאפט. די רעוואלוציאן קען ניט פארקומען, וואו עס זאלען זיך פריהער ניט ציהען א צייט לאנג שווערע קאמפפען, וועלכע וועלען פערענדערען די איצטיגע פאליטישע און סאציאלע געביידע. אלזא נאך דעם, ווי דער פראלעטאריאט וועט איינעהמען די מאכט, וועלען אויסוואקסען אזוינע אויפגאבען, פון וועלכע מיר וויסען איצט נאך גאר נישט; פערקעהרט, אנדערע אויפגאבען, וועלכע בעשעפטיגען אונז איצט, וועלען שוין

דאַמאָלס זיין פערענטפערט. עס וועלען אָבער צו דער פערענטפערונג פון די פערשיעדענע אויפגאַבען אויפקומען נייע מיטלען, פון וועלכע מיר האָבען איצט קיין בעגריף ניט.

אַקוראַט ווי דער פיזיקער אונטערזוכט דעם פאַל־געזעץ*) אין אַ פוסטען אָרט, וואו עס איז ניטאָ קיין לופט, און ניט אין דער בעוועגטער לופט, אַזוי אונטערזוכען מיר דאָ די לאַגע פון פראָלעטאַריאַט נאָך זיין נצחון אונטער אַזעלכע בעדינגונגען, וועלכע וועלען אין דער ווירקליכקייט קיינמאָל ניט פאָרקומען פונקט אַזוי, ווי מיר בעשרייבען דאָ, נאָר אין אַ פערענדערטער געשטאַלט: מיר נעהמען אָן די סברה, אַז דער פראָלעטאַריאַט וועט מאָרגען מיט איין קלאַפ איינעהמען די גאַנצע מאַכט און די מיטלען, וואָס ער בעזיצט אויף דורכצופיהרען זיינע אויפגאַבען, זענען די איינענע ווי איצט. מיר קענען דערביי קומען צו אַזוינע רעזולטאַטען, וועלכע וועלען זיין פערשיעדען פון דעם ווירקליכען גאַנג פון די קומענדיגע פאַסירונגען אויף אַזוי פיעל, אויף ווי פיעל עס איז פערשיעדען דער פאַל־געזעץ פון דעם ווירקליכען פאַלען פון די קערפער אויף דער ערד. אָבער דיזער קליינער הלוק האָט קיין שום בעדייטונג ניט, און דער פאַל־געזעץ עקסיסטירט אין דער ווירקליכקייט און איז ריכטיג פאַר יעדען פאַלענדען קערפער, און יעדען איינצעלנעם פאַל קענען מיר נאָר דאַן פערשטעהען, ווען מיר האָבען פערשטאַנען דעם פאַל־געזעץ.

אָט אַזוי איז עס אויך מיט אונזער אונטערזוכונג. דעם פראָלעטאַריאַט שטעהען טאַקי פאָר אין דער ווירקליכקייט די אויסזיכטען און שטערונגען, וועלכע מיר וועלען דאָ געפינען ביי אונזער אונטערזוכונג אויף דעם אָנגעוויזענעם אופן — נאַטירליך, אויב מיר וועלען פיהרען די אונטערזוכונג אַזוי ווי דאָס פאָדערט די מעטאָדע, — און אין די קאַמפּפען פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן גופא, ווי אויך אין די פריהערדיגע וועלען דיזע אויסזיכטען און שטערונגען שפּיעלען די הויפּט־ראָליע, ווען אַפילו אין דער ווירקליכקייט וועט עס פאָרקומען אַ ביסעל אַנדערש, איידער מיר נעהמען דאָס דאָ אָן. און נאָר אויף דיזען אופן קען מען קומען צו וויסענשאַפטליכע בעשטימטע מיינונגען וועגען דעם, וואָס די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן וועט אונז ברייננען.

*) פאַל־געזעטץ — געזעטץ, נאָך וועלכען די קערפּער פאַלען אויף דר'ערד.

ווענען דיזע מעטאָדע ווייזט אויס נאָך צו אונזיכער אויף צו קענען זיך פאָרשטעלען די צוקונפט, יענער מוז שווייגען, ווען מען רעדט פון איהר, ער מוז איינפאַך ערקלערען, דער וואָס וועט דערלעבען, וועט זעהען וואָס פאַר אַ פּנים זי וועט האָבען — דאָס איז נאַטירליך אָהן אַ ספק דער זיכערסטער וועג.

מען קען דיסקוטירען נאָר וועגען אַזוינע פראַגען פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן, וועלכע מען קען דערגעהען אויף דעם אָנגעוויזענעם אופן. וועגען אַלע אַנדערע פראַגען קען מען בכלל ניט אַרויסזאָגען אַ וועלכע עס איז מיינונג.

2. די עקספּראָפּריאַציאָן*) פון די עקספּראָפּריאַטאָרען

מיר נעהמען אַלזאָ אָן, עס איז אָנגעקומען דער שעהנער פריהמאָרגען, וועלכער גיט איבער מיט איין מאָל דעם פּראָלעטאַריאַט די גאַנצע מאַכט. וואָס וועט ער מיט איהר אָנהויבען צו טהון? מיר פרעגען ניט, וואָס וועט ער ווֶעלֶען אָנהויבען צו טהון לויט נאָך דער אָדער יענער טעאָריע אָדער נאָך זיין אייגענעם ווילען, נאָר וואָס וועט ער מוּזֶען אָנהויבען צו טהון, צו וואָס וועלען איהם טרייבען זיינע קלאַסען־אינטערעסען, און צו וואָס וועט איהם צווינגען די עקאָנאָמישע נויטווענדיגקייט.

צוערשט, פערשטעהט זיך, וועט ער מוזען אויספיהרען דאָס, וואָס די בורזשואַזיע האָט פערשפּעטיגט צו טהון. ער וועט אויסראַמען אַלע רעשטען פון דעם פעאָדאַליזמוס און דורכפיהרען אין לעבען דעם דעמאָקראַטישען פּראָגראַם, פאַר וועלכען די בורזשואַזיע איז אויך אַ מאָל געשטאַנען. אַזוי ווי דער פּראָלעטאַריאַט איז דער אונטערשטער פון אַלע קלאַסען, אַזוי איז ער אויך דער דעמאָקראַטישסטער פון אַלע קלאַסען. ער וועט איינפיהרען דעם אַלגעמיינעם וואַהלרעכט אין אַלע איינריכטונגען, די פאָלשטענדיגע פרייהייט פון רעדען, דרוקען און אָרגאַניזירען זיך; ער וועט מאַכען אונאַבהענגיג די מלוכה פון דער קירכע, ער וועט אָבשאַפען אַלע פּריווילעגיען, וואָס געהען

---

*) עקספּראָפּריאירען — אַוועקנעהמען דעם אייגענס; עקספּראָפּריאַציאָן — די אַוועקנעהמונג פון אייגענס; עקספּראָפּריאַטאָר — דער וואָס נעהמט אוועק דעם אייגענס.

איבער בירושה. ער וועט געבען די איינצעלנע קהלות פאָלקאָמע זעלבסטשטענדיגקייט, ער וועט פערניכטען דעם מיליטאַריזמוס. דאָס קען געשעהען אויף צווייערליי אופנים: דורך איינפיהרונג פון דער פ א ל ק ס - ב ע וואַ פ נ ו נ ג און דורך אָ ב וואַ פ נ ו נ ג *). די פאָלקס-בעוואַפנונג איז אַ פאָליטישע פאָדערונג; די אָבוואַפנונג — אַ פינאַנציעלע. די ערשטע קען ביי געוויסע בעדינגונגען קאָסטען ניט וועניגער, ווי דער שטענדיגער היל, אָבער דאָס איז נויטיג, כדי צו בעפעסטיגען די דעמאָקראַטיע, כדי אָבצונעהמען ביי דער רעגירונג איהר וויכטיגסטען מאַכט-מיטעל געגען דעם פאָלק. די אָבוואַפנונג האָט קודם כל דעם ציעל צו פערקלענערען די הוצאות פון דער מלוכה אויף מיליטער. זי קען דורכגעפיהרט ווערען אויף אַזאַ אופן, אַז דאָס זאָל נאָך פערשטאַרקען די מאַכט פון דער רעגירונג, צ. ב. ווען אָנשטאָט דעם היל, וואָס ווערט רעקרוטירט פון גאַנצען פאָלק, זאָל זיין אַ היל, וואָס בעשטעהט פון פערדאָרבענע לומפען-פראָלעטאַריער, וועלכע זענען פאַר דער מטבע קאַפּאַבעל אויף אַלץ, וואָס מען פערלאַנגט פון זיי. אַ פראָלעטאַרישע מלוכה-פיהרונג וועט נויטווענדיג זיך מוזען סטאַרען פעראייניגען און צופאַסען ביידע אַרטען רעפאָרמען: צו בעוואַפנען דעם פאָלק און אויפהערען צו פערגרעסערען די הוצאות אויף אָנשאַפונג פון נייע געוועהר, האַרמאַטען, קריעגס-שיפען און פעסטונגען.

פערשטעהט זיך, וועט דער פראָלעטאַריאַט נאָך זיין נצחון גרינדליך רעפאָרמירען דעם סיסטעם פון שטייערן. ער וועט זיך סטאַרען אָבצושאַפען אַלע שטייערן, וועלכע פאַלען איצט צו לאַסט אויף דעם אַרבייטענדען פאָלק, קודם כל די ניט-דירעקטע שטייערן, וועלכע פערטייערען די לעבענס-מיטלען, און אָנשטאָט דעם אַרויפוואַרפען די שטייערן אויף די גרויסע פערמעגענס און הכנסות; ער וועט איינפיהרען, אַז יעדער זאָל מוזען צאָהלען נאָך דעם ערך פון זיין פערמעגען אָדער פון זיין הכנסה (פראָגרעסיווע שטייער). וועגען דעם וועל איך נאָך שפּעטער רעדען און דעריבער בעגנוגען איך זיך דאָ מיט דיזער בעמערקונג.

*) די אָבוואַפנונג בעשטעהט ערשטענס אין דעם, וואָס מען לאָזט פאַר-נאַנדער דעם חיל אין אַ צייט פון שלום, און צווייטענס אין דעם, וואָס מען בעגרענעצט די אָנשאַפונג פון נייע געוועהר, האַרמאַטען, שיפען א. ז. וו.

אַ בּעזאָנדערס וויכטיגען טהעטיגקייטס-פעלד וועט פאַר אונז זיין די פאָלקס-בילדונג. די פאָלקס-שוהלען האָבען שוין פון לאַנג אָן בּעשעפטיגט די פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען און האָבען געשפּיעלט אַ גרויסע ראָליע אין די אַלטע קאָמוניסטישע סעקטען*) אין מיטעל-אַלטער. אָבּנעהמען בּיי די פערמעגענדע קלאַסען דעם מאָנאָפּאָל אויף בּילדונג — דערצו האָט זיך שטענדיג געמוזט ציעלען דער פערשטענדיגער טהייל פון דעם פּראָלעטאַריאַט. עס פערשטעהט זיך פון זיך אַליין, אַז די נייע מלוכה-פיהרונג וועט פערמעהרען און פערבּעסערן די שוהלען, וועט בּעסער פערזאָרגען און בּעצאָהלען די לעהרער. אָבּער מען וועט נאָך געהן ווייטער. געוויס, דער פּראָלעטאַריאַט, ווי ראַדיקאַל ער זאָל ניט זיין, קען ניט בּאַלד נאָך זיין נצחון מיט איין מאָל מבטל זיין די קלאַסען-אונטערשיעדען, וואָרום זיי זענען אויסגעוואַקסען אין פערלויף פון פיהעל טויזענדער יאָהרען, און ניט זיי אַליין און ניט זייערע רעזולטאַטען לאָזען זיך ניט פּראָסט אָבּווישען, ווי מען ווישט אָבּ מיט אַ שוואָם קרייד פון אַ בּרעט. אָבּער די שוהלע קען אין דיזען פּרט זעהר פיעל אויפטהון, זי קען זעהר בּעדייטענד מיטהעלפען צו פערניכטען די קלאַסען-אונטערשיעדען דורך דעם, וואָס אַלע קינדער בּעקומען גלייך-גוטע קליידונג און ערנעהרונג, בּעקומען די זעלבּע בּילדונג, וואָס מען מאַכט אַלעמען גלייך-מעגליך צו ענטוויקלען זייערע גייסטיגע און קערפּערליכע פעהיגקייטען.

מען דאַרף ניט צו הויך שעצען די ווירקונג פון דער שוהלע. דאָס לעבּען איז שטאַרקער פאַר איהר, און דאָרטען וואו די שוהלע שטעלט זיך געגען לעבּען, מוז זי זיך סוף כל סוף אונטערגעבּען. ווען מיר זאָלען איצט צ. בּ. פּראָבּירען דורך דער שוהלע מבטל זיין די קלאַסען-אונטערשיעדען, וועלען מיר קיין ספק ניט דערגרייכען. אָבּער וואו די שוהלע געהט אין דער זעלבּער ריכטונג, ווי די געזעלשאַפטליכע ענטוויקלונג, דאָרטען קען זי שטאַרק העלפען און פערגיכערען דיזע ענטוויקלונג. וואו דעריבּער די געזעלשאַפטליכע ענטוויקלונג אַליין געהט צו דער אָבּשאַפונג פון די קלאַסען-אונטערשיעדען, דאָרטען קען די שוהלע מאַכען אַ טריט ווייטער און איינפיהרען פאַר

*) אַ סעקטע איז אַ געשלאָסענע גרופּע, אין וועלכער אַלע מוזען זיך האַלטען פאַר דער איינגענער לעהרע אין אַלע פּרטים.

דעם אויפקומענדען דור ווענינסטענס אין בעגרענצטע ראַהמען דאָס, וואָס אין דער גאַנצער געזעלשאַפט וואַקסט אויס אין איינעם מיט דיזען דור.

דאָס אַליין זענען ציעלען וועלכע דער בורזשואַזנער ראַדיקאַליזמוס האָט זיך שוין געשטעלט; ער האָט עס אָבער ניט געקענט דערגרייכען, ווייל דערצו דאַרף מען האָבען געגען דעם קאַפּיטאַל אַזאַ קראַפט, וועלכע זאָל קיינעם ניט שאַנעווען; אויף דערויף איז אָבער קיין בורזשואַזנער קלאַס ניט פעהיג. אַזוינע נייע שוהלען, פון וועלכע איך רעד דאָ, וועלען פאָדערען צ. ב. אין דייטשלאַנד, נאָך דער רעכנונג, וועלכע איך האָב אויפגעשטעלט אין מיין בוך „די אַגראַר־פראַגע“, 1 אָדער אַפילו 2 מיליאַרדען*) אַ יאָהר. דאָס איז כמעט 2 מאָל אַזוי פיעל, ווי עס קאָסט איצט די מיליטער! אַזוינע סומען קען אויף פאָלקס־בילדונג אויסבריינגען נאָר אַזאַ געזעלשאַפט, וועלכע שטעהט אונטער דער הערשאַפט פון פראָלעטאַריאַט, וועלכער וועט ניט שאַנעווען די גרויסע הכנסות פון די גבירים.

אָבער די רעוואָלוציאָן וועט נאַטירליך ניט בלייבען שטעהן ביי דיזע רעפאָרמען. דאָס איז דאָך ניט בלויז אַ בורזשואַזנע־דעמאָקראַטישע, נאָר אַ פראָלעטאַרישע רעוואָלוציאָן. ווי מיר האָבען שוין דערמאָנט, ווילען מיר דאָ ניט אונטערזוכען, וואָס דער פראָלעטאַריאַט וועט וועלען טהון, האַבענדיג אין זינען די אָדער יענע טעאָריע, ווייל מיר ווייסען ניט, וועלכע טעאָריען עס קענען נאָך אויפקומען, און אונטער וועלכע בעדינגונגען און ווירקונגען וועט די רעוואָלוציאָן פאָרקומען. מיר ווילען נאָר אונטערזוכען, וואָס דער פראָלעטאַריאַט וועט נאָך זיין נצחון מוזען טהון אונטער דעם צוואַנג פון די עקאָנאָמישע בעדינגונגען, ווען ער זאָל זיך אויפפיהרען אַזוי, ווי זיין ציעל פאָדערט דאָס.

עס איז דאָ איין אויפגאַבע, וועלכע איז די וויכטיגסטע און די ערשטע, וועלכע וועט מוזען קודם־כל בעשעפטיגען יעדע פראָלעטאַרישע מלוכה־פיהרונג. זי וועט מוזען אין יעדען פאַל אויסזוכען אַ מיטעל געגען דער נויט פון דער אַרבייטס־לאָזיגקייט. די אַרבייטס־לאָזיגקייט איז די ערגסטע קללה פאַר דעם אַרביי־

*) א מיליאַרד איז 1,000 מיליאָנען.

טער. זי בעדייטעט פאר איהם עלענד, ערניעדערונג, פערברעכען. דער ארבייטער לעבט נאר פון דעם, וואס ער פערקויפט זיין ארבייטס-קראפט, און ווען ער געפינט ניט קיין בעלנים אויף זיין סחורה, שטארבט ער פון הונגער. אפילו ווען דער ארבייטער האט ארבייט, דריקט איהם אויך די ארבייטס-לאזיגקייט, ווארום ער איז קיינמאל ניט זיכער, אז ער וועט ניט אנווערען די ארבייט און דורך דעם בלייבען עלענד. פון אזא צושטאנד וועט די פראלעטארישע מלוכה-פיהרונג אויף יעדען פאל מאכען א סוף, אפילו ווען דער פראלעטאריאט זאל זיין דורכגעדרונגען ניט מיט סאציאליסטישע, נאר מיט ליבעראלע אידעען, ווי אין ע נ ג ל א נ ד. אויף וואסער אופן מען וועט פערניכטען די ארבייטס-לאזיגקייט, דאס וועלען מיר דא ניט אונטערזוכען; עס זענען דא דערצו פערשידענע מעטאדען און די פערשיעדענסטע פראיעקטען, וועלכע א סך סאציאל-פאליטיקער האבען פארגעשלאגען. פון דער בורזשואזנער זייט האט מען אויך, ווי בעקאנט, געזוכט מיטלען געגען דער נויט פון דער ארבייטס-לאזיגקייט און מען האט פראיעקטירט די פערזיכערונג פון די ארבייטס-לאזע און אפילו ביז צו א געוויסען גראד דאס אויך דורכגעפיהרט. אבער די בורזשואזנע געזעלשאפט איז אויף דיזען געביעט מעהר ניט אים שטאנד ווי נאר צו לעגען לאטעס, אבער ניט דורכצופיהרען גרינדליכע רעפארמען, ווייל אנדערש וואלט זי אליין אונטערגעזעצט דעם צווייג, אויף וועלכען זי זיצט. נאר דער פראלעטאריאט, דער פראלעטאריאט, וואס האט מנצח געווען, קען און וועט געפינען אזעלכע מיטלען, וועלכע זאלען אין גאנצען אויסלייזען פון דער נויט פון דער ארבייטס-לאזיגקייט, דורך וואס זי זאל ניט ארויסגערופען ווערען, דורך קראנקהייט אדער דורך וואסער עס איז אין אנדער אנשיקעניש. אין אונטערשטיצונג פון אלע ארבייטס-לאזע, וואס זאל ווירקליך קלעקען אויף הוצאה, מוז אין גאנצען אומבייטען דעם פערהעלטניס, וועלכער עקסיסטירט צווישען דער מאכט פון דער בורזשואזיע און דער מאכט פון פראלעטאריאט. צווישען דעם פראלעטאריאט און דעם קאפיטאל; זי מאכט דעם פראלעטאריאט פאר א בעל-הבית אין פאבריק. ווען די ארבייטער פערקויפען זיך היינט צו די אונטערנעהמער, ווען זיי מוזען זיך לאזען עקספלואטירען און פערקנעכטען, איז דאס נאר צוליעב דעם, וואס דער שטן פון ארבייטס-לאזיגקייט, דער בייטש פון הונגער טרייבט זיי

דערצו. איז פערקעהרט, דער ארבייטער פערזיכערט מיט זיין עקסיסטענץ אויך אפילו ווען ער ארבייט ניט, איז דאן פאר איהם גאר לייכט אבצושלאגען כפרות מיט'ן קאפיטאל. ער דארף דאמאלס ניט דעם קאפיטאליסט; דער קאפיטאליסט אבער קען אהן איהם ניט טרייבען זיין געשעפט. האלט עס אזוי ווייט, וועט דער קאפיטאליסט ביי יעדען סכסוך מיט זיינע ארבייטער ניט קענען בעשטעהן און מוזען נאכגעבען. די קאפיטאליסטען קענען זיך בלייבען די פיהרער פון די פאבריקען, אבער זיי וועלען דארט אויפהערען צו זיין בעלי-הבתים און עקספלואטאטארען. ווי באלד די קאפיטאליסטען וועלען דערזעהען, אז זיי האבען ניט מעהר ווי די ריזיקע און די לאסטען פון דער פאבריק, דאן וועלען דיזע הערען זיין די ערשטע, וועלכע וועלען זיך אבזאגען צו פיהרען די פאבריקען און וועלען בעטען, אז מען זאל ביי זיי אבקויפען זייערע געשעפטען, פון וועלכע זיי קענען מעהר ניט ציהען קיין ריוח. מיר האבען שוין געהאט אזא ביישפיעל. בשעת די בעוועגונג צווישען די ארענדארען פון אירלאנד האט דערגרייכט איהר העכסטען פונקט, און די ערד-בעזיצער זענען ניט געוועזען אים שטאנד איינקאסירען דעם צינז, האבען די גרויסע פריצים אליין פערלאנגט, אז די מלוכה זאל אבקויפען די גאנצע ערד. דאס אייגענע וואלטען מיר דארפען ערווארטען פון די קאפיטאליסטישע אונטערנעהמער ביי דער פראלעטארישער מלוכה-פיהרונג. אפילו ווען דיזע מלוכה-פיהרונג וואלט ניט שטעהען אונטער דער ווירקונג פון סאציאליסטישע טעאריען און וואלט קודם כל זיך נעהמען איבערצופיהרען די קאפיטאליסטישע פראדוקציאנס-מיטלען אין די הענד פון דער געזעלשאפט, וואלטען די קאפיטאליסטען אליין פערלאנגען, אז מען זאל ביי זיי אבקויפען די פראדוקציאנס-מיטלען. פאליטישע הערשאפט פון דעם פראלעטאריאט און דער ווייטערער קיום פון דעם קאפיטאליסטישען פראדוקציאנס-אופן קענען זיך ניט פערטראגען איינער מיט' אנדערען. ווער עס איז מודה, אז דאס ערשטע איז מעגליך, מוז אויך מודה זיין, אז עס איז מעגליך דאס די צווייטע זאל פערשווינדען.

וועלכע בעלנים האבען אבער די קאפיטאליסטען וואס זאלען קענען אבקויפען ביי זיי זייערע געשעפטען? א טהייל פון די פאבריקען, מעטאל און קויהלען-גרובען און ז. וו. קען פערקויפט ווערען די ארבייטער גופא, וועלכע זענען אין זיי בעשעפטיגט, וועלכע וועלען פון

איצט אָן אַרבייטען בשותפות. אַנדערע ווידער — איינצעלנע קהלות אָדער דער מלוכה. עס איז אָבער קלאָר, אַז דער קאַפּיטאַל וועט זיך ווענדען פריהער פון אַלעמען צו די גרעסטע בטוחים, צו די זיכערסטע סוחרים, און דאָס זענען די קהלות און די מלוכה; שוין וועגען דעם טעם אַליין וועט דער גרעסטער טהייל פון די אונטערנעהמונגען איבערגעהען אין די הענד פון די קהלות און פון דער מלוכה. אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וועט זיך ציעלען דערצו, ווי נאָר זי וועט בעקומען די מאַכט אין איהרע הענד, איז בעקאַנט. פון דער אַנדערער זייט וועט דער פּראָלעטאַריאַט, ווען ער זאָל אַפילו ניט זיין סאָציאַליסטיש, זיך פריהער פון אַלץ ציעלען איבערצוגעבען אין די הענד פון די קהלות אָדער מלוכה יענע אונטערנעהמונגען, וועלכע זענען געוואָרען אַ מאָנאָפּאָל צוליעב נאַטירליכע סבות — ווי צ. ב. מעטאַל און קויהלען־גרובען, — אָדער צוליעב דעם האַראַקטער פון זייער אָרגאַניזאַציאָן, ווי צ. ב. די סינדיקאַטען. דיזע פּריוואַטע מאָנאָפּאָלען זענען שוין איצט געוואָרען אַ לאַסט ניט נאָר פאַר די לוין־אַרבייטער, נאָר פאַר אַלע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט, וועלכע האָבען אין זיי קיין חלק ניט. נאָר די שוואַכקייט פון דער בורזשואַזנער וועלט געגען דעם קאַפּיטאַל איז די סבה, וועלכע שטערט צו מאַכען מיט זיי אַ סוף. אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציאָן מוז על פּי טבע נויטווענדיג פיהרען דערצו, אַז מען זאָל מבטל זיין דעם פּריוואַט־איינענטהום אויף דיזע מאָנאָפּאָלען. זיי זענען שוין אָבער אַפילו ביי היינטיגען טאָג זעהר גרויס, הערשען שוין איצט ביז צו אַ הויכען גראַד איבער דעם גאַנצען עקאָנאָמישען לעבען און ענטוויקלען זיך זעהר האַסטיג. שוין נאָר דער איבערגאַנג אַליין פון דיזע מאָנאָפּאָלען צו די קהלות אָדער צו דער מלוכה וואָלט בעדייטען די הערשאַפט פון דער געזעלשאַפט און פון איהרע אָרגאַנען — דער קהלה און דער מלוכה — איבער דער גאַנצער פּראָדוקציאָן.

פאַר דעם אַריבערפיהרען אין דער מלוכה־איינענטהום פּאַסען פריהער פון אַלץ די נאַציאָנאַלע טראַנספּאָרט־מיטלען — אייזענבאַהנען, דאַמפף־שיפען, און אויך די פּראָדוקציאָן פון רויהע מאַטעריאַלען און האַלב־בעאַרבייטע פּראָדוקטען — מעטאַל און קויהלען־גרובען, אייזען־גיסערייען, מאַשינען־פאַבריקען און ד. ג. דאָס זענען יענע צווייגען פון דער אינדוסטריע, אין וועלכע עס זענען מעהר ווי

אומעטום ענטוויקעלט די גרויסע פאַבריקאַציאָן און די סינדיקאַטען. דער קלײנער מסחר און די בעאַרבײטונג פון רויהע מאַטעריאַלען און האַלב־בעאַרבײטע פראָדוקטען פאַר דעם פערזענליכען פערברויך האָבען נאָך זעהר אָפט אַנ׳אָרטיגען האַראַקטער און זענען צוואָרפען אין אַ סך אײנצעלנע ערטער; פאַר זײ װעלען זיך דעריבער איבערהויפּט נעהמען די קהלות און גענאָסענשאַפטען, די מלוכה װעט דאָ שפּיעלען אַ קלענערע ראָליע. אָבער מיט דער אַלץ װאַקסענדער אַרבײטס־טהײלונג װערט די פּראָדוקציאָן פאַר דעם דירעקטען פערזענליכען פערברויך לפי ערך אַלץ קלענער געגען דער פּראָדוקציאָן פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען. דערמיט װאַקסט אויך דער געביעט פון דער פּראָדוקציאָן, װעלכע די מלוכה נעהמט אַרײן אין איהרע הענד. פון דער אַנדערער זײט פערגרעסערט זיך דיזער געביעט דורך דעם, װאָס די ענטוויקלונג פון דעם פערקעהר*) און פון דעם גרויס־בעטריעב איז מבטל די אָרטיגע גרענעצען פון מאַרק פאַר אײן פּראָדוקציאָנס־צװײג נאָך דעם אַנדערען, זי מאַכט פון די אָרטיגע פּראָדוקציאָנס־צװײגען נאַציאָנאַלע. די גאַז־בעלײכטונג צ. ב. איז געװעהנליך אַ קהלה־אַנגעלעגענהײט. אָבער די ענטוויקלונג פון דער עלעקטרישער בעלײכטונג און פון דער איבערטראָגונג פון דער עלעקטרישער קראַפט אין די בערגיגע געגענדען מאַכט פאַר נויטיג, אַז דער רעכט צו בענוטצען די װאַסער־קראַפט זאָל געהערען צו דער מלוכה. דאָס פיהרט דערצו, אַז די בעלײכטונג װערט פון אַ קהלה־אַנגעלעגענהײט אַ מלוכה־אַנגעלעגענהײט. פון דער אַנדערער זײט האָט דער שוסטער פריהער געאַרבײט נאָר פאַר דעם אָרטיגען מאַרק. די שוך־פאַבריק בעזאָרגט מיט שוך־װאַרג ניט נאָר די בעפעלקערונג פון דער אײגענער שטאָדט, נאָר דאָס גאַנצע לאַנד, און זי קען אויף אַזאַ אופן איבערגעהען ניט צו דער קהלה, נאָר צו דער מלוכה. אַזוי איז עס אויך מיט צוקער־פאַבריקען, ביער־ברײזער און ז. װ.

די ענטוויקלונג האָט אויף אַזאַ אופן די טענדענץ, אַז די מלוכה־פּראָדוקציאָן זאָל אונטער דער פּראָלעטאַרישער מלוכה־פיהרונג װערען די הויפּטפאָרם פון דער פּראָדוקציאָן.

דאָס איז אַלץ, װאָס מיר האַלטען דערװײלע פאַר נויטיג צו

*) פערקעהרס־מיטלען זענען אײזענבאַהנען, שיפען, טעלעגראַפען א. ז. װ.

דאַנען וועגען דעם אייגענטום אויף די פּראָדוקציאָנס-מיטלען פון די גרויס-בעטריעבען, צו וועלכע עס געהערען נאַטירליך אויך די לאַנד-ווירטשאַפטליכע. וואָס זאָל אָבער ווערען מיט דעם געלד-קאַפּיטאַל און מיט דעם ערד-אייגענטום? אונטער געלד-קאַפּיטאַל פערשטעהט מען יענעם טהייל קאַפּיטאַל, וועלכען מען פערלייהט אויף פּראָצענט. דער געלד-קאַפּיטאַליסט האָט ניט אויסצופיהרען קיין שום פערזענליכע אַרבייט אין עקאָנאָמישען לעבען, ער איז איבעריג, און מען קען איהם מיט איין פעדערשטריך עקספּראָפּריאירען. מען וועט זיך נעהמען דערצו וואָס גיכער, ווייל גראַדע דיזער איבעריגער טהייל פון דעם קאַפּיטאַליסטען-קלאַס, די גרויסע פינאַנצלייט, ציהט צו זיך צו וואָס ווייטער אַלץ מעהר און מעהר די הערשאַפט איבער דעם גאַנצען ווירטשאַפטליכען לעבען. ער איז אויך דער בעל-דעה איבער די גרויסע פּריוואַטע מאָנאָפּאָלען, סינדיקאַטען און ז. וו., און מען קען ניט עקספּראָפּריאירען דעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל און ניט דאָס אייגענע מיט דעם געלד-קאַפּיטאַל, ביידע זענען צו ענג מיט אַנאַנדער פערבונדען. די פערגעזעלשאַפטונג פון די קאַפּיטאַליסטישע בעטריעבען (אַזוי קען מען קורץ אָנרופען דעם איבערגאַנג פון די פערמעגענס צום קהל, מלוכה, גענאָסענשאַפט) פיהרט שוין ממילא דערצו, אַז אַ גרויסער טהייל פון דעם געלד-קאַפּיטאַל ווערט פערגעזעלשאַפטליכט; ווען די מלוכה נעהמט איבער אַ פאַבריק אָדער אַ מאַיאָנטיק, געהען אויך זייערע חובות איבער אויף דער מלוכה, פון פּריוואַט-שולדען ווערען זיי מלוכה-שולדען. איז דאָס אַן אַקציען-געזעלשאַפט, דאַן ווערען די אַקציאָנערען מלוים פון דער מלוכה.

דערביי דאַרף מען נאָך דערמאָנען דעם ערד-אייגענטום. איך רעד דאָ וועגען ערד-אייגענטום, און ניט וועגען לאַנד-ווירטשאַפטליכען בעטריעב. די גרויסע לאַנד-ווירטשאַפטליכע בעטריעבען וועלכע ווערען געפיהרט אויף דעם קאַפּיטאַליסטישען אופן, וועלען געוועהנליך דורכמאַכען די זעלבע ענטוויקלונג, ווי די אַנדערע גרויסע בעטריעבען. זיי וועלען אָנווערען זייערע לוין-אַרבייטער, און זייערע בעלי-הבתים וועלען גענויטיגט זיין פאָרצושלאָגען דעם קהל אָדער דער מלוכה מען זאָל ביי זיי אָבקויפען זייער פערמעגען, און אויף אַזאַ אופן וועלען אויך דיזע בעטריעבען איבערגעהען אין די הענד פון דער געזעלשאַפט. פערקעהרט, די קליינ-בויערליכע וועלען געוויס בלייבען

פּריוואַט־אייגענטום, וועגען זיי וועל איך נאָך שפּעטער רעדען.

אַלזאָ עס האַנדעלט זיך דאָ ניט וועגען לאַנדווירטשאַפטליכען בעטריעב, נאָר וועגען דעם אייגענטום אַליין, אָהן דעם בעטריעב, וועגען דעם פּריוואַט־אייגענטום אויף ערד, וועלכע עס טראָגט איין דעם בעל־הבית ערד־רענטע — וואָס נעהמט אָן די געשטאַלט פון היפּאָטעקען־ציינזען*) אָדער אַנדערע געלד, — סיי אין שטאָדט סיי אין דאָרף.

דאָס וואָס מיר האָבען געזאָגט וועגען די געלד־קאַפּיטאַליסטען איז ריכטיג אויך פאַר דער ערד־בעזיצטער. זיי האָבען אויך ניט צו ערפילען אַ פּערזענליכע אַרבייט אין עקאָנאָמישען לעבען, און מען קען זיי זעהר לייכט אָבשאַפען. אַזוי ווי געגען די אויבענדערמאָנטע פּריוואַטע מאָנאָפּאָלען, אַזוי געפינען מיר אויך געגען דעם פּריוואַטען ערד־אייגענטום שוין היינט אַ שטרעבונג צווישען דער בורזשואַזיע גופא איהם צו פערגעזעלשאַפטליכען, ווייל דיזער פּריוואַטער מאָנאָפּאָל ווערט ספּעציעל אין די שטעדט אַלץ דריקענדער און שעדליכער. אויך דאָ דאַרף מען נאָר אַ בעשטימטע מאַכט צו קענען דורכפיהרען די פערגעזעלשאַפטליכונג, דער פּראָלעטאַריאַט וועט נאָך זיין נצחון בעזיצען דיזע מאַכט.

די עקספּראָפּריאַציאָן פון די עקספּלואַטירענדע קלאַסען איז, ווי מיר זעהען, ניט מעהר ווי אַ פראַגע פון דער מאַכט. די עקאָנאָמישע בעדערפניסען פון פּראָלעטאַריאַט מאַכען איהר נויטיג, זי וועט דערביי זיין דער אונפערמיידליכער רעזולטאַט פון זיין נצחון.

3 קאָנפיסקירען אָדער אויסקויפען.

וועניגער זיכער ווי אויף דער פראַגע וועגען דער נויטווענדיגקייט און מעגליכקייט צו עקספּראָפּריאירען די, וואָס עקספּראָפּריאירען איצט, קענען מיר ענטפערען אויף אַ צווייטער פראַגע, וועלכע איז פערבונדען מיט דער ערשטער: וועט די עקספּראָפּריאַציאָן פאָרקומען אויף אַזאַ אופן, אַז מען וועט אויסקויפען אָדער קאָנפיסקירען,

---

*) היפּאָטעקענציינזען — די ציגזען, וואָס מען צאָהלט פאַר פערמשכנ'טע אייגענס.

וועט מען די ביזאַהעריגע בעלי־הבתים אומקעהרען דעם היזק, צו ניט? דאָס איז אַ פראַגע, אויף וועלכער עס איז אונמעגליך צו געבען אַן ענטפער. אונז וועט ניט אויסקומען דורכצופיהרען יענע ענטוויקלונג. עס קען דאָ אָבער ניט זיין קיין רעדע וועגען דעם, אַז די פערהעלטניסען גופא זאָלען פון פאָראויס נויטען אויסצוקלייבען די אָדער יענע פערענטפערונג פון דיזער פראַגע. פונדעסטוועגען זענען דאָ אַ סך טעמים, וועלכע ווייזען אויף דערויף, אַז די פראָלעטאַרישע מלוכה־פיהרונג וועט בעסער זוכען אויסצוקויפען, צו בעצאָהלען די קאַפּיטאַליסטען און די ערד־בעזיצער. פון דיזע טעמים וויל איך דערמאָנען נאָר צוויי, וועלכע עס ווייזען מיר אויס די וויכטיגסטע. דער געלד־קאַפּיטאַל איז געוואָרען, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, אַ אונפערזענליכע מאַכט, און היינט קען מען פון יעדער געלד־סומע מאַכען געלד־קאַפּיטאַל, אָהן דעם, אַז דער בעל־הבית פון די געלד זאָל דערביי דאַרפען עפּעס טהון אַלס קאַפּיטאַליסט. מיר ווייסען, אַז ווען מען האָט אָבגעשפּאָרט אַ רובל, קען מען איהם אַוועקלעגען אויף פּראָצענט, ניט ווערענדיג דערביי אַ קאַפּיטאַליסט. דיזע ערשיינונג וועט מיט גרויס השק אויסגענוצט פון די לייט, וועלכע מאָלען אין ראָזע־פאַרבען די איצטיגע אָרדנונג און שטעהען פאַר איהר. זיי דרינגען, אַז אויף דיזען וועג איז זעהר מעגליך צו עקספּראָפּריאירען די קאַפּיטאַליסטען, ווען אַלע אַרבייטער זאָלען אַריינטראָגען זייערע אָבגעשפּאָרטע גראָשענס אין די שפּאָרקאַסען אָדער קויפען אַקציען, און אויף אַזאַ אופן ווערען שותפים און בעקומען אַ חלק אין קאַפּיטאַל. די זעלבע אָפּטימיסטען האָבען געזאָגט ביי אַנאַנדער געלעגענהייט, אַז ווען מיר זאָלען קאָנספיקירען דעם קאַפּיטאַל, וועלען מיר דערמיט קאָנפיסקירען ניט נאָר דעם קאַפּיטאַל פון די רייכע, נאָר אויך דעם קאַפּיטאַל פון די אַרבייטער; מיר וועלען דערמיט אויך אַוועקנעהמען ביי די אָרעמע־לייט, יתומים און אַלמנות זייערע פערשפּאָרטע גראָשענס. אויף אַזאַ אופן וועלען מיר אַרויסרופען אַ שטאַרקע אונצופרידענהייט ביי די אַרבייטער גופא—נאָך מיט אַן אורזאַכע מעהר אויפצורייצען די אַרבייטער, זיי זאָלען אַראָבוואַרפען זייער אייגענע הערשאַפט,—וואָס די מליצים פון דער היינטיגער אָרדנונג ערוואַרטען מיט זיכערהייט.

וועגען דער ערשטער סברה איז ניט כדאַי צו רעדען; זי איז צו נאַריש. ד. ה. לייט, וועלכע ווילען עקספּראָפּריאירען דעם קאַפּיטאַל

דורך דער אנזאמלונג פון די אבגעשפארטע גראשענס, זעהען אבער ניט, ווי פיעל שטארקער עס וואקסט דער גרויסער קאפיטאל. פון דער אנדערער זייט האט מען רעכט, ווען מען זאגט, אז ווען די פראלעטארישע מלוכה-פיהרונג זאל אליין קאנפיסקירען, וועט מען אויך קאנפיסקירען דעם אבגעשפארטען אייגענס פון דעם קליינעם מענשען. דאס קען ניט זיין קיין גרונד, אז די ארבייטער זאל פערמיאוסט ווערען זייער אייגענע הערשאפט—מען דארף זיין זעהר ארעם מיט גרינדליכע ראיות געגען דער סאציאלער רעוואלוציאן, ווען מען בויט אויף אזוינע האפנונגען—אבער דאס קען זיין א גרונד, אז דער פראלעטאריאט וועט נאך זיין נצחון זיך אבזאגען צו קאנפיסקירען די פראדוקציאנס-מיטלען.

ווען דאס זאל אבער אזוי געשעהען, קען מען פרעגען, וואס פאר א נוצען קען די ארבייטערשאפט האבען פון דער עקספראפריאציאן? זי קען מעהר ניט ברייננען, אז אלע קאפיטאלען זאלען איבערגעפיהרט ווערען אין געלד-קאפיטאל, אז אלע קאפיטאלען זאלען איבערגעהען אין חובות אויף דעם קהל, דער מלוכה, דער גענאסענשאפט, און אז דער מעהרווערטה, וועלכען די קאפיטאליסטען האבען ביז איצט דירעקט געצויגען פון די ארבייטער, זאל איצט איבערגעהען צום קהל, דער מלוכה, דער גענאסענשאפט, וועלכע וועלען עס צוריקגעבען די קאפיטאליסטען. האט זיך דען דערמיט עפעס געענדערט אין דעם ארבייטערס לאגע?

דיזע פראגע איז א ריכטיגע. אבער ווען די פראלעטארישע מלוכה-פיהרונג זאל אפילו אויסצאהלען דעם קאפיטאל אזוי פיעל ריוח, ווי פיעל ער האט געצויגען ביז איצט, וואלט פונדעסטוועגען די עקספראפריאציאן אונטער דער הערשאפט פון פראלעטאריאט דאך ברייננען גרויסע נוצען, ווייל די ווייטערע פערמעהרונג פון דער עקספלואטאציאן וואלט פון איצט אן אונמעגליך ווערען. יעדע נייע אריינלעגונג פון קאפיטאל אין געשעפטען, אלזא יעדע פערמעהרונג פון קאפיטאל, וואלט אונמעגליך געווארען, אקוראט ווי די פערמעהרונג פון דער ערד-רענטע. דאס אליין וואלט שוין געוועזען א געוואלטיגער פארטשריט פון דער פראלעטארישער רעוואלוציאן. פון יעדער ווייטערער פערמעהרונג פון די עשירות פון דער געזעלשאפט וואלט פון דאמאלסט אן געניסען די גאנצע געזעלשאפט.

אָבער דאָ ליגט נאָך אַ מעלה. ווי באַלד דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער אייגענטום וועט איבערגעשריבען ווערען אַלס חובות אויף דער מלוכה, קהלה, גענאָסענשאַפט, וועט מען קענען די פּראָגרעסיווע שטייערן אויף הכנסה, פערמעגענס און ירושה טרייבען אַזוי הויך, ווי דאָס איז אונמעגליך ביז יעצער צייט. מיר פאָדערען שוין בייַ היינטיגען טאָג, אַז מען זאָל אַלע שטייערן, בעזאָנדערס די ניט־דירעקטע, אומבייטען דורך אַזאַ אַרט שטייער. ווען מיר וואָלטען שוין איצט בעקומען די קראַפט אויף דורכצופיהרען די פּראָגרעסיווע שטייער—לאָמיר אָננעהמען צ. ב. ווען אַנדערע פּאַרטייען זאָלען אונז אונטערשטיצען, וואָס דאָס וועט געוויס ניט געשעהען, ווייל קיין בורזשואַזנע פּאַרטיי וועט ניט געהען אַזוי וויַיט—וואָלטען מיר פונדעסטוועגען דערבייַ געהאַט זעהר גרויסע שוועריגקייטען. עס איז בעקאַנט, אַז וואָס העכער עס זענען די שטייערן, אַלץ גרעסער איז די שטרעבונג פון די שטייער־צאָהלער צו געבען פאַלשע ידיעות וועגען זייער פערמעגען אָדער הכנסה. אָבער ווען עס זאָל זיך אַפּילו איינגעבען אויסצופיהרען, אַז עס זאָל אונמעגליך ווערען צו פערבאָרגען דעם פערמעגען אָדער די הכנסה, אַפּילו דאַן וואָלט מען אויך ניט געקענט טרייבען די שטייערן אַזוי הויך, ווי מען וואָלט דאָס גאָר געוואָלט, וואָרום די קאַפּיטאַליסטען וואָלטען איינפאַך פערלאָזען דאָס לאַנד, ווען זייער הכנסה אָדער פערמעגען וואָלטען שטאַרק געליטען פון די שטייערן, און די מלוכה וואָלט בלייבען מיט אַ לאַנגען נאָז. די מלוכה וואָלט געהאַט די שטייער אויף פערמעגענס און הכנסות אָבער אָהן פערמעגענס און הכנסות. בייַ היינטיגען טאָג קען מען אַלזאָ ניט טרייבען די שטייערן איבער אַ געוויסע מאָס, ווען מען זאָל אַפּילו האָבען דערצו די פּאָליטישע מאַכט. די לאַגע בייט זיך אָבער אין גאַנצען אום, ווי באַלד דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער אייגענטום געהט איבער אין חובות אויף דער מלוכה, דעם קהל אָדער דער גענאָסענשאַפט; דיזער אייגענטום, וועלכען עס איז איצט אונמעגליך פּינקטליך צו דערגעהען, וועט דאַמאָלס זיין גענוי בעקאַנט. מען מוז נאָר בעשטימען, אַז אַלע חובות מוזען זיין פערשריבען אויפ׳ן נאָמען פון מלוה, און מען וועט דאַמאָלס פּינקטליך ווי אָבצושאַצען יעדען פערמעגען און יעדע הכנסה. מען קען אָבער דאַן אויך טרייבען די שטייערן ווי הויך מען וויל, ניט האָבענדיג קיין מורא, אַז די שטייער־צאָהלער

וועלען געבען פאלשע ידיעות וועגען זייערע פערמעגען אדער הכנסה. עס וועט אבער אויך אונמעגליך זיין זיך ארויסצודרעהען פון די שטייערן דורך דעם פערלאזען דאס לאנד, ווארום ווי באלד אז געזעלשאפטליכע איינריכטונגען פון לאנד און פריהער ווי אלץ די מלוכה אליין צאהלען אוים אלע צינזען, קען די מלוכה אברעכענען די שטייערן פריהער, איידער זי צאהלט אוים די צינזען. ביי אזעלכע בעדינגונגען קען מען זיי טרייבען אזוי הויך, אז דאס זאל אויסקומען כמעט אדער גאר ווי די קאנפיסקאציאן פון די גרויסע פערמעגענס.

מען וואלט אבער געקענט שטעלען אזא פראגע: וואס איז די מעלה דערפון, וואס מען וועט קאנפיסקירען די גרויסע פערמעגענס אויף א פערדרעהטען אופן, אנשטאט זיי דירעקט צו קאנפיסקירען? איז דאס ניט א צבואצסטווע, אז כדי צו פערשטעלען די קאנפיסקאציאן, פעררעכענט מען פריהער די קאפיטאליסטען דעם גאנצען ווערטה פון זייערע קאפיטאלען, און דאן קאנפיסקירט מען זיי דורך די שטייער־געזעצגעבונג? דער הילוק צווישען דער דירעקטער קאנפיסקאציאן און אזא מין מיטעל ווייזט אוים ווי נאר א פארמאלער.

אין דער אמת'ן איז דער הילוק וויכטיגער ווי עס דוכט זיך. די דירעקטע קאנפיסקאציאן פון די קאפיטאלען איז נוגע אלעמען גלייך, סיי די גרויסע, סיי די קליינע קאפיטאליסטען, סיי די וואס זענען פעהיג, סיי די וואס זענען אונפעהיג צו ארבייטען. ביי דיזער מעטאדע איז עס שווער, אפט אונמעגליך צו אונטערשיידען די קליינע קאפיטאלען פון די גרויסע, וועלכע ליגען אין דעם זעלביגען געשעפט. די דירעקטע קאנפיסקאציאן וועט פארקומען גיך, אפט מיט איין קלאפ. די קאנפיסקאציאן דורך די שטייערן מאכט מעגליך דורכצופיהרען, אז דער קאפיטאליסטישער אייגענטום זאל בטל ווערען ביסלעכווייז, און דיזער פראצעס וועט פארקומען אין דעם זעלבען ערך, אין וועלכען די נייע ארדנונג וועט זיך בעפעסטיגען און וועט ארויסווייזען איהרע גוטע ווירקונגען. זי מאכט מעגליך פאנאנדערצולעגען די קאנפיסקאציאן אויף צעהנדליגער יאהרען, און אין גאנצען וועט זי אריין אין לעבען ערשט ביי דעם קומענדען דור, וועלכער וועט זיך אויסהאדעווען ביי די נייע בעדינגונגען און וועלכער וועט ניט דארפען האבען צו טהון מיט קאפיטאלען און צינזען. די קאנפיסקאציאן פערלירט אויף אזא אופן איהר שארפען האראקטער; זי

וועט זיך ביסלעכווייז צופאסען און וועט ברײַנגען וועניגער שמערצען. וואס פריעדליכער עס וועט פארקומען די איינגעהמונג פון דער פאליטישער מאכט דורכ'ן פראלעטאריאט, וואס פעסטער ער וועט זיין ארגאניזירט און וואס ענטוויקעלטער ער וועט זיין, אלץ מעהר דארפען מיר ערווארטען, אז ער וועט אויסקלייבען די עדעלערע פארם פון קאנפיסקאציאן אנשטאט דער פראסטער.

איך האב מיר עטוואס לענגער אויפגעהאלטען ביי דיזער פראגע, ווייל זי איז פון די הויפט־תשובות פון אונזערע געגנער, 'ניט אבער צוליעב דעם וואס איהר דורכפיהרונג וועט בעגעגענען די גרעסטע שוועריגקייט. די גרעסטע שוועריגקייטען וועלען זיך אנהייבען ערשט שפעטער, ווען מען וועט שוין דאס אלץ אריבערקומען. די עקספראפריאירונג פון די פראדוקציאנס־מיטלען איז לפי ערך דער איינפאכסטער פון אלע גרויסע איבערקעהרענישען פון דער סאציאלער רעוואלוציאן. דערצו דארף מען נאר די נויטיגע מאכט, אבער דא רעדען מיר פון יענער צייט, ווען די מאכט וועט שוין זיין. די שוועריגקייטען פאר דער פראלעטארישער מלוכה־פיהרונג ליעגען ניט אין דעם *אייגענטום*, נאר אין דער *פראדוציאן*.

4. ווי מען וועט צוציהען די ארבייטער צו דער ארבייט.

מיר האבען געזעהען, אז די סאציאלע רעוואלוציאן מאכט פאר אונמעגליך דעם ווייטערען גאנג פון דעם קאפיטאליסטישען פראדוקציאנס־אופן, אז די פאליטישע הערשאפט פון פראלעטאריאט איז נויטווענדיג פערבונדען מיט דער עקאנאמישער אויפהייבונג געגען דעם קאפיטאליסטישען פראדוקציאנס־אופן, מיט דער אויפהייבונג, וועלכע מוז אבשטעלען דעם ווייטערן גאנג פון דיזען פראדוקציאנס־אופן. די פראדוקציאן אבער מוז ווייטער געפיהרט ווערען, זי טאר זיך ניט אבשטעלען אפילו אויף עטליכע וואכען אויך ניט, ווייל אז ניט, קען פון דער גאנצער געזעלשאפט ווערען א תל. און אויף אזא אופן וואקסט אויס פאר'ן פראלעטאריאט נאך זיין נצחון אן אויסערסט נויטיגע אויפגאבע צו פערזיכערען דעם ווייטערען גאנג פון דער פראדוקציאן, ניט קוקענדיג אויף אלע שטערונגען, און צוצוציהען די ארבייטער, וועלכע האבען געווארפען די ארבייט אין די פאבריקען און

ווערקשטאַטען, צוריק צו דער אַרבייט, און איינהאַלטען זיי ביי דער אַרבייט, כדי די פּראָדוקציאָן זאָל ווייטער געהען אונגעשטערט.

וועלכע מיטלען האָט די נייע מלוכה־פיהרונג אויף צו ערפילען דיזע אויפגאַבע? דער הונגער־בייטש — דאָס איז שוין מעהר ניט קיין מיטעל, נאָך וועניגער קען מען ניטצען מיט געוואַלט. ווען עס זענען דאָ לייט, וועלכע גלויבען, אַז די הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט וועט פיהרען צו אַ קאַטאָרזשנער אָרדנונג, אַז יעדערען וועט די אַרבייט אָנגעוויזען ווערען פון דער ממשלה, קענען זיי דעם פּראָלעטאַריאַט זעהר ווייניג, וואָרום דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער וועט דאַמאָלס אַליין אַרויסגעבען פאַר זיך געזעצען, האָט אין זיך אַ סך מעהר לוסט צו פרייהייט, איידער יענע שקלאַפּישע צבויעקעס־פּראָפעסאָרען, וועלכע ווערען היינטיג שרייענדיג פון דעם קאַטאָרזשנעם האַראַקטער פון דער צוקונפטס־מלוכה.

דער פּראָלעטאַריאַט וועט קיין מאָל אין דער וועלט ניט איינפיהרען קיין קאַזאַרמישע אָדער קאַטאָרזשנע תקנות. אויך דאַרף ער זיי ניט, ער האָט אַנדערע מיטלען ווי אויפצוהאַלטען די אַרבייטער ביי דער אַרבייט.

מען דאַרף דאָ פריהער ווי אַלץ ניט פערגעסען די גרויסע מאַכט פון דער געוואָהנהייט. דער קאַפּיטאַל האָט צוגעוואָהנט דעם איצטיגען אַרבייטער צו אַרבייטען טאָג־טעגליך; ער קען גאָר ניט אויסהאַלטען אַ לאַנגע צייט אָהן אַרבייט. עס זענען דאָ מענשען, וועלכע זענען אַזוי געוואָהנט צו דער אַרבייט, אַז זיי ווייסען ניט וואָס צו טהון מיט זייער פרייער צייט, וועלכע פיהלען זיך אונגליקליך, ווען זיי קענען ניט אַרבייטען. איך בין איבערצייגט, אַז ווען די אַרבייט זאָל פערליערען איהר אָבשטויסענדעם האַראַקטער פון אַנ׳עבודת־פּרך, פון אַנ׳אַרבייט, וואָס ציהט אַרויס דעם מאַרך פון די ביינער, ווען די אַרבייטס־צייט זאָל פערקלענערט ווערען ביז צו אַ געהעריגען גראַד, דאַמאָלס וועט די געוואָהנהייט אַליין האַלטען ביי דער אַרבייט אַ גאַנצע מאַסע אַרבייטער אין די פאַבריקען און מעטאַל־ און קוילען־גרובען.

אָבער מען קען, פערשטעהט זיך, זיך ניט פערלאָזען אויפ׳ן השק אַליין; דאָס איז דער קנאַפּסטער מיטעל. אַנ׳אַנדער, פיעל שטאַרקערער מיטעל איז די דיסציפּלין פון דעם פּראָלעטאַריאַט. מיר ווייסען, אַז ווען וועלכער עס איז פּראָפעסיאָנעלער בונד בעשליסט צו

מאכען א סטרייק, דאן איז די דיסציפלין אליין פון די ארגאניזירטע ארבייטער שטארק גענוג, אז זיי זאלען נעהמען אויף זייערע אייגענע אחריות אלע געפאהרען און שרעקען פון דער ארבייטס-לאזיגקייט, און אפט הונגערען זיי מאנאטען-לאנג, כדי די אלגעמיינע ארבייטער-זאך זאל מנצח זיין. דעריבער גלויב איך, אז ווען די קראפט פון דער דיסציפלין איז גענוג אויף אבצוהאלטען די ארבייטער ניט צו געהען אין פאבריק, וועט זי אויך קענען איינהאלטען זיי ביי דער ארבייט. ווען א פראפעסיאנעלער בונד וועט האלטען פאר נויטיג, אז די ארבייט זאל געהען כסדר אהן אנ'אויפהער, דאן דארפען מיר זיין זיכער, אז עס וועט זיך קוים געפינען ווער עס איז פון זיינע מיטגלידער, וועלכער וועט ווארפען די ארבייט, וואס איז נויטיג לטובת הכלל. די זעלבע מאכט, וועלכע דער פראלעטאריאט ווענדט איצט אן אלס א קאמפפס-מיטעל שטערענדיג די פראדוקציאן, וועט ער דאמאלס בענוצען אלס א ווירקזאמען מיטעל צו זיכערען, אז די געזעלשאפטליכע ארבייט זאל ערפילט ווערען ווי דער סדר איז. וואס העכער עס זענען איצט שוין ענטוויקעלט די פראפעסיאנעלע ארגאניזאציאנען, אלץ זיכערער קען מען זיין, אז די פראדוקציאן וועט ווייטער געהען אונגעשטערט, ווען דער פראלעטאריאט וועט אריינגעהמען די פאליטישע מאכט צו זיך אין די הענד.

אבער די דיסציפלין, וועלכע לעבט אין פראלעטאריאט, איז ניט די מיליטערישע דיסציפלין; זי הייסט ניט בלינד פאלגען א העכערען געוועלטיגער, וועלכען מען דארף גלויבען אויף'ן ווארט; דאס איז די דעמאקראטישע דיסציפלין, ביי וועלכע יעדער איינער פאלגט מיט'ן גוטען ווילען דער פיהרונג, וועלכע ער האט אליין אויסגעקליבען, און דעם בעשלוס פון דער מעהרהייט פון זיינע גענאסען. דיזע דעמאקראטישע דיסציפלין אין דער פאבריק קען ווירקען נאר דאן, ווען די ארבייט וועט זיין ארגאניזירט דעמאקראטיש, ווען די דעמאקראטישע פאבריק וועט פערנעהמען דעם ארט פון דער היינטיגער אווטאקראטישער*). עס פערשטעהט זיך פון זיך אליין, אז א סאציאליסטישע מלוכה-פיהרונג וועט קודם-כל שטרעבען דערצו, צו ארגאניזירען

*) אווטאקראטיש הייסט אזא פיהרונג, ביי וועלכער עס הערשט דער ווילען נאר פון איין מענשען.

די פראדוקציאן דעמאקראטיש. אבער ווען אפילו דער פראלעטאריאט זאל נאך זיין נצחון פון אנהויב אן ניט האבען דאס אין זינען, וועט ער דערצו געצוואונגען זיין דורך דער נויטווענדיגקייט צו פערזיכערען דעם ווייטערען גאנג פון דער פראדוקציאן. די דיסציפלין, אהן וועלכע מען קען ניט אויסקומען ביי דער ארבייט, וועט מען נאר דאן קענען איינהאלטען, ווען די פראפעסיאנעלע דיסציפלין וועט איינגעפיהרט זיין אין דעם פראדוקציאנס-פראצעס.

דאס וועט מען נאטירליך ניט אומעטום קענען דורכפיהרען אויף דעם גלייכען אופן, יעדער בעטריעב האט זיך זיין שטייגער, צו וועלכען די ארגאניזאציאן פון די ארבייטער, וועלכע עס זענען אין איהם בעשעפטיגט, וועט זיך מוזען צופאסען. עס זענען דא בעטריעבען, וועלכע זענען אונמעגליך אהן א ביוראקראטישער ארגאניזאציאן, ווי צ. ב. די אייזען-באהנען. דא קען די דעמאקראטישע ארגאניזאציאן אזוי דורכגעפיהרט ווערען, אז די ארבייטער זאלען אויסקלויבען דעפוטאטען, וועלכע זאלען בילדען א מין פארלאמענט, וועלכער דארף אויסארבייטען אלע תקנות, ווי צו פיהרען די ארבייט, געבען אכטונג אויף אלע בעאמטע. אנדערע בעטריעבען קענען געפיהרט ווערען דורך די פראפעסיאנעלע בונדען, אנדערע — דורך גענאסענשאפטען. אויף אזא אופן זענען מעגליך די פערשידענסטע פארמען פון דער דעמאקראטישער ארגאניזאציאן פון די בעטריעבען, און מיר דארפען ניט ערווארטען, אז די ארגאניזאציאנען פון אלע בעטריעבען וועלען זיין צוגעשניטען נאך איין גלייכער מאס.

מיר האבען געזעהען, אז די מינים פון אייגענטהום וועלען זיין פערשיעדען: מלוכה'שער, גענאסענשאפטליכער און געמיינדע-אייגענטהום. דערביי קען אבער אויך בלייבען פריוואט-אייגענטהום אויף איינע פראדוקציאנס-מיטלען, ווי מיר וועלען נאך בעווייזען. איצט זעהען מיר אויך, אז די ארגאניזאציאנען פון די בעטריעבען וועט האבען די פערשיעדענסטע פארמען.

אבער דיזע צוויי מעכטיגע מיטלען: די דעמאקראטישע דיסציפלין און די געוואהנהייט צו ארבייטען כסדר, ווי ווייט זיי זאלען ניט וועקען דעם השק צו דער ארבייט, קענען נאך אפשר אליין ניט ערב זיין, אז די גאנצע ארבייטער-שאפט וועט שטענדיג אין אנטהייל נעהמען אין דער פראדוקציאן. מיר קענען ניט האפען, אז די פראפעסיא-

געלע ארגאניזאציאן און דיסציפלין וועלען ווען עס איז אין דער היינטיגער געזעלשאפט ארומגעהמען דעם גרעסטען טהייל פון דעם ארבייטער־קלאס. צו דער צייט, ווען דער פראלעטאריאט וועט קומען צו דער הערשאפט, וועט נאך מן הסתם מעהר ניט ווי דער קלענערער טהייל פון איהם זיין ארגאניזירט. מען וועט דעריבער מוזען זוכען אנדערע מיטלען, וועלכע זאלען צוגעבען השק צו דער ארבייט, און אזא מיטעל דארף די פראלעטארישע מלוכה־פיהרונג ניט געהן וויט זוכען, זי האט איהם פאר איהרע אויגען: די צוציהונגס־קראפט פון דער ארבייט. זי וועט מוזען געפינען א מיטעל, ווי אזוי צו מאכען, אז די ארבייט, וועלכע איז איצט א לאסט, זאל ווערען א פערגעניגען, אז די ארבייטער זאלען געהען מיט פערגניגען צו דער ארבייט.

געוויס איז דאס ניט אזא פראסטע זאך, אבער וועניגסטענס דעם אנהויב דערצו וועט דער פראלעטאריאט תיכף מאכען, ווי נאר ער וועט בעקומען די הערשאפט, — מיט דעם וואס ער וועט פערקירצען די ארבייטס־צייט. צו גלייכער צייט וועט ער זעהען מאכען די צימערען, וואו מען ארבייט, היגיענישער און בעקוועמער, ער וועט זיך בעמיהען ווי וויט ער וועט קענען אויסצווארצלען פון דעם ארבייטס־פראצעס די הסרונות, וועלכע עס שטויסען אב פון דער ארבייט. דאס אלץ איז ניט ניי; דאס איז ניט מעהר ווי די וויטערע דורכפיהרונג פון די תקנות, וועלכע מיר געפינען שוין איצט ביז צו א געוויסען גראד אין דער היינטיגער געזעצגעבונג וועגען ארבייטער־שוטץ. אבער אויף צו קענען מאכען גרעסערע פארשריטען אויף דיזען וועג, מוז מען מאכען גרויסע ענדערונגען אין דער טעכניק און געביידען, וועלכע מען קען ניט דורכפיהרען מיט איין קלאפ. עס איז נאך א ספק, צו עס וועט זיך איינגעבען תיכף צו מאכען די ארבייטס־בעדינגונגען אין פאבריק און מעטאל־און קויהלען־גרובען אזוי גוט, אז זיי זאלען צוציהען די ארבייטער. נעבען דער צוציהונגס־קראפט פון דער ארבייט וועט מען נאך מוזען אויסנוטצען אין אנדער צוציהונגס־קראפט: דעם לוין פאר דער ארבייט.

איך רעד דא וועגען ארבייטס־לוין. וועט נאך דען עקסיסטירען ארבייטס־לוין אין דער נייער געזעלשאפט? וועט מען פרעגען, ווילען מיר דען ניט אבשאפען די לוין־ארבייט און דאס געלד? ווי קען מען אלזא רעדען פון ארבייטס־לוין? דיזע קשיות וואלטען געהאט א טעם, ווען

די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן וואָלט זיך תיכף נעהמען אָפּצושאַפען דאָס געלד. אָבער דאָס האַלט איך פאַר אונמעגליך. דאָס געלד איז דער איינפאַכסטער פון אַלע ביז איצט בעקאַנטע מיטלען, וועלכער מאַכט מעגליך ביי אַזאַ קונציגען און פערוויקעלטען מעהאַניזמוס, ווי דער איצטיגער פּראָדוקציאָנס־אופן מיט זיין מורא'דיג ענטוויקעלטער אַרבייטס־טהיילונג, אַז די פּראָדוקטען זאָלען איבערגעהען פון איין האַנד אין דער אַנדערער, פון איין אָרט אין דעם אַנדערען, אַז זיי זאָלען פאַרנאַנדערגעטהיילט ווערען צווישען די איינצעלנע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט; דאָס געלד איז דער מיטעל, וועלכער מאַכט מעגליך, אַז יעדערער זאָל קענען בעפריעדיגען זיינע בעדערפנישען נאָך זיין אייגענעם גוסט (נאַטירליך, ווי ווייט דאָס ערלויבט זיין מאַטעריעלע לאַגע). אָהן געלד, וועלכע איז דער איינציגער מיטעל, וואָס מאַכט מעגליך דעם איבערגאַנג פון די פּראָדוקטען פון איינעם צום צווייטען, קען מען ניט אויסקומען, כל־זמן מען וועט ניט געפינען אַ בעסערען מיטעל. געוויס וועט דאָס געלד פערליערען אייניגע פון איהרע פונקציאָנען, וועניגסטענס אין דעם אינלענדישען פערקעהר, קודם־כל וועט זי אויפהערען צו זיין אַ מאָס פאַר דעם ווערטה. מיר ווילען דאָ ניט אויסגעלאָזען אייניגע בעמערקונגען איבער דעם ווערטה, ווייל דאָס וועט אונז קלערער מאַכען אונזער ענין אין אייניגע פונקטען, פון וועלכע מיר וועלען דאָ נאָך שפּעטער רעדען.

עס איז אַ גרויסער טעות, ווען מען מיינט, אַז די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וועט דורכפיהרען אין גאַנצען דעם ווערטה־געזעץ, אַז זי וועט בעזאָרגען, אַז עס זאָלען געביטען ווערען נאָר גלייכע ווערטהען אויף גלייכע ווערטהען. פערקעהרט דער ווערטה־געזעץ געהערט נאָר אַ געזעלשאַפט, וואו עס הערשט די סחורה־פּראָדוקציאָן.

די סחורה־פּראָדוקציאָן איז אַזאַ מין פּראָדוקציאָנס־אופן, וואו איינצעלנע פּראָדוצענטען, וועלכע זענען אונאַבהענגיג איינע פון די אַנדערע, פּראָדוצירען ביי דער ענטוויקעלטער אַרבייטס־טיילונג איינע פאַר די אַנדערע. אָבער קיין פּראָדוקציאָנס־אופן קען קיין קיום ניט האָבען, וואו אין דער פּראָדוקציאָן זאָלען די אַרבייטס־קרעפטען ניט זיין פאַנאַנדערגעטהיילט אין אַ בעשטימטען פערהעלטניס. די צאָהל אַרבייטס־קרעפטען, וועלכע די געזעלשאַפט פערמעגט, האָט אַ געוויסען שיעור, און זי קען נאָר דאַן בעפריעדיגען איהרע בעדערפניסען

און ווײַטער פֿיהרען די פּראָדוקציאָן, ווען אין יעדען פּראָדוקציאָנס־צווייג איז בעשעפֿטיגט אַזוי פֿיעל אַרבייטס־קרעפֿטען, ווי פֿיעל עס ערלויבען די פֿאַראַנענע פּראָדוקטיווע קרעפֿטען. אין אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפֿט וועט די אַרבייט רעגולירט ווערען נאָך אַ בעשטימטען פּלאַן, די אַרבייטס־קרעפֿטען וועלען פֿאַנאַנדערגעטהיילט ווערען צווישען איינצעלנע פּראָדוקציאָנס־צווייגען נאָך אַ געוויסען פּלאַן. בײַ דער סחורה־פּראָדוקציאָן ווערט דיזע רעגולירונג דורכגעפֿיהרט פֿון דעם ווערטה־געזעץ. דער ווערטה פֿון יעדער סחורה ווערט בעשטימט ניט דורך די אַרבייט, וועלכע די סחורה האָט ווירקליך געקאָסט, נאָר דורך די אַרבייטס־צײַט, וועלכע עס איז געזעלשאַפֿטליך נויטיג אויף איהר אויסאַרבייטונג. די פֿערענדערונגען, וועלכע עס קומען פֿאָר מיט דיזען געזעץ בײַ דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופֿן אַ דאַנק דעם ריוח, וויל איך דאָ ניט אַרומרעדען, ווײַל דאָס וואָלט נאָר אומזיסט פֿערפּלאָנטערן אונזער ענין, ניט ערקלערענדיג איהם טיעפֿער. די געזעלשאַפֿטליך־נויטיגע אַרבייטס־צײַט ווערט בעשטימט אין יעדען אַרבייטס־צווייג ערשטענס דורך דעם, ווי ווײַט עס איז ענטוויקעלט די טעכניק, דורך די געוועהנליכע אָנשטרענגונג בײַ דער אַרבייט א. ז. וו., קורץ דורך די דורכשניטליכע פּראָדוקטיווע קראַפֿט פֿון דעם איינצעלנעם אַרבייטער, פֿון דער אַנדערער זײַט אָבער דורך דעם סכום (מאַסע) פּראָדוקטען, וועלכען די געזעלשאַפֿט פֿאָדערט פֿון דיזעם אָדער יענעם אַרבייטס־צווײַג, און ענדליך דורך דעם סך־הכל אַרבייטס־קרעפֿטען, וועלכע די געזעלשאַפֿט פֿערמעגט. די פֿרײַע קאָנקורענץ זאָרגט דערפֿאַר אַז דער פּרײַז פֿון די פּראָדוקטען, ד. ה. דער סכום געלד, וועלכען מען קען פֿאַר זיי בעקומען, שטרעבט זיך אויסצוגלײַכען מיט דעם ווערטה, וועלכער ווערט בעשטימט דורך די געזעלשאַפֿטליך־נויטיגע אַרבייטס־צײַט. אויף אַזאַ אופֿן ווערט דערגרייכט, אַז אויך אין יעדעם אַרבייטס־צווײַג טרעט די פּראָדוקציאָן ניט אָב — האָטש זי ווערט ניט רעגולירט פֿון איין צענטראַלען פּונקט — ניט אויף אַ סך און ניט אויף לאַנג פֿון דיזען ריכטיגען גראַד. אָהן דעם ווערטה־געזעץ וואָלט פֿון דער פּראָדוקציאָן, בײַ דעם הפקר (אַנאַרכיע), וועלכע עס הערשט אין איהר, געוואָרען תהו ובהו.

אַ בײַשפּיעל וועט עס קלאָר מאַכען. מיר נעהמען דעם איינפֿאַכסטען בײַשפּיעל. מיר וועלען אָננעהמען, אַז די גאַנצע פּראָדוק־

ציאָן ליעפערט אונז נאָר צוויי סאָרטען סחורות, לאָמיר זאָגען הויזען און שלייקעס.

לאָמיר אָננעהמען, אַז אין אַ געזעלשאַפט בעטרעפט די געזעלשאַפטליך־נויטיגע אַרבייטס־צייט פאַר אַ געוויסען משך צייט 10 טויזענד אַרבייטס־טעג פאַר הויזען און 1000 אַרבייטס־טעג פאַר שלייקעס. דאָס הייסט: אויף צו בעפריעדיגען די געזעלשאַפטליכע בעדערפניסען אין הויזען און שלייקעס, דאַרף מען האָבען — ביי אַ בעשטימטען גראַד פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט — אַזוי פיעל אַרבייטס־טעג, ווי פיעל מיר האָבען דאָ אָנגענומען. ווען דער פּראָדוקט פון איין אַרבייטס־טאָג בעטרעפט צ. ב. 5 רוב., וועט בעטרעפען דער ווערטה פון די הויזען 50 טויזענד רוב. און פון שלייקעס 5 טויזענד.

ווען דער איינצעלנער אַרבייטער טרעט אָב ביי זיין אַרבייט פון געזעלשאַפטליכען דורכשניט, ווען צ. ב. ער אַרבייט אויס אין איין אַרבייטס־טאָג אַ העלפט דערפון, ווי פיעל זיינע חברים אַרבייטען אויס, וועט דער פּראָדוקט פון זיין אַרבייטס־טאָג נאָר אַ העלפט דערפון, ווי פיעל עס בעטרעפט דער אַרבייטס־פּראָדוקט פון אַ טאָג אַרבייט ביי זענע חברים, דאָס איז אַ בעקאַנטע זאַך. דאָס גלייכען קומט אויך פאָר, ווען די פאַנאַנדערטהיילונג פון די גאַנצע געזעלשאַפטליכע אַרבייטס־קרעפטען צווישען די איינצעלנע אַרבייטס־צווייגען איז ניט די ריכטיגע. ווען צ. ב. די פאַבריקאַציאָן פון שלייקעס בעקומט מעהר אַרבייטס־קרעפטען, ווי דאָס איז געזעלשאַפטליך־נויטיג, מוז ערגעץ וואו אויספעהלען אַרבייטס־קרעפטען, ווייל די צאָהל אַרבייטס־קרעפטען, וועלכע די געזעלשאַפט פערמעגט, האָט אַ געוויסען שיעור. לאָמיר זאָגען, אַז דיזע אַרבייטס־קרעפטען פעהלען אויס אין דער שניידעריי. אָנשטאָט די געזעלשאַפטליך־נויטיגע 10 טויזענד אַרבייטס־טעג אין דער שניידעריי און 1,000 אין דער פאַבריקאַציאָן פון שלייקעס, געהען אַוועק אויף דער שניידעריי 8,000 און אויף שלייקעס־פאַבריקאַציאָן 3,000 אַרבייטס־טעג. די וועלט ווערט פערפלייצט פון שלייקעס, אָבער איהר פעהלט אויס הויזען. וואָס וועט זיין דער פּועל־יוצא דערפון? דער פּרייז פון די שלייקעס וועט פאַלען, דער פּרייז פון די הויזען וועט שטייגען. די 3,000 ווירקליכע אַרבייטס־טעג, וועלכע די פאַבריקאַציאָן פון שלייקעס האָט געקאָסט, וועלען אין דער אמת'ן האָבען

דעם ווערטה ניט מעהר ווי פון 1,000 געזעלשאפטליך-נויטיגע ארבייטס־טעג, דער ווערטה פון א פאר שלייקעס וועט פאלען ביז צו א דריטעל פון זיין פריהערדיגען ווערטה, דער פרייז וועט אויך פאלען און וועט אפשר אויסמאכען נאך וועניגער פאר א דריטעל פון פריהערדיגען פרייז. דער ווערטה פון די הויזען וועט אבער ווי פריהער בעשטימט זיין דורך 10,000 געזעלשאפטליך-נויטיגע ארבייטס-טעג, און ניט דורך 8,000, וועלכע זיי האבען געקאסט באמת, דער ווערטה פון יעדער איינצעלנער פאר הויזען וועט בעטרעפען 5 פירטעל פון זיין פריהערדיגען ווערטה. דער פועל־יוצא וועט זיין, אז די פאבריקאציאן פון שלייקעס וועט ניט אריינטראגען קיין ריוח, די צאהל ארבייטס-קרעפטען, וואס זענען בעשעפטיגט מיט שלייקעס, וועט פאלען, און וועט ווידער איבערגעהען צו שניידעריי, וועלכע טראגט אריין א גרויסען ריוח.

אויף אזא אופן רעגולירט דער ווערטה-געזעץ ביי דער פרייער קאנקורענץ די פראדוקציאן. עס איז ניט דער בעסטער אופן, וועלכען מען קען זיך נאר פארשטעלען, אויף צו רעגולירען די פראדוקציאן, אבער עס איז דער איינציג מעגליכער ביים פריוואט־איינענטום אויף די פראדוקציאנס-מיטלען. ווען די פראדוקציאנס-מיטלען וועלען געהערען דער געזעלשאפט, וועט דעם ארט פון דיזער רעגולירונג פערנעהמען די געזעלשאפטליכע רעגולירונג פון דער פראדוקציאן. עס וועט מעהר ניט נויטיג זיין צו רעגולירען אזוי די פראדוקציאן, אז עס זאלען אויסגעביטען ווערען גלייכע ווערטהען אויף גלייכע ווערטהען. דערמיט וועט אויך במילא מעהר ניט נויטיג זיין, אז דאס געלד זאל דיענען פאר א מאס פון ווערטה, און אז זי אליין זאל האבען א ווערטה. אנשטאט די מעטאלענע געלד וועט רעכט זיין וועלכער עס איז געלד־צייכען. די מקחים אויף די פראדוקטען וועט מען דאן קענען שטעלען אונאבהענגיג פון זייער ווערטה. פונדעסטוועגען וועט מען בעשטימען די מקחים אויף די פראדוקטען נאך דער ארבייטס-צייט, וואס שטעקט אין זיי, און ווי עס ווייזט אויס על פי שכל, וועט מען אנגעהמען די מקחים, וועלכע האבען זיך היסטאריש איינגעשטעלט.

ווען עס עקסיסטירט אבער געלד און מקחים אויף פראדוקטען, וועט אויך די ארבייט בעצאהלט ווערען מיט געלד, עס וועלען מוזען עקסיסטירען שכירות.

פונדעסטוועגען וואלט עס געווען פאלש צו זאגען, אז דער איצ־

טיגער שכירות־סיסטעם וועט בלייבען, ווי דאס טהוען אנדערע פאביער*), וועלכע קומען און דערצעהלען, אז דער סאציאליזמוס האט ניט דעם צוועק אבצושאפען דעם שכירות־סיסטעם, נאר, פערקעהרט, איינצופיהרען איהם פאר אלעמען. דאס איז ריכטיג נאר פון דער אויסערליכער זייט. אין דער אמת'ן איז די שכירות אונטער א פראלעטארישער מלוכה־פיהרונג גאר אנ'אנדער זאך, ווי אונטער א קאפיטאליסטישער מלוכה־פיהרונג. איצט איז דער לוין דער מקח פון דער סחורה, וואס רופט זיך ארבייטס־קראפט. ער ווערט בעשטימט אין דער אונטערשטער שורה דורך די הוצאות אויף אויסצוהאלטען דעם ארבייטער; דער לוין הייבט זיך און פאלט לויט נאך דעם, ווי פיעל ארבייטס־קרעפטען עס ווערען פארגעשלאגען צום פערקויף און ווי פיעל בעלנים עס זענען דא אויף זיי, ד. ה. פון אנבאט און נאכפרעג. פערקעהרט, אין א געזעלשאפט, וואו דער פראלעטאריאט וועט האבען די הערשאפט, וועט דאס אויפהערען. דער ארבייטער וועט שוין מעהר ניט זיין געצוואונגען צו פערקויפען זיין ארבייטס־קראפט, זי וועט אויפהערען צו זיין א סחורה, ביי וועלכער דער פרייז ווערט בעשטימט דורך די הוצאות, וואס דארף קאסטען איהר פראדוצירען אויף דאס ניי, און איהר פרייז וועט זיך שוין מעהר ניט ווענדען אן אנבאט און נאכפרעג.

ביי דער הערשאפט פון פראלעטאריאט וועט דער ארבייטס־לוין אין דער אונטערשטער שורה בעשטימט ווערען דורך דעם סכום פראדוקטען, וועלכער עס איז פאראן אויף צו פאנאנדערטהיילען צווישען דעם ארבייטער־קלאס. וואס גרעסער דיזער סכום וועט זיין, אלץ

*) פאביער — בילדען א'ן ענגלישע געזעלשאפט פון געלעהרטע און שריפטשטעלער, וועלכע שטעהען נאהענט צום סאציאליזמוס. נאך זייער מיינונג וועט דער סאציאליזמוס ניט איינגעפיהרט ווערען דורך א גרויסע איבערקערעניש, דורך א סאציאלע רעוואלוציאן, נאר ער ווארצעלט זיך ביסלעכווייס איין אין דער געזעלשאפט מיט הילף פון די סאציאלע רעפארמען. דעריבער פיהרען זיי א פראפאגאנדע אין דער ענגלישער געזעלשאפט פאר די נויטווענדיגקייט פון אזוינע רעפארמען. זייער נאמען „פאביער" האבען זיי גענומען ביי'ם בעקאנטען אלט־רוימישען חיל-אנפיהרער „פאביוס", וועלכער האט געהאלטען פאר דער בעסטער טאקטיק — וואס פאמעלעכער צו פיהרען די מלחמה, אויסמיידענדיג גרויסע שלאכטען. מען האט איהם דעריבער געגעבען א צונאמען פאביוס דער מארודניק.

גרעסער וועט קענען זיין און וועט זיין דער ארבייטס־לוין. אמת, פאר די ארבייטס־שכירות אין איינצעלנע ארבייטס־צווייגען וועלען אנבאט און נאכפראגע אויך דאמאלס האבען א געוויסע בעדייטונג. אזוי ווי מען וועט ניט אנווייזען אויפ'ן יוניש'ען אופן די ארבייטער צו ארבייטען דוקא אין דעם אדער יענעם בעטריעב אהן זייער אייגענעם רצון, קען עס געמאלט זיין, אז אין איינינע אינדוסטריע־צווייגען וועלען אנקומען צו פיעל, אין אנדערע צו ווענינ ארבייטער. דאס וועט מען קענען אויסגלייכען דורך דעם, וואס מען וועט אראבדריקען דעם לוין און די אינדוסטריע־צווייגען, וואו עס וועלען זיך מעלדען צו פיעל ארבייטער, און אויפהויבען אין יענע, וואו עס וועלען פעהלען ארבייטער. ביז יעדער אינדוסטריע־צווייג וועט האבען אזוי פיעל ארבייטער, ווי פיעל ער וועט בעדארפען. אבער אויף דעם דורכשניט פון די שכירות פון גאנצען ארבייטער־קלאס וועט דער נאכפראגע און אנבאט קיין שום ווירקונג ניט האבען; ער וועט זיך ווענדען נאר אן דעם סכום פון די פאראנענע פראדוקטען. אנ'אלגעמיינע פערקלענערונג פון לוין צוליעב איבער־פראדוקציאן וועט דאן אונמעגליך ווערען. וואס מעהר עס וועט ווערען פראדוצירט, אלץ העכער וועט בכלל זיין דער לוין.

מען קען אבער איצט שטעלען די פראגע: וויל מען, אז עס זאל געזיכערט ווערען דער שטענדיגער גאנג פון דער פראדוקציאן, דאן מוז מען, כדי איינצוהאלטען די ארבייטער ביי דער פראדוקציאן, זי שטענדיג העכערען דעם לוין. פון וואנען זאל מען אבער בעצאהלען די העכערע שכירות, ד. ה. פון וואנען זאל מען נעהמען דעם נויטיגען סכום פראדוקטען? לאמיר אננעהמען דעם בעסטען פאל, וועלכער קען פארקומען ביי א פראלעטארישע מלוכה־פיהרונג—וועלכען מיר האבען ניט אנגענומען—אז אלע פערמעגענס זאלען קאנפיסקירט ווערען, אז אלע הכנסות פון די קאפיטאליסטען וועלען איצט אנקומען די ארבייטער—דאס אליין וואלט שוין אויף א היבשע ביסעל פערהעכערט דעם לוין פון די ארבייטער. אין מיין בראשיור „סאציאלע רעפארם און רעוואלוציאן" האב איך געבראכט א סטאטיסטיק, נאך וועלכער אלע הכנסות פון די ענגלישע ארבייטער זענען געווען אים יאהר 1891 ארום און ארום 7000 מיליאנען רובל, און פון די קאפיטאליסטען אנ'ערך 8000 מיליאנען רובל. איך האב דארטען בעמערקט, אז דיזע סטאטיסטיק איז, ווי מיר דוכט זיך, א ביסעל צו יום־טוב'דיג אויסגעמאלט. איך האב

גענוג טעמים אָנצונעהמען, אַז זי שטעלט די אַרבייטס־שכירות צו הויך און די הכנסה פון די קאַפּיטאַליסטען צו נידעריג. אָבער ווען מיר זאָלען אַפילו אָננעהמען די צאָהל פון 1891, דאַן בעווייזט זי אויף יעדען פאַל, אַז ווען די הכנסה פון די קאַפּיטאַליסטען זאָל אָנקומען די אַרבייטער, וועט יעדער לוין ווערען אין צוויי׳ען אַזוי גרויס. אָבער לײַדער וועט דאָס ניט זײַן אַזוי אײַנפאַך. ווען מיר זאָלען עקספּראָפּריאירען דעם קאַפּיטאַל, מוזען מיר אויך איבערנעהמען זײַנע געזעלשאַפטליכע פונקציאָנען. דערצו געהערט אויך די אויפגאַבע אָנצוזאַמלען דעם קאַפּיטאַל. די קאַפּיטאַליסטען פערברויכען ניט זייער גאַנצע הכנסה; אַ טהייל דערפון לעגען זיי אָב אויף צו פערגרעסערען די פּראָדוקציאָן; אַ פּראָלעטאַרישע מלוכה־פיהרונג וועט אויך טהון דאָס אייגענע און וועט מוזען פערגרעסערען די פּראָדוקציאָן, און שוין צוליעב דעם טעם אַליין קען זי ניט אַוועקגעבען די אַרבייטער די גאַנצע הכנסה פון די קאַפּיטאַליסטען, אַפילו ווען די קאַפּיטאַלען זאָלען אין גאַנצען קאָנפיסקירט ווערען. אָבער פון דעם מעהר־ווערטה, וועלכען די קאַפּיטאַליסטען לעגען אַרײַן צו זיך אין קעשענע, מוזען זיי אויך אַ טהייל וויעדער אָבגעבען דער מלוכה אין דער געשטאַלט פון שטײַערן. דיזער טהייל וואָלט געוואַקסען זעהר הויך, ווען די פּראָגרעסיווע שטײַערן אויף הכנסה און פערמעגען זאָלען זײַן די איינציגע שטײַערן, וועלכע דער קהל און די מלוכה בעקומען. און די שטײַער־לאַסט וועט בײַ אַ פּראָלעטאַרישער מלוכה־פיהרונג ניט פערקלענערט ווערען. איך האָב פריהער אָנגעוויזען אויף דערויף, ווי פיעל די נײַע בילדונגס־שוהלען אַליין וועלען אײַנשלינגען געלד. אויסער דעם וועט אײַנגעפיהרט ווערען די קראַנקען־פערזיכערונג, די פערזיכערונג פון אַלטע לײַט און פון די, וועלכע זענען געוואָרען אונפעהיג צו דער אַרבייט און ז. וו.

מיר זעהען אַלזאָ, אַז פון די הכנסות פון די קאַפּיטאַליסטען וועט ניט בלײַבען זעהר פיעל אויף צו העכערען די שכירות פון די אַרבייטער, אַפילו ווען מען זאָל קאָנפיסקירען דעם קאַפּיטאַל מיט איין קלאַפּ. און נאָך וועניגער וועט בלײַבען אויף העכערען די שכירות, ווען מען זאָל די קאַפּיטאַליסטען אומקערהרען דעם היזק. דעריבער וועט עס זײַן אויסערסט נויטיג, אַז מען זאָל פערגרעסערען די פּראָדוקציאָן, כדי צו קענען העכערען דעם לוין.

ניט נאָר די חײַטערע פיהרונג פון דער פּראָדוקציאָן,

נאר אויך איהר פערגרעסערונג וועט זיין די נויטיגסטע אויפגאבע פון דער סאציאלער רעוואלוציאן. דער פראלעטאריאט וועט נאך זיין נצחון מוזען וואס געשווינדער פערברייטערען די פראדוקציאן, אויב ער זאל קענען בעפרידיגען די מוראדיג גרויסע פאדערונגען, וועלכע די נייע מלוכה־פיהרונג וועט איהם שטעלען.

5. די פערגרעסערונג פון דער פראדוקציאן.

אויף צו פערגרעסערען געשווינד די פראדוקציאן זענען דא א סך מיטלען, פון וועלכע צוויי, וואס האבען שוין איצט זעהר א גרויסע בעדייטונג, זענען די וויכטיגסטע. ביידע מיטלען ווערען מיט ערפאלג בענוצט פון די אמעריקאנישע סינדיקאטען, ביי וועלכע מיר קענען איבערהויפט איבערנעהמען אייניגע מעטאדען פאר דער סאציאלער רעוואלוציאן. זיי ווייזען אונז, ווי מען קען מיט איין קלאפ פערגרעסערען די פראדוקטיוויטעט פון דער ארבייט. דאס ווערט פשוט דערגרייכט דורך דעם, וואס די גאנצע פראדוקציאן פון א געוויסען מין פראדוקטען ווערט געפיהרט נאר פון די גרויסע און פאלקאמענע אונטערנעהמונגען, און די קליינע, טעכניש וועניגער ענטוויקעלטע בעטריעבען לאזט מען אין גאנצען שטיל שטעהען. דער צוקער־סינדיקאט צ. ב. האט מיט אייניגע יאהר צוריק בענוצט נאר איין פערטעל פון אלע פאבריקען, וואס האבען איהם געהערט, און דיזער פערטעל פון אלע פאבריקען האט פראדוצירט אזוי פיעל, ווי פריהער אלע זיינע פאבריקען אין איינעם. אויך דער בראנפען־סינדיקאט האט אונטער זיך פעראייניגט 80 ברייזער, און פון דיזע 80 האט ער תיכף קאסירט 68, אין וועלכע מען האט אין גאנצען אויפגעהערט צו טרייבען בראנפען; ער האט נאר בענוצט 12 ברייזער, און אין דיזע 12 האט ער כמעט מעהר פראדוצירט ווי פריהער אין די 80. אזוי וועט אויך טהון א פראלעטארישע מלוכה־פיהרונג, און זי וועט דאס קענען נאך לייכטער אויספיהרען, וויל איהר וועט דערביי ניט שטעהען אין וועג דער פריוואט־אייגענטום. וואו די איינצעלנע בעטריעבען זענען פריוואט־אייגענטום, דארט קענען די טעכניש וועניגער ענטוויקעלטע פון זיי נאר לאנגזאם אויסגעוואָרצעלט ווערען דורך דערווירקונג פון דער פרייער קאנקורענץ. די סינדיקאטען האבען געקענט מיט איין קלאפ אבראמען די טעכניש

אבגעשטאנענע בעטריבען נאר דורך דעם, וואס זיי האבען מבטל געוועזען דעם פריוואט-אייגענטהום אויף זיי און האבען פעראייניגט אלע אין איין האנד. די מעטאדע, וועלכע די סינדיקאטען קענען אנווענדען נאר אויף לפי ערך קליינעם טהייל פון דער פראדוקציאן, וועט די פראלעטארישע מלוכה-פיהרונג זיין אים שטאנד צו פערשפרייטען אויף דער גאנצער געזעלשאפטליכער פראדוקציאן, ווייל זי וועט אין גאנצען מבטל זיין דעם קאפיטאליסטישען פריוואט-אייגענטהום. אבער איהר מעטאדע — די פערגרעסערונג פון דער פראדוקטיוויטעט דורך די אויסווארצלונג פון די אבגעשטאנענע בעטריבען — וועט זיך אונטערשיידען פון דער מעטאדע פון די היינטיגע סינדיקאטען ניט דורך דעם אליין וואס דיזע מעטאדע וועט זיך פערברייטען אויף דער גאנצער פראדוקציאן, זי וועט אויך אויסגענוצט ווערען אויף אן אנדער אופן און צוליעב דיזע צוועקען. די נייע מלוכה-פיהרונג וועט איינפיהרען דיזע ענדערונג קודם כל צוליעב די פערהעכערונג פון די שכירות. דער סינדיקאט, פערקעהרט, טהוט עס, ניט קלערענדיג וואס וועט דערפון ארויסקומען פאר די ארבייטער. יענע ארבייטער, וועלכע זענען געווען בעשעפטיגט אין די בעטריבען, וואס ווערען פארבראקירט, זאגט מען איינפאך אב. דער סינדיקאט בענוצט זיי העכסטענס דערצו, אויף צו דריקען זיינע ארבייטער, פערקלענערען זייער לוין און פערגרעסערען זייער אבהענגיגקייט. אנדערש נאטירליך וועט טהון די ארבייטערשאפט נאך איהר נצחון. זי וועט אויפנעהמען די ארבייטער, וועלכע זענען איבעריג געווארען אין שטיל-שטעהענדע בעטריבען, אין אנדערע בעטריבען, וואו עס ווערט פראדוצירט. די סינדיקאטען מאכען נאך דערפאר א סך ארבייטער איבעריג, ווייל זייער כונה איז ניט שטארק צו פערגרעסערען די פראדוקציאן. וואס מעהר מען פערמעהרט דעם סכום פראדוקטען, אלץ גרעסער איז דער אנבאט, אלץ נידעריגער זענען די מקחים אויף די פראדוקטען ביי די איבריגע גלייכע בעדינגונגען. די סינדיקאטען ווילען אבער, פערקעהרט, ניט לאזען פאלען די מקחים. זיי ווילען דעריבער גיכער פערקלענערען די פראדוקציאן, איידער איהר פערגרעסערן. ווען זיי פראדוצירען נאר אין די פאלקאמענע ווערק-שטאטען אליין, טהוען זיי דאס ניט צוליעב דער פערגרעסערונג פון דער פראדוקציאן, נאר קודם-כל צוליעב דער פערקלענערונג פון די הוצאות אויף דער פראדוקציאן, כדי דורך דעם צו פערגרעסערען

דעם ריוח, ווען די מקחים בלייבען די זעלבע אָדער גאָר ווען זיי שטייגען נאָך. פערקעהרט, די פּראָלעטאַרישע מלוכה־פיהרונג וועט קלערען וועגען דער פערגרעסערונג פון דער פּראָדוקציאָן, ניט ווייל זי וועט וועלען פערגרעסערן דעם ריוח, נאָר ווייל זי וועט וועלען פערגרעסערען דעם לוין. זי וועט צוליעב דעם ווי ווייט מעגליך פערמעהרען די צאָהל אַרבייטער אין די פאָלקאָמענע בעטריעבען, און זי וועט קענען פערגרעסערען די פּראָדוקציאָן דורך דעם, וואָס זי וועט אַיינפיהרען, אַז אין אַ בעטריעב זאָלען ארבייטען אַ סך כיתות אַרבייטער איינע נאָך די אַנדערע. ווי דאָס איז מעגליך דורכצופיהרען און ווי דאָס קען ווירקען אויף דער פּראָדוקציאָן וויל איך געבען צו פערשטעהען דורך אַ ביישפּיעל; די ציפער, וועלכע איך וועל ברייגען, זענען אויסגעקלערט פון קאָפּ און דאַרפען ניט גראַדע שטימען מיט דער ווירקליכקייט, דאָס איז אָבער ניט קיין פאַנטאַזיע, אַ אמת'ן בילד דערפון געפינען מיר אין די סינדיקאַטען. לאָמיר נעהמען צום ביישפּיעל די דייטשע טעקסטיל־אינדוסטריע (וועבעריי, שפּינעריי און ד. ג.). זי נעהמט איצט אַרום אַנ'ערך פון אַ מיליאָן אַרבייטער. (אין יאָהר 1895 — 993,257). פון זיי איז די גרעסטע העלפט (1895 — 587,599) בעשעפטיגט אין בעטריעבען, וועלכע האָבען יעדערער מעהר ווי צו 50 אַרבייטער. מיר נעהמען אָן, אַז דער גרעסערער בעטריעב איז שטענדיג אויך דער טעכניש פאָלקאָמענער. דאָס איז ניט אין אַלע פאַלען ריכטיג. אַ בעטריעב מיט 20 אַרבייטער קען אַמאָל זיין טעכניש בעסער אַיינגעאָרדענט, איידער אַ בעטריעב פון דעם זעלבען פאַך מיט 80 אַרבייטער. אָבער בכלל איז דאָס ריכטיג, און מיר קענען דאָס אָננעהמען, ווייל עס רעדט זיך דאָ וועגען אַ ביישפּיעל, וועלכער דאַרף אונז קלערער מאַכען דעם ענין, און ניט וועגען אַ בעשטימטען פּראָיעקט, וועלכער דאַרף שוין מאָרגען דורכגעפיהרט ווערען, אויף די יסודות, וועלכע מיר גיבען דאָ. לאָמיר אָננעהמען, אַז די אונפאָלקאָמענסטע זענען די בעטריעבען, וועלכע האָבען וועניגער ווי צו 50 אַרבייטער. דיזע אַלע בעטריעבען ווערען געשלאָסען, די אַרבייטער, וואָס האָבען דאָרטען געאַרבייט, געהען איבער אין די בעטריעבען, אין וועלכע עס זענען בעשעפטיגט מעהר ווי צו 50 אַרבייטער. דאַמאָלס קענען זיי אַרבייטען אין 2 כתות איינע נאָך די אַנדערע. האָט זייער אַרבייטס־צייט געדויערט ביז איצט 10—11 שעה, קען מען

איהר פערקלענערען ביז אויף 8 שעה פאר יעדער כיתה. פון איצט אן וועט מען אלזא אין דיזע בעטריעבען ארבייטען מיט 6 שטונדען א טאג מעהר, די מאשינען ווערען 6 שעה א טאג מעהר אויסגענוצט, האטש די ארבייטס-צייט פאר יעדען איינצעלנעם ארבייטער איז קירצער געווארען אויף צוויי שעה א טאג. מען קען אננעהמען, אז די פראדוקציאן פון דעם איינצעלנעם ארבייטער וועט דורך דעם ניט פערקלענערט ווערען, דען א סך ביישפיעלען האבען בעוויזען, אז די מעלות, וועלכע אזא סארט פערקירצונג פון דער ארבייטס-צייט בריינגט מיט, וועגען איבער זיינע הסרונות. לאמיר ווייטער אננעהמען, אז אנ׳ארבייטער ארבייט אויס היינט אין א׳ן אונפאלקאמענעם בעטריעב יעהרליך א סכום פראדוקטען, וועלכער האט דעם ווערטה פון 1000 רובל, און די ארבייט אין א גרויסען בעטריעב איז מיט 1000 פראצענט פראדוקטיווער (סיינצה ייםער נעהמט אן, אז אין א גרויסען בעטריעב איז די פראדוקטיוויטעט צוויי מאל אזוי גרויס ווי אין א קליינעם), דאס הייסט, אז א׳ן ארבייטער אין א גרויסען בעטריעב ארבייט אויס אין דער אייגענער צייט 2000 רובל. נאך דיזען השבון פראדוצירט היינט א האלב מיליאן ארבייטער אין די קליינע בעטריעבען פון דער טעקסטיל-אינדוסטריע פראדוקטען, וואס האבען דעם ווערטה פון א האלבען מיליארד רובל; דער אנדערער האלבער מיליאן ארבייטער אין די גרעסערע בעטריעבען ארבייטען אויס פראדוקטען אויף א גאנצען מיליארד רובל. דער גאנצער מיליאן ארבייטער ארבייט אויס פראדוקטען, וואס האבען דעם ווערטה פון 1 מיליארד רובל.

ווען איצט אבער אונטער דער נייער מלוכה-פיהרונג זאלען אלע ארבייטער אנקומען אין די גרויסע בעטריעבען, אין וועלכע עס איז מעהר ווי צו 50 ארבייטער אין יעדערען, וועט אלזא יעדער ארבייטער אויסארבייטען דעם ווערטה פון 2000 רובל א יאהר, אלע ארבייטער פון דער גאנצער טעקסטיל-אינדוסטריע — 2 מיליארדען רובל, מיט $1/_2$ מיליארד מעהר ווי פריהער. כדי צו קענען פערגלייכען די איצטיגע מיט דער שפעטיגער פראדוקציאן, נעהמען מיר אן, אז דאמאלס וועלען אויך ווי פריהער פראדוצירט ווערען ווערטהען.

מען קען אבער געהען א סך ווייטער און אבשטעלען די ארבייט ניט נאר אין די קליינע בעטריעבען, נאר אויך אין די מיטעלע, וועלכע האבען פון 50 ביז 200 ארבייטער, און פיהרען די גאנצע טעקסטיל-

אינדוסטריע נאר אין די גרעסטע פאבריקען, וואס האבען מעהר ווי צו 200 ארבייטער. אין אזוינע גרויסע פאבריקען פון דער טעקסטיל-אינדוסטריע האט בעטראפען אין יאהר 1895 די צאהל פון די ארבייטער 350,306, אונגעפעהר איין דריטעל פון אלע טעקסטיל-ארבייטער. אויף צו בעשעפטיגען אלזא אלע טעקסטיל-ארבייטער אין די גרויסע פאבריקען אליין, מוז מען איינפיהרען, אז עס זאלען ארבייטען 3 כתות איינע נאך די אנדערע. לאמיר אננעהמען, אז, כדי ניט אנצוקומען צו נאכט-ארבייט, וועט די ארבייטס-צייט פון יעדערען פערקירצט ווערען ביז אויף 5 שעה. אלזא ביז צו א העלפט צו דער איצטיגער ארבייטס-צייט. היינט פראדוצירט א'ן ארבייטער אין די גרעסטע פאבריקען אפשר 4 מאל אזוי פיעל ווי אין די קליינע, אלזא נאך אונזער השבון וועלכען מיר האבען אנגענומען מעהר ניט ווי א סברה — אונגעפעהר 4,000 רובל א יאהר. דורך די פערקירצונג פון דער ארבייטס-צייט פערקלענערט זיך ניט אין דעם זעלבען ערך די צאהל אויסגעארבייטע פראדוקטען, ווייל דער אויסגערוהטער ארבייטער קען מעהר אויסארבייטען איידער דער אויסגעמאטערטער. ווען מיר זאלען אננעהמען, אז ער קען אין 8 שעה אויסארבייטען אזוי פיעל ווי איצטער אין 10 שעה, וועט עס ניט זיין קיין גוזמא צו רעכענען, אז די פערקירצונג פון דער ארבייטס-צייט פון 8 אויף 5 שעה וועט פערקלענערען די צאהל אויסגעארבייטע פראדוקטען ניט מעהר ווי אויף 25 פראצענט און געוויס ווייניגער ווי אויף 37 פראצענט. נאך דיזער רעכנונג וועט יעדער ארבייטער אויסארבייטען לכל הפחות $2\frac{1}{2}$ טויזענד רובל און אפשר 3,000 רובל א יאהר, אלע טעקסטיל-ארבייטער צוזאמען $2\frac{1}{2}$—3 מיליארדען. די גאנצע פראדוקציאן וועט שטייגען געגען דער איצטיגער אין צווייען, די שכירות קען מען, נאך דעם נאך, אויפהויבען אין צווייען — אפילו ווען מען זאל גאר ניט קאנפיסקירען די קאפיטאלען — און די ארבייטס-צייט וועט צו גלייכער צייט פערקירצט ווערען אויף א העלפט. אונטער געוויסע בעדינגונגען קען דער לוין לויט די דא געבראכטע ציפער שטייגען נאך העכער. לאמיר אננעהמען, אז פון די פראדוקטען, וואס ווערען אויסגעארבייט אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע אין א יאהר צייט, און וועלכע מיר האבען געשאצט אויף $1\frac{1}{2}$ מיליארד, געהט אוועק $\frac{1}{2}$ מיליארד אויף ארבייטס-לוין, $\frac{1}{2}$ מיליארד אויף רויהע מאטעריאלען,

מאַשינען א. ז. וו. און $\frac{1}{2}$ מיליאַרד אויף ריוח פאַר די קאַפּיטאַליסטען. איצט אונטער דער נייער מלוכה־פיהרונג ווערען פּראָדוציִרט 3 מיליאַרד. דערפון קומט אויס איין מיליאַרד אויף רויהע מאַטעריאַלען, מאַשינען א. ז. וו., $\frac{1}{2}$ מיליאַרד אויף אויסצוצאָהלען די עקספּראָפּריאירטע קאַפּיטאַליסטען און אויף הוצאות אויף צו פיהרען די געזעלשאַפטליכע ענינים, וועלכע די קאַפּיטאַליסטען האָבען ביז איצט בעזאָרגט. דאַן בלייבען $1\frac{1}{2}$ מיליאַרד אויף אַרבייטס־לוין. דעם אַרבייטס־לוין קען מען אַלזאָ פערגרעסערען אין דרייען. און דאָס אַלץ ווערט דערגרייכט אָהן נייעם קאַפּיטאַל, אָהן נייע מאַשינען, מעהר ניט דורך דעם, וואָס מען שטעלט אָב די קלענערע בעטריעבען און מען פיהרט איבער פון דאָרטען די אַרבייטער אין די גרעסערע. מיר מוזען נאָר אויספיהרען אויף אַ גרעסערען שטייגער דאָס, וואָס די סינדיקאַטען פיהרען אויס אויף אַ קלענערען שטייגער. נאָר דער פּריוואַט־אייגענטהום אויף די פּראָדוקציאָנס־מיטלען שטערט די פאָלשטענדיגע ענטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטען.

דיזע מעטאָדע ענטוויקעלט נאָך אַ׳ן אַנדער פּונקט. אונזערע קריטיקער האָבען ליעב צו שטעלען אונז אַ קשיה: עס איז בשום אופן ניט מעגליך, אַז די פּראָדוקציאָן זאָל איבערגעהען אין די הענד פון דער מלוכה, ווייל די צאָהל פון די בעטריעבען איז צו גרויס. עס מוז נאָך דויערען אַ סך צייט, ביז די קאָנקורענץ וועט מבטל זיין די קליינע בעטריעבען, כדי די סאָציאַליסטישע פּראָדוקציאָן זאָל מעגליך ווערען. די צאָהל פון אַלע אינדוסטריעלע בעטריעבען בעטרעפט אין דייטשלאַנד $2\frac{1}{2}$ מיליאָנען, פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע אַליין בעטרעפט זי איבער 200,000. ווי קען די מלוכה פיהרען אַזוי פיעל בעטריעבען!

געוויס די אויפגאַבע דוכט זיך אויס אַ מורא׳דיגע, אָבער זי ווערט איינפאַכער, ווען מיר נעהמען אָן, אַז די פּראָלעטאַרישע מלוכה־פיהרונג וועט בענוטצען די מעטאָדע פון די סינדיקאַטען; זי וועט אפילו עקספּראָפּריאירען אַלע בעטריעבען, אָבער ווייטער בענוטצען וועט זי נאָר די גרויסע און די פאָלקאָמענע. פון די 200,000 טעקסטיל־בעטריעבען זענען נאָר דאָ 3,000, וועלכע בעשעפטיגען מעהר ווי צו 50 אַרבייטער. עס איז קלאָר, אַז ווען די פּראָדוקציאָן זאָל געפיהרט

ווערען נאָר אין די 3,000 בעטריעבען, וועט די געזעלשאַפטליכע רע־גולירונג פון דער פּראָדוקציאָן שוין ווערען אויף אַ סך איינפאַכער. נאָך איינפאַכער וועט זי ווערען, ווען מיר זאָלען אָננעהמען, אַז די נייע מלוכה־פיהרונג וועט פערמאַכען אַלע בעטריעבען, וועלכע האָבען ווע־ניגער ווי צו 200 אַרבייטער; פון די 200,000 בלייבט דאַמאָלס ניט מעהר ווי 800. אויף אַזאַ צאָהל בעטריבען אַכטונג צו געבען און זיי צו קאָנטראָלירען, איז בשום אופן ניט אונמעגליך.

דאָס איז זעהר וויכטיג נאָך אין אַ פרט. אונזער געגנער און פעסימיסטען אין אונזערע רייהען גופא האַלטען, אַז די ציַיטיגקייט פון אונזער געזעלשאַפט פאַר דער סאָציאַליסטישער פּראָדוקציאָן ווענדט זיך אָן די צאָהל הורבות, וועלכע זי שלעפּט מיט נאָך זיך און פון העלכע זי איז אונפעהיג גיך פּטור צו ווערען. אָבער און ווידער וויל מען אונז בייקומען מיט דעם, וואָס מען וויַזט אונז אָן אויף די גרויסע צאָהל פון קליין־בעטריעבען, וועלכע עקסיסטירען נאָך. אָבער די ציַיטיגקייט פאַר דעם סאָציאַליזמוס ווענדט זיך ניט אָן די צאָהל קליין־בעטריעבען, וועלכע עקסיסטירען נאָך, נאָר אָן דער צאָהל גרויס־בעטריעבען, וועלכע עס עקסיסטירען שוין. אָהן דעם ענטוויקעלטען גרויס־בעטריעב איז דער סאָציאַליזמוס אונמעגליך. וואו אָבער דער גרויס־בעטריעב איז ענטוויקעלט אין אַ גענוגע מאָס, איז פאַר דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אַ גרינגע זאַך איבער־צופיהרען די גאַנצע פּראָדוקציאָן אין די גרויסע בעטריעבען, און פּטור צו ווערען פון דעם קליין־בעטריעב זעהר גיך. די פעראומערטע נביאים פון דעם סאָציאַליזמוס, וועלכע זענען קרעכצענדיג מתרה אויף די צרות, וואָס וועלען פון איהם אַרויסקומען, האַלטען זיך זעהר שטאַרק ביי דעם פאַקט, אַז די צאָהל פון די קליינבעטריעבען איז צוגעקומען אין דייטשלאַנד פון 1882—1895 אויף איינס מיט פיער פינפטעל פּראָצענט; אָבער זיי זענען בלינד און זעהען ניט, אַז די צאָהל פון די גרויסבעטריבען מיט מעהר ווי צו 50 אַרבייטער איז צוגעקומען אויף 90 פּראָצענט, און די צאָהל פון די גאַנץ גרויסע בעטריעבען מיט מעהר ווי צו 1,000 אַרבייטער — אויף 100 פּראָצענט. דיזע פער־מעהרונג — דאָס איז די בעדינגונג, וועלכע מאַכט מעגליך דעם סאָציאַ־ליזמוס, און זי געדט זעהר גיך פאָרווערטס. ווען די צאָהל פון די

קליינ-בעטריעבען פערקלענערט זיך ניט אַבסאָלוט*), בעווייזט עס נאָר, אַז די צאָהל פון די הורבות, וועלכע די פּראָלעטאַרישע מלוכה-פיהרונג וועט האָבען אויסצוראַמען, איז נאָך גאַנץ היבש. אַגב זאָגען אונז צו די סינדיקאַטען אויך אין דיזען פּרט דורכצולעגען אַ ברייטען וועג.

נאָך אין אַן אַנדער פּרט געבען אונז די סינדיקאַטען אַ בילד פון דער צוקונפט. די היינטיגע סינדיקאַטען פערגרעסערן דעם ריוח ניט בלויז דורך די פערמעהרונג פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט, נאָר אויך דורך פערשידענע איינשפּאָרענישען. די סאָציאַליסטישע פּראָדוקציאָן וועט עס אויספיהרען נאָך אין אַ העכערען גראַד. צו דיזע איינשפּאָרענישען געהערען אויך די איינשפּאָרענישען אויף מאַשינען, הילפס-מאַטעריאַלען, טראַנספּאָרט-קאָסטען. לאָמיר בלייבען ביי אונזער ביישפּיעל פון דער טעקסטיל-אינדוסטריע: די הוצאות אויף צו טראַנספּאָרטירען הילפס-מאַטעריאַלען און רויהע מאַטעריאַלען פאַר 200,000 בעטריעבען זענען גאָר אַנדערע, ווי פאַר 800 בעטריעבען. דאָס אייגענע איז מיט די הוצאות אויף צו פיהרען דעם בעטריעב. די קלענסטע פון דיזע 200,000 פאָדערען נאַטירליך ניט, מען זאָל אויף זיי האָבען אַ ספּעציעלע השגחה; צו די קלענסטע בעטריבען קען מען צורעכענען די וואָס האָבען ווייניגער ווי 5 אַרבייטער. אין זיי אַרבייט דער בעל-הבית פון בעטריעב אויך מיט. נאָר 12,000 בעטריעבען האָבען מעהר ווי צו 5 אַרבייטער. אָבער דיזע 12,000 פאָדערען געוויס מעהר משגיחים און פיהרערס, איידער די 800. אַנדערע פערשפּאָרענישען ווערען דערגרייכט דורך דעם קאָנקורענץ-קאַמפּף צוליעב קונדען. זינט עס זענען אויפגעקומען אין די פעראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקאַ די סינדיקאַטען, פאַלט די צאָהל פון די געשעפטס-רייזענדע. עס וואַרפט זיך זעהר אין די אויגען דער פאַקט, אויף וועלכען דזשענקס ווייזט אָן אין זיין שריפט: איין סינדיקאַט האָט אַזוי ווייט פערגרעסערט זיין פּראָדוקציאָן אַז די צאָהל פון די ניט-געלערנטע אַרבייטער האָט זיך פערגרעסערט, זינט ער האָט זיך געגרינדעט, אויף 51 פּראָצענט און פון געלערנטע אַרביי-

*) פערקלענערט זיך ניט אַבסאָלוט — הייסט די צאָהל פון די קליינבעטריעבען פערקלענערט זיך ניט אין פערגלייך צו דער פריהערדיגער צאָהל קליינבעטריעבען.

טער — אויף 14 פראָצענט. די צאָהל פון די געשעפטס־רייזענדע האָט זיך דאָרטען אין דעם זעלבען משך צייט פערקלענערט אויף 75 פראָצענט. דער זעלביגער דזשענקעס דערצעהלט אונז, אַז אַנדערע סינדיקאַטען האָבען אָבגעשפּאָרט, לויט זייערע אייגענע ידיעות, 40—85 און נאָך מעהר פּראָצענט פון די הוצאות אויף הודעות, רעקלאַמען א. ז. וו.

ענדליך וועט דורך די פערהעכערונג פון די שכירות צוקומען אין דער אינדוסטריע אַ סך נייע אַרבייטס־קרעפטען פון די וועלכע לעבען איצט ווי פּאַראַזיטען אַלס קליינע סוחרים און מעקלער. זיי מאַטערען זיך צו ציהען זייער קרעמלעך, ניט ווייל מען דאַרף די קליינע קרעמלעך, נאָר ווייל זייערע בעלי־הבתים האָבען ניט קיין אַנדער אָרט אויף צו פערדיענען זייער ברויט אָדער ווייל זיי פערדיענען צו ווייניג פון דער לוין־אַרבייט און מוזען זוכען אַ זייטיגע פרנסה.

פון די כמעט 2 מיליאָנען מענשען, וואָס זענען איצט פערנומען אין דייטשלאַנד אין האַנדעל און פערקעהר (אויסער פּאָסט און אייזענבאַהן), אין שיינקען און רעסטאָראַציעס, וועלען פריי ווערען אפשר אַ גאַנצער מיליאָן, ווען די שכירות אין דער אינדוסטריע וועלען זיך גענוג אויפהויבען, און דער נאָכפראַגע אויף אַרבייטס־קרעפטען וועט וואַקסען; מען וועט זיי קענען בעשעפטיגען אין דער אינדוסטריע אַנשטאָט וואָס זיי פיהרען איצט אַ פּאַראַזיטען־לעבען.

דאָס זענען די צוויי מעטאָדען אויף צו פערמעהרען די פּראָדוקציאָנס־פעהיגקייט פון פּראָלעטאַריאַט: אָבשאַפען די פּאַראַזיטישע בעשעפטיגונגען און פיהרען די פּראָדוקציאָן נאָר אין די פאָלקאָמענסטע בעטריעבען. דורך דיזע ביידע מיטלען קען די פּראָלעטאַרישע מלוכה־פיהרונג אויפהויבען די פּראָדוקציאָן אויף אַזאַ הויכען גראַד, אַז עס וועט מעגליך זיין צו פערגרעסערען אויף אַ סך דעם אַרבייטס־לוין און אין דער זעלבער צייט צו פערקירצען די אַרבייטס־צייט. יעדע פערהעכערונג פון דעם לוין און פערקירצונג פון דער אַרבייטס־צייט וועט פערגרעסערען די קראַפט, וואָס וועט צוציהען די אַרבייטער צו דער אַרבייט, און וועט ברייגנען דער פּראָדוקציאָן נייע אַרבייטער, וועלכע האָבען ביז איצט געפיהרט אַ פּאַראַזיטישען לעבען, ווי צ. ב. בעדיענטע, קליינע קרעמערס א. ז. וו. וואָס העכער די

שכירות, אַלץ מעהר אַרבייטער. אָבער אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט קען מען דיזען כלל אויך לערנען פערקעהרט: וואָס מעהר אַרבייטער, אַלזאָ וואָס וועניגער ליידיג־געהער אין דער געזעלשאַפט, אַלץ מעהר ווערט פּראָדוצירט, אַלץ העכער דער לוין. דיזער געזעץ וואָלט אויסזעהען ווילד אין אַ געזעלשאַפט, וואו עס הערשט די פרייע קאָנקורענץ, וואו דער לוין פאַלט אַלץ נידעריגער — ביי די איבעריגע גלייכע בעדינגונגען — וואָס מעהר מענשען עס זוכען אַרבייט. דיזער געזעץ — איז אַ לוין־געזעץ פון דעם סאָציאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן.

6. די אָרגאַניזירונג פון דער רעפּראָדוקציאָן*).

אויבען האָבען מיר אַרומגערעדט די צווי מעטאָדען פון די סינדיקאַטען. אָבער מיט דער אָנווענדונג אויף דער פּראָדוקציאָן פון דיזע ביידע מעטאָדען ענדיגען זיך נאָך ניט פאַר דער פּראָלעטאַרישער מלוכה־פיהרונג איהרע ערשטע אויפגאַבען, וועלכע זענען נוגע די וייטערע פיהרונג פון דער פּראָדוקציאָן. דער פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, אַלס אַ פּראָצעס, וועלכער הייבט זיך שטענדיג אָן פון דאָס ניי, אַלס אַ פּראָצעס פון דער רעפּראָדוקציאָן, בעדאַרף פאַר דעם אונגעשטערטען וייטערען גאַנג ניט נאָר די פּ ר אָ ד ו ק צ י אָ ן, נאָר אויך די צ י ר ק ו ל אַ צ י אָ ן**). כדי עס זאָל זיין מעגליך צו פּראָדוצירען אָהן אָנאָבשטעל, נאָכאַנאַנד, בעדאַרף מען ניט בלויז אַרבייטער, וועלכע אַרבייטען אויס די פּראָדוקטען, נאָר עס איז אויך נויטיג, אַז עס זאָל ניט זיין קיין שטערונג אין דער צושטעלונג פון רויהע מאַטעריאַלען, הילפס־מאַטעריאַלען, (למשל, קויהלען), פון נייע געצייג און מאַשינען אָנשטאָט די אָבגענוצטע, פון לעבענס־מיטלען פאַר די אַרבייטער, און אַז די פאַרטיגע פּראָדוקטען זאָל מען קענען אָבזעצען.

אַנ׳אָבשטעל אין דער צירקולאַציאָן בעדייטעט אַנ׳עקאָנאָמישען

*) רעפּראָדוקציאָן—הייסט פּראָדוצירונג פון דאָס ניי.

**) צירקולאַציאָן—הייסט אייגענטליך אַרומגאַנג. אונטער צירקולאַציאָן פערשטעהט מען אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע דעם, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקען, אַרומגאַנג פון סחורות, ד. ה. דעם איבערגאַנג פון די סחורות פון איינע הענד אין די אַנדערע.

קריזיס. זי שטעלט זיך אב אדער צוליעב דעם, וואס מען האט געוויסע מינים סחורה צו פיעל פראדוציערט. אין דיזען פאל קענען די פאבריקען, וואו דיזע סחורות זענען אויסגעארבייט געווארען, ניט ארבייטען מיט'ן גאנצען גאנג, ווייל עס איז ניטא וואו אבצוזעצען אלע זייערע פראדוקטען. זיי בעקומען פאר די סחורות קיין געלד ניט, און דעריבער פעהלען זיי די מיטלען אויף צו קויפען נייע רויהע מאטעריאלען, צו צאהלען די שכירות א. ז. וו. אבער קריזיסען קענען אויך ארויסגערופען ווערען דורך דעם, וואס מען האט צו ווייניג פראדוציערט איינייגע מינים סחורות, ווי דאס איז צ. ב. געוועזן מיט דעם קריזיס אין דער ענגלישער באוועל-אינדוסטריע, אין דער צייט פון דער בירגער-מלחמה אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא*), ווייל אין דער מלחמה-צייט איז די פראדוקציאן פון באוועל זעהר געפאלען.

די קריזיסען זענען די ערגסטע צרה פון דעם איצטיגען פראדוקציאנס-אופן. זיי צו פערניכטען, איז איינע פון די וויכטיגסטע אויפגאבען פון א פראלעטארישער מלוכה-פיהרונג. דאס קען אבער געשעהען נאר דורך דער רעגולירונג נאך א בעשטימטען פלאן פון דער פראדוקציאן און צירקולאציאן, ד. ה. פון דער רעפראדוקציאן.

געוועהנליך האלט מען, אז די אויפגאבע פון דעם סאציאליזמוס איז די ארגאניזירונג פון דער פראדוקציאן. אבער ביז צו א געוויסען גראד ערפילט שוין דיזע אויפגאבע דער קאפיטאל, איינפיהרענדיג אנשטאט די קליינע פון אנאנדער אונאבהענגיגע בעטריעבען די ארגאניזאציאן פון דער פראדוקציאן אין א גרויסען בעטריעב, וועלכער האט אפטמאל טויזענדער ארבייטער. די סינדיקאטען געהען אזוי וויט, אז זיי ארגאניזירען די פראדוקציאן פון גאנצע אינדוסטריע-צווייגען. וואס עס קען אבער איינפיהרען מעהר ניט ווי די

*) אין דער ערסטער העלפט פון די 60-גער יאהרען איז פארגעקומען א מלחמה צווישען די צפון'דיגע שטאאטען (פראווינצען) פון אמעריקא, וועלכע עס זיינען געשטאנען פאר די פערניכטונג פון דער נעגער-שקלאפעריי, און די דרום'דיגע שטאאטען, וועלכע זיינען געוועזן געגען דער בעפרייאונג פון די נעגערס. די מלחמה האט זיך געענדיגט סוף 60-גער יאהרען מיט דעם נצחון פון די צפון'דיגע שטאאטען און מיט דער בעפרייאונג פון די נעגערס פון זייער שקלאפעריי.

פראלעטארישע מלוכה-פיהרונג אליין, איז די רעגולירונג פון דער צירקולאציאן פון די פראדוקטען נאך א בעשטימטען פלאן, די רעגולירונג פון דעם פערקעהר צווישען בעטריעב און בעטריעב, צווישען די וואס פראדוצירען און צווישען די, וועלכע קאנסומירען (פערברויכען); דעם ווארט קאנסומירען דארף מען פערשטעהען אין דעם ווייטעסטען זינען, ער נעהמט ארום ניט נאר דעם פערזענליכען פערברויך, נאר אויך דעם פראדוקטיווען פערברויך, דעם פערברויך צוליעב פראדוקציאן. דער וועבער פערברויכט צ. ב. גארן, און דאס געהערט צום **פראדוקטיווען קאנסום**; א שטיק ברויט, וועלכע ער פערברויכט, געהערט צום **פערזענליכען קאנסום**.

נאר דער פראלעטאריאט אליין קען דורכפיהרען די רעגולירונג פון דער פראדוקטען-צירקולאציאן דורך דעם, וואס ער איז מבטל דעם פריוואט-אייגענטום אויף די בעטריעבען, און ניט נאר וואס ער **קען**, ער **מוז** איהר דורכפיהרען, ווען דער פראדוקציאנס-פראצעס זאל אונטער זיין פיהרונג ווייטער געהן, ד. ה. ווען זיין מלוכה-פיהרונג זאל א קיום האבען. ער מוז בערעכענען, ווי פיעל עס זענען דא פראדוקטיווע קרעפטען (ארבייטער און פראדוקציאנס-מיטלען) און ווי פיעל מען בעדארף פראדוקטען, און נאך דיזער רעכענונג מוז ער אין יעדעם איינצעלנעם געזעלשאפטליכען בעטריעב בעשטימען, ווי ווייט עס זאל דארטען געפיהרט ווערען די פראדוקציאן; ער מוז אויך זארגען דערפאר, אז יעדער בעטריעב זאל האבען ניט נאר די נויטיגע ארבייטער, נאר אויך די נויטיגע פראדוקציאנס-מיטלען, און אז די פארטיגע פראדוקטען זאלען צוגעשטעלט ווערען די קאנסומענטען.

קען מען אבער דאס אויספיהרען אין דער איצטיגער גרויסער מלוכה? לאז מען זיך נאר פארשטעלען צ. ב. די דייטשע מלוכה אלס פיהרער פון דער פראדוקציאן, וועלכע האט 2 מיליאנען בעטריעבען, און אלס פערמיטלער, וועלכער בעזארגט די צירקולאציאן פון די פראדוקטען; א טהייל פון דיזע פראדוקטען מוז זי צושטעלען אלס פראדוקציאנס-מיטלען, און דעם אנדער טהייל—אלס פערברויכס-מיטלען, פאר 60 מיליאנען קאנסומענטען, פון וועלכע יעדער האט בעזונדערע און זיך בייטענדע בעדערפניסען! די אויפגאבע זעהט אויס מורא'דיג שווער, סיידען מען איז מרוצה ווי ווייט מעגליך צו פערקלענערען די מענשליכע בעדערפניסען, צו רעגולירען זיי אלע נאך איין איינפאכער

מאָס, און יעדען אויסטהיילען ווי אין קאַזאַרמע אַ געוויסע פּאָרציע, ד. ה. אַראָבצודריקען דעם איצטיגען קולטור־לעבען אויף זעהר אַ ניעדריגע מדרגה! פעהלט נאָך, אַז מיר זאָלען אויף אַזאַ אופן דערגעהען צו אַ קאַזאַרמעשע אָדער אַ קאַטאָרזשנע מלוכה?

געוויס, די אויפגאַבע איז ניט פּראָסט. זי איז די שווערסטע פון אַלע אויפגאַבען, וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט וועט האָבען אויף זיך, און זי וועט איהם פערשאַפען ניט וועניג קאָפּ־דרעהעניש. אָבער מען דאַרף ניט צו שטאַרק פערגרעסערען דיזע שוועריגקייט.

קודם כל דאַרף מען בעמערקען, אַז דאָ רעדט זיך ניט פון דעם, ווי צו בעשאַפען איבער נאַכט פון דער לופט אַ גאַנצע נייע אָרגאַניזאַציאָן פון דער פּראָדוקציאָן אין צירקולאַציאָן. אַזאַ אָרגאַניזאַציאָן האָבען מיר שוין ביז צו אַ געוויסען גראַד, אַז ניט וואָלט די עקסיסטענץ פון דער היינטיגער געזעלשאַפט געווען אונמעגליך. עס רעדט זיך נאָר וועגען דעם, ווי אומצוענדערען דיזע אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע איז ביז אַהער געווען א נ א ו נ ב ע ו ו א ו ס ט ע, וועלכע האָט זיך שטענדיג, אונטער דער ווירקונג פון דעם ווערטה־געזעץ, דורכגעשלאָגען אַ וועג הינטער אַרום, אַז די פּעראינטערעסירטע צדדים האָבען דערפון ניט געוואוסט, אַ וועג פול מיט זיפצען און קרעכצען, סכסוכים, באַנקראָטען, קריזיסען — אומצוענדערען דיזע אָרגאַניזאַציאָן אין אַ ב ע ו ו א ו ס ט ע, וואו ניט דער נאָכפרעג און אָנבאָט זאָלען רעגולירען די פּראָדוקציאָן שוין „לאַחר המעשה”, שוין נאָכדעם, ווי אַלץ איז געשעהן, נאָר וואו אַלע וויכטיגע מאָמענטען זאָלען זיין פון פריהער אויסגערעכענט. שוין איצט איז די גאַנצע פּראָדוקציאָן צוטהיילט אין פערשיעדענע אַרבייטס־צווייגען לויט נאָך די בעדערפנישען, אָבער אונפּאָלקאָם און ניט־שטענדיג; מען דאַרף עס ניט פון דאָס נייע איינפיהרען, נאָר מאַכען עס פּאָלקאָמענער און שטענדיגער. אַקוראַט ווי ביים געלד און די פּרייזען, וועט מען אויך דאָ איבערנעהמען דעם שוין איינגעפיהרטען שטייגער; מען דאַרף ניט אָנהויבען אַלץ פון דאָס ניי, נאָר אין איינציגע פּרטים מוז מען פערברייטערען, אין אַנדערע פערשמעלערען, אין אַנדערע פערשטאַרקען, וואו עס האַלט ניט פעסט.

ווייטער ווערט אָבער אויך די אויפגאַבע אויף אַ היבשע ביסעל פערגרינגערט דורך דעם, וואָס די גאַנצע פּראָדוקציאָן וועט, ווי מיר האָבען שוין אויבען אַרומגערעדט, איבערגעהען נאָר אין די גרויסע

פאלקאמענע בעטריעבען, און דערמיט וועט א סך פערקלענערט ווערען די צאהל פון די בעטריעבען. פון 2,146,972 בעטריעבען, וועלכע די אינדוסטריע פון **דייטשלאנד** האט געצעהלט אין יאהר 1895, זענען געוועזען נאר 17,941 גרויס-בעטריעבען מיט מעהר ווי צו 50 ארבייטער (יעדענפאלס זענען אין זיי געוועזען 3 מיליאנען ארבייטער; אין גאנצען זענען אין דייטשער אינדוסטריע בעשעפטיגט 8 מיליאנען). איך זאג, פערשטעהט זיך ניט, אז מען וועט ארבייטען נאר אין דיזע גרויסע בעטריעבען. עס וואלט געוועזען א געלעכטער צו וועלען געבען פינקטליכע ציפער איבער צוקינפטיגע פערהעלטניסען. די אלע ציפער, וואס מיר האבען געבראכט, האבען נאר דעם צוועק צו **געבען א פארשטעלונג** פון דער אויפגאבע, וועלכע עס שטעהט פאר, זיי ווילען אבער ניט פינקטליך **אויסטייטשען**, ווי עס וועט אליץ פארקומען אין דער ווירקליכקייט. די סטאטיסטיק, וועלכע איך האב געבראכט, אז אין **דייטשלאנד** זענען אין 1895 יאהר פון די 2 מיליאנען בעטריעבען נאר 18 טויזענד געוועזען גרויס-בעטריעבען, בעדייטעט ניט, אז אין דער סאציאליסטישער געזעלשאפט וועלען פון יעדע 2 מיליאנען בעטריעבען, ארבייטען מעהר ניט ווי 18 טויזענד, דאס זאל מעהר ניט אנווייזען, אז די צאהל פון די אינדוסטריעלע בעטריעבען וועט זיך אויף א סך פערקלענערען אונטער א פראלעטארישער מלוכה-פיהרונג.

אבער די שוועריגקייט צו ארגאניזירען די פראדוקציאן און צירקולאציאן קען מען פערגרינגערען ניט נאר דורך דער פערקלענערונג פון דער צאהל בעטריעבען, נאר אויך אויף אנ'אנדער אופן.

מען קען צוטהיילען די פראדוקציאן אין 2 גרויסע טהיילען: די פראדוקציאן פאר דעם **קאנסום** און די פראדוקציאן פאר דער **פראדוקציאן**. די פראדוקציאן פון פראדוקציאנס-מיטלען איז היינט געווארען, א דאנק דער שטארקער ענטוויקעלטער ארבייטס-טהיילונג, דער וויכטיגסטער טייל פון דער פראדוקציאן און זי וואקסט וואס ווייטער אליץ מעהר. כמעט קיין איינציגער געברויכס-מיטעל געהט ניט ארויס פארטיג פון איין האנד, נאר ער געהט דורך א סך בעטריעבען, און דער, וועלכער מאכט אונז פארטיג דעם געברויכס-פראדוקט, איז ניט מעהר ווי דער לעצטער פון א לאנגע רייהע פראדוצענטען, וואס האבען פריהער שוין געארבייט אויף דיזען פראדוקט. עס איז אבער א גרויסע נפקא-

מינה צווישען דער פראָדוקציאָן פון געברויכסט-מיטלען און צווישען דער פראָדוקציאָן פון פראָדוקציאָנס-מיטלען. די פראָדוקציאָן פון פראָדוקציאָנס-מיטלען געהערט צו מורא'דיג גרויסע בעטריעבען, ווי די אַייזען-אינדוסטריע, מעטאַל-און קויהלען-גרובען און ז. וו. זיי זענען שוין ביי היינטיגען טאָג גוט אָרגאַניזירט אין סינדיקאַטען, קאַרטעלען, טראָסטען און ז. וו. אָבער אויך צווישען די קונדען פון דיזע פראָדוקציאָנס-מיטלען איז אויך שטאַרק ענטוויקעלט די אָרגאַניזאַציאָן פון די אונטערנעהמער און הברות. אָפט האַנדעלט שוין דאָ ניט דער איינצעלנער אונטערנעהמער מיט דעם איינצעלנעם אונטערנעהמער, נאָר אַ קאָמפּאַניע מיט אַ קאָמפּאַניע, איין אינדוסטריע-צווייג מיט דעם אַנדערן. אינדוסטריע-צווייג. און אַפילו דאָרטען, וווא די אונטערנעהמער-הברות זענען וועניגער ענטוויקעלט, האָבען אויך שטענדיג צו טהון אין דיזער פראָדוקציאָן לפי-ערך וועניג פראָדוצענטען מיט וועניג קאָנסומענטען, ווייל דער קאָנסומענט איז דאָ ניט איין איינצעלנע פערזאָן, נאָר אַ גאַנצער בעטריעב. אין דער פאַבריקאַציאָן פון שפּין-און וועב-מאַשינען האָט מען געצעהלט אין יאָהר 1895 — 1152 בעטריעבען מיט 17,047 אַרבייטער; דערפון קען מען אָבער אַראָברעכענען וועגען זייער קליינער בעדייטונג 774 בעטריעבען, וועלכע האָבען בלויז 1474 אַרבייטער. גרויס-בעטריעבען זענען געוועזען בלויז 73 מיט 10,355 אַרבייטער. טעקסטיל-בעטריעבען (ניט בלויז שפּינערייען און וועבערייען) זענען דאָ אין דייטשלאַנד גאַנצע 200,000, זייער צאָהל דאַרף זיך, ווי מיר האָבען געזעהען, שטאַרק פערקלענערן, אַז עס זאָל בלייבען נאָר איינגע טויזענד אָדער פיללייכט איינגע הונדערט. ווען די גאַנצע פראָדוקציאָן זאָל זיך אַלזאָ פעראייניגען אין די גרויסע פאָלקאָמענע בעטריעבען, בלייבט פון איין זייט אפשר 50 מאַשינען-פאַבריקען און פון דער אַנדער זייט אַ 2000 שפּינערייען און וועבערייען. איז דאָס דען אונמעגליך, אַז די פיהרער פון די מאַשינען-פאַבריקען זאָלען דורכקומען מיט די פיהרער פון די טעקסטיל-פאַבריקען וועגען דעם, ווי פיעל מאַשינען זיי דאַרפען צושטעלען, און נאָך דעם רעגולירען די פראָדוקציאָן אין די מאַשינען-פאַבריקען?

ביי אַזאַ לפי ערך קליינער צאָהל פון פראָדוצענטען און קאָנסומענטען איז לייכט צו פערשטעהן דעם פאַקט, וואָס די פראָדוקציאָנס-מיטלען ווערען שוין אַפילו היינט וואָס ווייטער אַלץ וועניגער פראָדו-

צירט פאַר דעם אָפּענעם מאַרק, און וואָס עס וואַקסט אַלץ מעהר די פּראָדוקציאָן אויף בעשטעלונג, אַלזאָ די פּראָדוקציאָן און צירקולאַציאָן, וועלכע פיהרען זיך מיט אַ געוויסען סדר, נאָך אַ בעשטימטען פּלאַן.

אַ'ן אַנדער האַראַקטער האָט די פּראָדוקציאָן פון קאָנסומציאָנס־מיטלען. אמת, אויך דאָ האָבען מיר מורא'דיג גרויסע בעטריעבען (צוקער־פאַבריקען, ברויערייען), אָבער בכלל שפּיעלט דאָ דער קליין־בעטריעב די גרעסטע ראָליע. דאָ הערשט נאָך דאָס רוב די שטרעבונג זיך צו צופּאַסען צו די פּערזענליכע בעדערפנישען פון יעדעם קונד, און דאָס קען דער קליין־בעטריעב גיכער אויספיהרען ווי דער גרויס־בעטריעב. די צאָהל פון די בעטריעבען איז דאָ גרויס, און מען וועט זיי ניט קענען פערקלענערען אויף אַזוי פיעל, ווי ביי דער פּראָדוקציאָן פון פּראָדוקציאָנס־מיטלען. דאָ הערשט אויך די פּראָדוקציאָן פאַר דעם אָפּענעם מאַרק; דיזען מאַרק איז, וועגען דער גרויסער צאָהל פון קאָנסומענטען, אַ סך שווערער צו קענען איידער ביי דער פּראָדוקציאָן פון פּראָדוקציאָנס־מיטלען. די צאָהל פון די אונטערנעהמער־הברות איז דאָ קלענער. אָרגאַניזירען די פּראָדוקציאָן און צירקולאַציאָן פון די קאָנסומציאָנס־מיטלען וועט דעריבער זיין פיעל שווערער, איידער ביי דער פּראָדוקציאָן פון פּראָדוקציאָנס־מיטלען.

אָבער אויך דאָ מוזען מיר אונטערשיידען צוויי סאָרטען פון פּראָדוקציאָן: די פּראָדוקציאָן פון נויטיגע קאָנסומציאָנס־מיטלען און פון די לוקסוס־מיטלען. דער נאָכפראַגע אויף די נויטיגע קאָנסומציאָנס־מיטלען ענדערט זיך לפי ערך וועניג, ער איז כמעט ווי שטענדיג דער זעלביגער. יעדען טאָג ברויכט מען דעם זעלביגען סכום מעהל, ברויט, פלייש, גרינסען; דער נאָכפראַגע אויף שטיוועל און וועש ענדערט זיך פון יאָהר צו יאָהר וועניג. פערקעהרט, דער נאָכפראַגע אויף געברויכס־מיטלען ענדערט זיך אַלץ מעהר, וואָס מעהר זיי טראָגען דעם האַראַקטער פון לוקסוס־זאַכען, אָהן וועלכע מען קען זיך בעגעהען, וואָס מעהר זיי זענען געברויכס־מיטלען, וועלכע עס איז אַנגענעהם צו האָבען אָדער צו געניסען, אָבער אָהן וועלכע מען קען אויסקומען. דאָ וועגדעט זיך דער קאָנסום מעהר אָן די קאַפּריזען און פערלאַנגען פון די קונדען. אָבער ווען מען קוקט זיך רעכט צו, זעהט מען, אַז דיזע קאַפּריזען און פערלאַנגען שטאַמען ניט אַזוי פון די קונדען, ווי פון דער אינדו־

סטריע אַליין. ווי עס איז בעקאַנט, בייט זיך די מאָדע ניט אַזוי צוליעב דעם, וואָס ביי'ם פּובליקום האָט זיך געביטען דער גוסט, נאָר ווייל עס פּאַסט בעסער פאַר פּראָדוצענטען אַרויסצוואַרפען איין אום־חן אויף די אַלטע שוין פערקויפטע סחורה, כדי די קאָנסומענטען זאָלען קויפען נייע. די נייע, מאָדישע סחורה מוז זיך דעריבער שטאַרק אונטערשיידען פון דער אַלטער, אויף אַזוי שטאַרק, אַז דער אונטערשייד זאָל שפּרינגען אין די אויגען, נעבען דער רידרעוודיגקייט, וועלכע ליעגט אין דעם עצם־האַראַקטער פון דעם איצטיגען פּראָדוקציאָנס־אופן, איז דיזע שטרעבונג פון די פּראָדוצענטען די הויפּטזאַכע פון דעם, וואָס די מאָדע בייט זיך אַזוי געשווינד. זיי זענען עס, וועלכע פאַבריצירען פריהער די מאָדע און נאָכדעם נויטען זיי דעם פּובליקום איהר אָנצונעהמען.

ווען דער נאָכפראַגע אויף קאָנסומציאָנס־מיטלען — מיר רעדען דאָ וועגען לוקסוס־זאַכען — ענדערט זיך, ליעגט די סבה דערפון ניט אַזוי אין דעם וואָס ביי'ם פּובליקום האָט זיך אומגעביטען דער גוסט, נאָר אַ סך מעהר אין דעם, וואָס די הכנסות פון די קונדען ענדערען זיך. דיזע ענדערונג פון זייער זייט, אויף ווי פיעל זיי זענען נוגע ניט נאָר יחידים, נאָר אַ גרויסען טייל פון דער געזעלשאַפט, האָבענדיג אַ שטאַרקע ווירקונג אויף זייער געברויך, שטאַמען דערפון וואָס עס בייטען זיך גוטע צייטען און קריזיסען, אַ שטאַרקער נאָכפראַגע אויף אַרבייט און פערגרעסערונג פון אַרבייטס־לאָזיגקייט. ווען מיר זאָלען אָבער זוכען די סבה, פון וואַנען דיזע ענדערונגען קומען, וועלען מיר געפינען, אַז זי ליעגט אין דער פּראָדוקציאָן פון פּראָדוקציאָנס־מיטלען. אַלע וויסען און זענען מודה, אַז היינט ליעגט די סבה פון די קריזיסען הויפּטזעכליך אין דער אַייזען־אינדוסטריע.

די שטענדיגע ביטונג פון גוטע צייטען און קריזיסען און צוזאַמען מיט דעם די גרויסע פערענדערונגען אין דעם געברויך פון קאָנסומציאָנס־מיטלען, שטאַמען אַלזאָ פון דער פּראָדוקציאָן פון פּראָדוקציאָנס־מיטלען, ד. ה., פון דאָרטען, וואו די אָרגאַניזאַציאָן פון דער פּראָדוקציאָן און איהר פעראייניגונג אין אַ קליינער צאָהל גרויסע בעטריעבען איז היינט שוין אַזוי וויט ענטוויקעלט, אַז עס וועט זיין דאָרטען גרינגער ווי אומעטום פאָלשטענדיג צו אָרגאַניזירען די פּראָדוקציאָן און צירקולאַציאָן. די שטענדיגקייט אין דער פּראָדוקציאָן פון פּראָדוקציאָנס־מיטלען ברייננט מיט די שטענדיגקייט אין דעם

נאָכפרעגע אויף קאָנסומציאָנס־מיטלען, וועלכען מען וועט לייכט קענען אויסרעכענען נאָך אַ סטאַטיסטיק, ניט איינפיהרענדיג וועלכע עס איז תקנות וועגען קאָנסומציאָן.

די פּראָלעטאַרישע מלוכה־פיהרונג קען ליידען נאָר פון א י י ן מין שטערונגען אין דער צירקולאַציאָן, אויף ווי פיעל זיי שטאַמען פון דער פּראָדוקציאָן: נאָר פון דער צו ק אַ ר ג ע ר פ ר אָ ד ו ק צ י אָ ן (אונטערפּראָדוקציאָן), ניט פון דער א י ב ע ר פ ר אָ ד ו ק צ י אָ ן (צו־גרויסער פּראָדוקציאָן). היינט איז די איבערפּראָדוקציאָן די הויפּט־סבה פון די קריזיסען, ווארום די גרעסטע שוועריגקייט ליגט היינט אין דעם פערקויפען, אין דעם אָ ב ז ע צ ע ן פּראָדוקטען. דאָס ק ו י פ ע ן, קריגען פּראָדוקטען, וועלכע מען דאַרף — דאָס איז געוועהנליך ניט קיין גרויסע דאגה, ווענינגסטענס פאַר יענע גליקליכע, וועלכע האָבען די מזומנים. ביי אַ פּראָלעטאַרישע מלוכה־פיהרונג איז דאָס פּונקט פערקעהרט. וועגען אָבצוזעצען די פאַרטיגע פּראָדוקטען דאַרף מען ניט זעהר שטאַרק זאָרגען. ניט פּריוואַט־מענשען פּראָדוצירען דאָ אויף צו פערקויפען אַנדערע פּריוואַטע מענשען, נאָר די געזעלשאַפט פּראָדוצירט פאַר איהר אייגענעם בעדאַרף. דאָ קענען אַרויסקומען קריזיסען נאָר דאַן, ווען עס איז ניט ג ע נ ו ג פּראָדוצירט געוואָרען אויף צו בעפרידיגען דעם בעדאַרף אין געוויסע פּראָדוקטען, סיי פאַר דעם פערזענליכען פערברויך, סיי פאַר דער וויטערער פּראָדוקציאָן. פערקעהרט, ווען עס איז ערגעץ אָדער אומעטום צו פיעל פּראָדוצירט געוואָרען, הייסט עס פטרן' אומזיסט קרעפטען, און דאָס איז געוויס אַ היזק פאַר דער געזעלשאַפט, אָבער דאָס איז ניט קיין מניעה פאַר דעם וויטערן גאַנג פון דער פּראָדוקציאָן און געברויך. די ערשטע זאַך וועט די נייע מלוכה־פיהרונג מוזען זאָרגען, אַז מען זאָל קיין שום פּראָדוקט ניט צו ווענינג פּראָדוצירען. דערביי וועט זי אויך גע־וויס זעהען, אַז מען זאָל ניט פטר'ן אומזיסטע אַרבייטס־קרעפטען און ניט פּראָדוצירען צו פיעל, ווייל פטר'ן אויף אַזאַ אופן אומזיסטע קרעפטען הייסט, אַ היזק אַלעם אַנדערען, פערלענגערען אומזיסט די אַרבייטס־צייט.

7. די רעסטען פון פריוואַט-אייגענטום אויף די פּראָדוקציאָנס-מיטלען.

מיר האָבֶען גֶעזֶעהֶען, אַז די פּראָלֶעטאַרישֶע מלוכה־פִיהרונג ווֶעט דאָס רוב מאַכֶען אַ גיכֶען סוֹף פון דֶעם קליין־בֶּעטריעב דאָרטֶען, וואו עֶר איז אונפאָלקאָמֶען אָרגאַניזירט, אַזוי ווי אין דֶער אינדוסטריֶע אַזוי אויך אין דֶעם צווישֶען־האַנדֶעל.

אויך די שטרֶעבונג צו אָרגאַניזירֶען די צירקולאַציאָן ווֶעט פיהרֶען דֶערצו, וואו מֶעגליך צו פֶעראָגֶען דֶעם צווישֶען־האַנדֶעל; זיין אָרט ווֶעלֶען פֶערנֶעהמֶען צום טייל די קאָנסום־פֶעראיינֶען, צום טייל די גֶעמיינדֶע־איינריכטונגֶען. עֶס איז פיעל לייכטֶער צו אָרגאַניזירֶען און אַכטונג צו גֶעבֶּען אויף דֶעם גאַנג פון דֶער פּראָדוקציאָן, ווֶען זיינֶע פיהרֶער האָבֶען ניט צו טהון מיט אַ סך קונדֶען, נאָר מֶעהר ניט ווי מיט עֶטליכֶע ווֶעניגֶע אָרגאַניזאַציאָנֶען.

אויסֶער דֶעם צווישֶען־האַנדֶעל ווֶעט איבֶּערגֶעהן צו די קאָנסום־גֶענאָסֶענשאַפטֶען און קהלות די דירֶעקטֶע פּראָדוקציאָן פון גֶעברויכס־מיטלֶען פאַר די אָרטיגֶע בֶּעדֶערפניסֶען, צ. ב., בֶּעקֶערייֶען, די פּראָדוקציאָן פון מילך און גרינסֶען, בויֶען הייזֶער.

אָבֶּער מֶען דאַרף ניט אָננֶעהמֶען, אַז אַלֶע פּריוואַטֶע קליינבֶּעטריבֶּען ווֶעלֶען אויף אַזאַ אופן פֶערשווינדֶען; קודם כל ווֶעט עֶס ניט פאָרקומֶען אין דֶער לאַנד־ווירטשאַפט. גֶעוויס, יֶענֶע ווירטשאַפטליכֶע בֶּעטריבֶּען, ווֶעלכֶע זֶענֶען איצט שוין גֶעוואָרֶען קאַפּיטאַליסטישֶע בֶּעטריבֶּען, ווֶעלֶען ניט קֶענֶען אויסהאַלטֶען צוליעב דֶעם שכירות־סיסטֶעם און ווֶעלֶען איבֶּערגֶעהן צו דֶער מלוכה, קהל אָדֶער גֶענאָסֶענשאַפט. דֶערבּיי ווֶעלֶען אויך אַ סך פון די איצטיגֶע קליין־בויֶערן, וואָס האָבֶּען זֶעהר ווֶעניג עֶרד, וואַרפֶען זייֶער בַּעל־הַבּתישקייט און ווֶעלֶען ווֶערֶען אַרבּייטֶער אין די גרויסֶע אינדוסטריֶעלֶע אָדֶער לאַנד־ווירטשאַפטליכֶע בֶּעטריבֶּען, ווֶעלכֶע ווֶעלֶען זיי גֶעבֶּען אַ גֶעהוּגֶע היונה. אָבֶּער מֶען דאַרף אָננֶעהמֶען, אַז עֶס ווֶעלֶען אַליין נאָך בּלייבֶּען בויֶערן, ווֶעלכֶע ווֶעלֶען ווייטֶער פיהרֶען זייֶער קליינֶעם בֶּעטריעב מיט זייֶערֶע אייגֶענֶע פאַמיליֶען־מיטגלידֶער אָדֶער הֶעכסטֶענס מיט איין קנֶעכט אָדֶער מיט איין דינסט, ווֶעלכֶע מֶען רֶעכֶענט צו דֶער פאַמיליֶע.

בײַ דער איצטיגער קאָנסערוואַטיווער נאַטור פון אונזער בויער קען זיך זעהר גוט טרעפען, אַז אַ סך פון זיי וועלען פיהרען די בעל־הבית׳ישקייט ווי ביז אַהער. די פּראָלעטאַרישע מלוכה־מאַכט וועט גאָר קיין חשק ניט האָבען, איבערצונעהמען אַזעלכע קליינע בעטריעבען. קיין סאָציאַליסט, פון וועלכען מען קען ערנסט רעדען, האָט נאָך ניט פערלאַנגט, אַז די בויערען זאָלען עקספּראָפּריאירט ווערען אָדער זייער אייגענס זאָל גאָר קאָנפיסקירט ווערען. פערקעהרט, עס וועט מן הסתם פיעל גיכער ערלויבט זיין יעדעם קליינעם בויער צו פיהרען זיין אייגענע בעל־הבית׳ישקייט, ווי ער האָט דאָס געטהון ביז אַהער. דער בויער האָט ניט וואָס מורא צו האָבען פאַר אַ סאָציאַליסטישע מלוכה־פיהרונג.

עס קען זיך, פערקעהרט, זעהר גוט טרעפען, אַז דיזע בויערליכע בעל־הבית׳ישקייטען וועלען דורך דער נייער מלוכה־פיהרונג נאָך שטאַרקער ווערען. די נייע מלוכה־פיהרונג וועט זיי ברינגען אַ סך טובות; זי וועט מבטל זיין דעם מיליטאַריזמוס, וועט זיי געבען אַ זעלבסט־פערוואַלטונג, וועט פון זיי אַראָבנעהמען דעם יאָך פון שטייערען, די הוצאות אויף אָרימע לייט, וועט אויף זיך נעהמען די טרחה צו מאַכען וועגען און בויען שוהלען, וועט אויף זיך נעהמען די לאַסט פון די היפּאָטעקען, אָדער וועט דיזע לאַסט גאָר פערקלענערען; און נאָך אַ סך אַנדערע טובות וועט זי ברינגען. מיר האָבען אויך געזעהען, אַז דער פּראָלעטאַריאַט וועט נאָך זיין נצחון זיין שטאַרק פעראינטערעסירט צו פערגרעסערען דעם סכום פּראָדוקטען; און צו די פּראָדוקטען אויף וועלכע עס וועט וואַקסען דער נאָכפרעג, געהערען קודם כל אויך די לאַנד־ווירטשאַפטליכע פּראָדוקטען. ניט קוקענדיג אויף אַלע ראיות געגען דער פערעלענדונגס־טעאָריע*), איז נאָך היינט דאָ פיעל הונגער, וועלכען מען דאַרף איינשטילען, און דיזער פאַקט אַליין גיט אונז דעם רעכט אָנצונעהמען, אַז די פערגרעסערונג פון די שכירות וועט פריהער פון אַלץ ווערען קענטיג אין דער פערגרעסערונג פון דעם נאָכפרעג אויף די לאַנד־ווירטשאַפטליכע פּראָדוקטען. די פּראָלעטאַרישע מלוכה־פיהרונג וועט אַלזאָ זיין שטאַרק פעראינטערעסירט אין דעם, צו פער־

---

*) די טעאָריע פון מ א ר ק ס, וועלכע לערנט, אַז מיט דער ענטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליזמוס וואַקסט די עקספּלואַטאַציאָן פון אַרבייטער־קלאַס און זיין לאַגע פערערגערט זיך אין פערגלייך מיט דער לאַגע פון דער בורזשואַזיע.

מעדרען די פראדוקציאן פון די בויערען, און דעריבער וועט זי זיי מוזען שטארק שטיצען. איהר איינענער אינטערעס וועט פאדערען, זי זאל אויפהייבען די אבגעשטאנענע בויערליכע בעטריעבען, בעזארגענדיג זיי מיט בהמות, מאשינען, בעמיסטונג, פערבעסערונג פון דער ערד א. ז. וו. אויף אזא אופן וועט זי העלפען צו פערמעהרען די לאנדווירטשאפטליכע פראדוקטען אפילו פון יענע בעטריעבען, וועלכע זענען נאך ניט איבערגעגאנגען צו דער געזעלשאפט.

אבער אקוראט ווי אין אנדערע געביעטען, וועלען די בעדינגונגען אויך דא מיטברינגען, אז מען זאל איינפאכער מאכען די צירקולאציאן; דאס וועט דערגרייכט ווערען דורך דעם, וואס אנשטאט פיעל פריוואט-מענשען, וואס בייטען זיך מיט זייערע פראדוקטען, וועט מען גרינדען איינינע ארגאניזאציאנען, וועלכע וועלען פיהרען איינע מיט די אנדערע די עקאנאמישע עסקים. די מלוכה וועט בעסער ליפערען בהמות, מאשינען, בעמיסטונגס-מיטלען בויערען-קהלות אדער גענאסענשאפטען, איידער איינצעלנע בויערען. די זעלבע קהלות און גענאסענשאפטען וועלען האבען פאר קונדען אויף זייערע פראדוקטען ניט פריוואטע צווישען-הענדלער, נאר ווידער גענאסענשאפטען (קאנסום-פעראיינען), קהלות און מלוכה'שע בעטריעבען (מיהלען, צוקער-פאבריקען, ברייזער א. ד. ג.). אויף אזא אופן וועט אויך דא פערנעהמען די געזעלשאפטליכע פראדוקציאן ביסלעכווייז דעם ארט פון דער פריוואטער פראדוקציאן, און סוף כל סוף וועט זי אומענדערן אויך דעם בויערליכען בעטריעב, און פעראייניגענדיג א סך גענאסענשאפטליכע אדער געמיינדע-בעטריעבען, וועט זי פון זיי מאכען איין געזעלשאפטליכען גרויס-בעטריעב. די בויערען וועלען צונויפלעגען זייערע פערמעגענס און בעארבייטען אין איינעם זייער ערד, ווען זיי וועלען זעהען, אז די גענאסענשאפטליכע פיהרונג פון די עקספראפריאירטע גרויס-בעטריעבען געהט גוט, ווען עס וועט זיך ארויסווייזען, אז די גענאסענשאפטליכע בעטריעבען פראדוצירען, אנווענדענדיג די איינענע ארבייטס-קראפט, א סך מעהר איידער די קליינע, אדער לאזען איבער א סך מעהר ליידיגע צייט, ווען מען ארבייט אין זיי אויס ניט וועניגער פראדוקטען, ווי אין די קליינע בעטריעבען. אויב דער לאנד-ווירטשאפטליכער קליין-בעטריעב האט נאך היינט א קיום, האט ער דערפאר ניט וועניג צו פערדאנקען דעם אומשטאנד, וואס ער זויגט אויס ביי די

אַרבייטער מעהר אַרבייטס־קרעפטען, איידער דער גרויס־בעטריעב. מען קען ניט אָבלייקענען, אַז די בויערען אַרבייטען אַ סך מעהר, איידער די לוין־אַרבייטער ביי די גרויסע ערד־בעזיצער. דער בויער האָט זעהר וועניג ליידיגע צייט, און אין דער ביסעל ליידיגע צייט, וואָס ער האָט יאָ, קלערט ער וועגען דעם, ווי צו פערבעסערען זיין בעל־הבית׳ישקייט. עס אַרט איהם קיין זאַך ניט אויסער זיין בעטריעב, און דאָ ליעגט איינער פון די טעמים, פאַר וואָס אונז, סאָציאַל־דעמאָקראַטען, איז שווער איהם צוציהען.

אָבער דאָס איז ריכטיג נאָר פאַר׳ן אַלטען דור. דער יונגערער דור פיהלט און דענקט שוין אַנדערש, ער האָט שטאַרק השק צו פערגניגענס, לוסטזאַכען און פריידען, אָבער איהם ציהט אויך צו אַ העכערע קולטור. און ווייל ער קען ניט בעפריעדיגען אין דאָרף דיעזען השק, לויפט ער אין די שטעדט און מאַכט שטערער די דאָרפישע בעפעלקערונג. ווען אָבער דער בויער וועט זעהען, אַז ער קען בלייבען ביי דער לאַנדווירטשאַפט, האָבענדיג ליידיגע צייט און ניט מוזענדיג זיך אָבזאָגען פון קולטור, וועט ער מעהר ניט אַנטלויפען פון דער לאַנדווירטשאַפט, נאָר ער וועט איבערגעהען פון קליין־בעטריעב צום גרויס־בעטריעב — און דערמיט וועט פערשווינדען איינע פון די לעצטע פעסטונגען פון דעם פריוואַט־אייגענטום.

אָבער מיט געוואַלט פערגיכערען דיזע ענטוויקלונג, דאָס וועט דער פּראָלעטאַריאַט נאָך זיין נצחון ניט טהון, איבערהויפט צוליעב דעם וויכטיגען טעם, ווייל ער וועט ניט וועלען גלאַט פערגיסען בלוט. און ווען מען וואָלט וועלען נויטען די בויערן אַנצונעהמען אַ נייעם פּראָדוקציאָנס־אופן, וואָלט מוזען בלוט פערגאָסען ווערען. ווי ווייט דער פּראָלעטאַריאַט זאָל ניט זיין גרייט צו קעמפפען, ניט שרעקענדיג זיך פאַר קיין זאַך, — זיין קאַמפף פיהרט ער ניט געגען דעם קליינעם מענשען, וועלכער ווערט אַליין עקספּלואַטירט, נאָר געגען די גרויסע עקספּלואַטאַטאָרען.

אויסער דער לאַנדווירטשאַפט דאַרף מען זיך נאָך רעכענען מיט די קליינע בעטריעבען אין דער אינדוסטריע. אויך זיי וועלען זיך נאָך האַלטען אַ היבשע צייט. געוויס, די נייע מלוכה־פיהרונג וועט זיך ציעלען, ווי מיר האָבען געזעהען, אומעטום, וואו די אָבגעשטאַנענע בעטריעבען וועלען האָבען צו קאָנקורירען מיט די פאָלקאָמענע, צו

קאסירען די אונפאלקאמענע און איבערפיהרען די דארטיגע ארבייטער אין די פאלקאמענע, גרויסע בעטריעבען; דערצו וועט מען ניט דארפען בענוצען קיין געוואלט; די העכערע שכירות אין די גרויסע בעטריעבען וועלען צוציהען אהין די ארבייטער. אבער עס בלייבען נאך אליץ אזוינע אינדוסטריע-צווייגען, וואו די מאשין קען ניט מיט ערפאלג קאנקורירען מיט דער האנד-ארבייט. עס איז יעדענפאלס האראקטעריסטיש, וואס עס איז מיר ניט געלונגען, ביים דורכקוקען די פראפעסיאנעלע סטאטיסטיק פון דייטשלאנד, צו געפינען וועלכע עס איז מלאכה, וואו עס זאל נאר הערשען דער קליין-בעטריעב (אויסער 4 בעטריעבען, וואס האבען צו 1 ארבייטער). איך וויל דא ברייגען אייניגע ציפער, וועלכע מען האט, דאכט זיך, נאך אין ערגעץ ניט בענוצט. אין פאלגענדע אינדוסטריע-צווייגען הערשט נאך כמעט אין גאנצען דער קליין-בעטריעב (מעהר ווי 97 פראצענט פון אלע בעטריעבען), דער גרויס-בעטריעב (בעטריעבען מיט מעהר ווי צו 50 ארבייטער) נאך גאר ניט:

	די צאהל פון בעטריעבען מיט 5-1 ארבייטער	50-6 ארבייטער	די צאהל פון בעוועגענדע מאשינען (מאטארען)
שארפשטיינער-מאכער	77	2	52
פידעלמאכער	1037	24	5
בעפערטיגונג פון אנאטאמישע פרעפאראטען	126	3	—
שינדערם	971	2	11
שפינעריי (אהן פערצייכנונג פון דעם סארט שטאף) . . .	275	3.	2
וועבעריי (אהן פערצייכנונג פון דעם סארט שטאף.	608	6	5
שפיעלצייג פון גומע	4	—	—
שערער, פריזירער און פאריקמאכער	60,035	470	6
קליידער-רייניגער און שטיוועלפוצער	744	4	7
קוימענקערער	3860	26	—
קונסטמאלער און שטיינשניטצער	5630	84	2

ווען מען זאל ניט רעכענען די קינסטלער, פריזירער, קוימענקעהרער, פידעלמאכער און, פון מיינעטוועגען, אויך די שניידער און

שטיוועל־פוצער, דאַן בלייבען כמעט מעהר ניט אַזוינע קליין־בעטריעבען, וואָס זאָלען קענען אויסהאַלטען די קאָנקורענץ פון די גרעסערע בעטריעבען.

פונדעסטוועגען קען מען מודה זיין, אַז די קליינע בעטריעבען האָבען נאָך אַ געוויסע צוקונפט אין עטליכע אינדוסטריע־צווייגען, וועלכע אַרבייטען דירעקט פאַר דעם מענשליכען פערברויך, וואָרום די מאַשינען פאַבריקירען, ווי בעקאַנט, נאָר גאַנצע מאַסען פראָדוקטען פון איין מין, אָבער אַנדערע קונדען האָבען ליעב, אַז מען זאָל צוטרעפען זייער אייגענעם גוסט. עס איז אַפילו מעגליך, אַז אַפילו אונטער דער פראָלעטאַרישער מלוכה־פיהרונג זאָל זיך פערגרעסערען די צאָהל פון די אינדוסטריעלע קליין־בעטריעבען, וואָרום אַזוי ווי עס וועט זיך פערבעסערען די מאַטעריעלע לאַגע פון די מאַסען, וועט צוליעב דעם לעבעדיגער ווערען דער נאָכפראַגע אויף האַנדאַרבייט־פראָדוקטען; די קונסט־פראָפעסיאָנען קענען צוליעב דעם זיך נאָך מעהר ענטוויקלען. געוויס דאַרפען מיר ניט ערוואַרטען, אַז דאָס בילד, וועלכען ווילליאַם מאָררים*) שילדערט אונז פון דער צוקונפט, וועט אַזוי אויסזעהען אין דער אמת'ן; אין זיין ליעבליכער אוטאָפיע שפיעלט די מאַשין קיין שום ראָליע ניט. אין דער אמת'ן אָבער וועט די מאַשין בלייבען די הערשערין אין דער פראָדוקציאָן. זי וועט בשום אופן ניט איבערגעבען איהר ראָליע דער האַנד־אַרבייט. עס איז אָבער ניט אונמעגליך, אַז די האַנדאַרבייט וועט זיך פערמעהרען אין פערשידענע קונסט־מלאכות און וועט דאָ און דאָרטען פערנעהמען נאָך נייע פעלדער. אָבער ווען די האַנד־אַרבייט האַלט זיך נאָך איצט זעהר אָפט אַלס אַ פראָדוקט פון דעם גרעסטען עלענד, אין דער פאָרם פון הויז־אינדוסטריע, קען זי אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט עקסיסטירען נאָר אַלס אַ טהייערער לוקסוס, וועלכער קען זיך שטאַרק פערברייטען, אַ דאַנק דער גוטער מאַטעריעלער לאַגע פון כלל. דער יסוד פון דער פראָדוקציאָן וועט בלייבען דער גרויס־בעטריעב, וועלכער ווערט געפיהרט מיט

---

*) ווילליאַם מאָררים — איז געווען אַן ענגלישער פאָעט און אַ סאָציאַליסט. ער האָט פערפאַסט אַ סאָציאַליסטישע אוטאָפיע, אין וועלכער ער האָט אויסגעמאָלט, ווי עס וועט אויסזעהען די צוקינפטיגע סאָציאַליסטישע אָרדנונג, אונטער דעם נאָמען: „אַ ידיעה פון אינ־ערגעץ ניט“. ער איז ניט לאַנג געשטאָרבען.

מאַשינען. די קליין־בעטריעבען וועלען בלייבען העכסטענס ווי אינזלען אין דעם ים פון די גרויסע געזעלשאַפטליכע בעטריעבען.

די בעטריעבען גופא קענען אָננעהמען די פערשידענסטע פאָרמען פון אייגענטום אויף זייערע פּראָדוקציאָנס־מיטלען און קענען אויס'ן פערשידענסטען אופן אָבזעצען זייערע פּראָדוקטען. זיי קענען זיין ווי אַ צוגאָב צו אַ גרויסען בעטריעב, וואָס געהערט צו דער מלוכה אָדער צום קהל, קריגען פון איהם רויהע מאַטעריאַלען און געצייג און ליעפערען איהם זייערע פּראָדוקטען, זיי קענען פּראָדוצירען פאַר פּריוואַטע קונדען אָדער פאַר דעם מאַרק א. ז. וו. דער אַרבייטער וועט קענען אַזוי ווי ביי היינטיגען טאָג זיך בעשעפטיגען אין די פערשידענסטע בעטריעבען. אַ שניידערין, צ. ב., קען אַ מאָל אַרבייטען אין אַ מלוכה'שער פאַבריק, אַנ'אַנדערש מאָל קען זי ביי זיך אין דער היים נייען אַ קלייד פאַר אַ קונדין, דאַן קען זי ווידער נייען פאַר אַנ'אַנדער קונדין ביי יענער אין הויז, און צום סוף קען זי זיך פעראייניגען מיט איינינע גענאָסינען אין אַ פּראָדוקציאָנס־גענאָסענשאַפט און מאַכען קליידער אויף בעשטעלונג אָדער אויף לאַגער.

אין דיזען ווי אין אַנדערע פּרטים וועלען קענען הערשען די פערשידענסטע פאָרמען און די גרעסטע פעהיגקייטען צו פערענדערונגען. עס איז דער גרעסטער טעות, ווען מען שטעלט זיך פאָר אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט ווי אַנ'איינפאַכען פּריווילעגירטען מעכאַניזמוס, וועלכען מען דאַרף נאָר אָנצידען, און זיינע רעדער דרעהען זיך שטענדיג אויף איין אופן.

אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט קענען עקסיסטירען איינע נעבען די אַנדערע די פערשידענסטע מינים אייגענטום אויף די פּראָדוקציאָנס־מיטלען: מלוכה'שער, שטאָדטיגער, קאָנסום־גענאָסענשאַפטליכער, פּראָדוקציאָנס־גענאָסענשאַפטליכער, פּריוואַטער. אויך די פערשידענסטע פאָרמען פון בעטריעבען: בעטריעבען, וואָס ווערען געפיהרט דורך אַ ביוראָקראַטיע, דורך אַ געווערקשאַפט, דורך אַ גענאָסענשאַפט, בעטריעבען פאַר זיך; די פערשידענסטע אופנים פון דער בעלוינונג פון די אַרבייטער: בעשטימטער געהאַלט, צייט־לוין, שטיקלוין, אַ חלק אין דעם, וואָס ווערט פערשפּאָרט פון רויהע מאַטעריאַלען, מאַשינען א. ז. וו.; אַ חלק אין די רעזולטאַטען פון אַ פלייסיגערער, אָנגעשטרענגטערער אַרבייט; די פערשידענסטע פאָרמען פון דער

פּראָדוקטען-צירקולאַציאָן: ליעפֿערונגס-קאָנטראַקטען, קויפֿען אין די מאַגאַזינען פֿון דער מלוכה, קהל, ביי די קאָנסום-געזעלשאַפֿטען, פֿיי די פּראָדוצענטען אַליין א. ז. וו.. א. ז. וו. די זעלבע פֿערשידענהייט, וועלכע מיר געפֿינען איצט אין דעם עקאָנאָמישען מעכאַניזמוס, איז מעגליך אויך אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט. נאָר דער פֿליהען און יאָגען, דער קעמפּפֿען און ראַנגלען, דער הרוב-מאַכען און הרוב-ווערען, — מיט די אַלע תענוגים פֿון דעם היינטיגען קאָנקורענץ-קאַמפּף — דאָס וועט פֿעהלען; אויך וועט מעהר ניט עקסיסטירען דער היפּך צווישען עקספּלואַטאַטאָרען און עקספּלואַטירטע.

8. די גייסטיגע פּראָדוקציאָן.

מיר וועלען זיך בענוגענען מיט דעם, וואָס מיר האָבען אויבען געזאָגט וועגען די ערשטע וויכטיגסטע עקאָנאָמישע אויפֿגאַבען, וועלכע די פּאָליטישע הערשאַפֿט פֿון פּראָלעטאַריאַט וועט מיט זיך ברייגנען, און וועגען די מיטלען, ווי אַזוי זיי אויסצופֿיהרען. עס וואָלט געווען זעהר אינטערעסאַנט נאָך טיעפֿער אַרומצורעדען דיזען ענין, צו ערפֿאָרשען, וועלכע אויפֿגאַבען וועט מיט זיך ברייגנען דער אינטער-נאַציאָנאַלער פֿערקעהר, די הויז-בעל-הבית'ישקייט, דער פֿערהעלטניס פֿון שטאָדט צום דאָרף, ווייל דאָס אַליץ וועט ניט בלייבען ווי פֿריהער, נאָר עס וועט זיך זעהר שטאַרק אומענדערען דורך די הערשאַפֿט פֿון פּראָלעטאַריאַט. אָבער איך מוז זיך אָבזאָגען פֿון אַרומצורעדען ווייטער דיזען ענין, ווייל דאָס וויכטיגסטע, וואָס איך האָב צו זאָגען וועגען דעם, האָב איך שוין אין אַנאַנדער אָרט אַרומגערעדט (ווי אַ סאָציאַליסטישער קהל וועט זיך פֿערהאַלטען געגען די קאָלאָניען אין דעם וועלט-האַנדעל, האָב איך אַרומגערעדט אין מיין הקדמה צו אַטלאַנטיקוס: „אַ בליק אין די צוקונפֿטס-מלוכה"; „די צוקונפֿט פֿון אייגענעם היים" — אין מיין „אַגראַר-פֿראַגע"). נאָר איין פּונקט וויל איך נאָך בעטראַכטען אין דיזען המשך (צוזאַמענהאַנג), אַ פּונקט, איבער וועלכען מען איז נאָך אין אַ סך פּרטים ניט קלאָר: די צוקונפֿט פֿון דער גייסטיגער פּראָדוקציאָן.

איך האָב זיך ביז איצט בעשעפֿטיגט מיט דער אויפֿגאַבע פֿון דער מאַטעריעלער פּראָדוקציאָן, וועלכע בילדעט דעם יסוד. אָבער

אויף איהר פונדאמענט וואקסט אויס א פראדוקציאן פון קונסט־ווערק, וויסענשאפטליכע פארשונגען, אלערליי מינים ליטעראַרישע ארבייטען. די מעגליכקייט צו קענען ווייטער פיהרען דיזע פראדוקציאן איז פאר דעם איצטיגען קולטור־מענשען געווארען ניט ווייניגער וויכטיג, איידער די מעגליכקייט צו קענען ניט־געשטערט ווייטער פיהרען די פראדוקציאן פון ברויט און פלייש, קויהלען און אייזען. די פראלעטארישע רעוואלוציאן מאכט אבער אויך פאר דער גייסטיגער פראדוקציאן אונמעגליך, אז זי זאל געהען אויף דעם זעלביגען אופן ווי ביז אהער. מיט וואס וועט זי פערבייטען די ביזהעריגע גייסטיגע פראדוקציאן?

קיין מענש מיט שכל האט איצט קיין מורא ניט, אז דער פראלעטאריאט וועט נאך זיין נצחון זיך אויפפיהרען אויפ'ן אייגענעם שטייגער ווי די אמאליגע בארבארען, אז קונסט און וויסענשאפט וועט ער פערווארפען ווי אבגעשלאגענע הושענות; אז דער פראלעטאריאט ווייזט ארויס, פערקעהרט, מעהר פון אלע אנדערע גרויסע פאלקס־שיכטען אנ'אינטערעס, נאך מעהר, די גרעסטע אכטונג צו קונסט און וויסענשאפט, האב איך שוין דערמאנט אין מיין שריפט „רעפארם און רעוואלוציאן". אבער דא וויל איך דערפארשען ניט דאס, וואס דער פראלעטאריאט וועט נאך זיין נצחון וועלען טהון, נאר דאס, וואס ער וועט מוזען און קענען טהון, לויט נאך די דאמאלדיגע בעדינגונגען.

די נויטיגע מאטעריעלע הילפס־מיטלען פאר קונסט און וויסענשאפט וועלען ניט פעהלען. מיר האבען שוין געזעהען, ווי גראדע די פראלעטארישע מלוכה־פיהרונג וועט דורך דעם, וואס זי וועט מבטל זיין דעם פריוואט־אייגענטום אויף די פראדוקציאנס־מיטלען, בעשאפען די מעגליכקייט אויפ'ן געשווינדסטען אופן צו פערניכטען די הורבות פון די פערצייטיגע פראדוקציאנס־מיטלען און פראדוקציאנס־מעטאדען, וועלכע זענען נאך היינט אומעטום א שטערונג פאר דער פאלקאמענער ענטוויקלונג פון די איצטיגע פראדוקטיוו־קרעפטען און וועלכע ווערען איצט אונטער דער הערשאפט פון פריוואט־אייגענטום נאר לאנגזאם און ניט אין גאנצען אבגעראמט פון וועג דורך דער קאנקורענץ. די עשירות פון דער געזעלשאפט וועט זיך תיכף אויפהייבען אויף א סך א העכערען גראד, איידער די עשירות, וועלכע מיר וועלען בעקומען בירושה פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט.

אבער מיט די מאטעריעלע הילפס־מיטלען אליין איז מען נאך ניט פערטיג. רייכטום אליין בעשאפט נאך ניט אן־אמת־געזונדען, אידעאלען לעבען. די פראגע איז די, צו ווען אין א סאציאליסטישער געזעלשאפט שטימען די בעדינגונגען פון דער מאטעריעלער פראדוקציאן מיט די נויטיגע בעדינגונגען פון א הויך־ענטוויקעלטער גייסטיגער פראדוקציאן. אויף דיזער פראגע ענטפערען אפט אונזערע געגנער — ניין.

לאמיר פריהער א קוק טהון, וואס פאר א מין גייסטיגע פראדוקציאן האבען מיר איצט. זי נעהמט אן 3 פארמען: ערשטענס די, וועלכע עס ווערט געפיהרט פון דער געזעלשאפט אליין און וועלכע דיענט אויף צו בעפריעדיגען דירעקט די געזעלשאפטליכע בעדערפניסען; צווייטענס, די סחורה־פראדוקציאן, וועלכע ווערט געפיהרט פון איינצעלנע פערזאנען, און דריטענס, די סחורה־פראדוקציאן, וואס ווערט געפיהרט אויפ'ן קאפיטאליסטישען אופן.

צו דעם ערשטען מין גייסטיגע פראדוקציאן געהערט די גאנצע בילדונג, פון דער פאלקסשולע ביז צו די אוניווערזיטעטען און די איבעריגע העכערע שולען. אויסער א קליינעם צאהל פון פריוואט־שולען, ליעגט זי היינט שוין אין גאנצען אין די הענד פון דער געזעלשאפט, און זי ווערט געפיהרט ניט צוליעב ריוח אדער פערזענליכע נוצען. דאס איז ריכטיג קודם כל פאר די שולען, וואס געהערען צו דער מלוכה אדער צו די קהלות, אבער עס איז ריכטיג אויך פאר די שולען, וועלכע זענען געבליעבען בירושה פון מיטעל־אלטער און שטעהען נאך עד היום אונטער דער השגחה פון דער קירכע אדער פון פערשיעדענע צדקה־חברות, וועלכע מיר געפינען נאך אפט אין די לענדער, וואו עס הערשט די אנגעל־זעקסישע*) קולטור.

*) אנגעל־זאקסען זענען געווען צוויי דייטשע פעלקער, וועלכע זענען אריבער אין 5־טען יאהרהונדערט אין ב ר י ט א נ י ע ן און האבען איהר איינוואוינער פערטריבען. זיי האבען געבילדעט עטליכע קליינע מלוכות, וועלכע האבען זיך אין 827 יאהר פעראייניגט אין איין מלוכה, וועלכע האט אנגענומען דעם נאמען „ע נ ג ל א נ ד", ד. ה. די לאנד פון די אנגלען, מיט דער צייט האבען זיך די ענגלענדער צושפרייט איבער א סך לענדער, הויפטזעכליך אין א מ ע ר י ק א (פ ע ר א י י נ י ג ט ע ש ט א א ט ע ן, ק א נ א ד א א. ז. וו) און א ו י ס ־ ט ר א ל י ע ן. אלזא, די אנגעל־זאקסישע קולטור הערשט הויפטזעכליך אין ע נ ג ל א נ ד, א מ ע ר י ק א (פ ע ר א י י נ י ג ט ע ש ט א א ט ע ן, ק א נ א ד א א. ז. וו.) און א ו י ס ט ר א ל י ע ן.

דיזע געזעלשאפטליכע פאלקס-בילדונג האט די גרעסטע בעדייטונג פאר דעם גייסטיגען לעבען, הויפטזעכליך פאר דער וויסענשאפט, ניט בלויז דורך איהר ווירקונג אויף דער אויפקומענדער יוגענד. דיזע געזעלשאפטליכע פאלקס-בילדונג בעקומט אלץ א גרעסערע הערשאפט איבער דער וויסענשאפטליכער פארשונג, מאכענדיג איהרע לעהרער, ספעציעל די לעהרער פון די אוניווערזיטעטען און העכערע טעכנישע שולען, אלץ מעהר פאר מאנאפאל-בעזיצער פון וויסענשאפטליכען אפאראט (מעכאניזמוס), אהן וועלכען עס איז היינט כמעט אונמעגליך א וועלכע עס איז וויסענשאפטליכע פארשונג. דאס איז ריכטיג הויפטזעכליך פאר די נאטור-וויסענשאפטען, וואו די טעכניק איז געווארען אזוי הויך ענטוויקעלט, אז אויסער אייניגע מיליאנערען קען נאר די מלוכה אליין פערמעגען די מיטלען, וועלכע זענען נויטיג אויף אויסצובויען און אויסצוהאלטען די וויסענשאפטליכע אינסטיטוטען. אבער אויך אין א סך פאכען פון סאציאלע וויסענשאפטען—עטנאלאגיע*), ארכעאלאגיע*) און אנדערע—ווערט דער וויסענשאפטליכער אפאראט, וועלכער עס איז נויטיג צו דער פארשונג, אלץ גרעסער און טייערער. און דערצו ווערט די וויסענשאפט אלץ מעהר א קונסט, וועלכע גיט קיין ברויט ניט, פון וועלכער קיין מענש קען ניט לעבען, מיט וועלכער עס קענען זיך אבגעבען נאר אזוינע מענשען, וועלכע בעקומען געהאלט פון דער מלוכה—ווען זיי האבען קיין שכל ניט געהאט אויסצוקלייבען רייכע עלטערן אדער... א רייכע פרוי. די דערגרייכונג פון די קענטניסען אליין, וועלכע זענען פון פאראויס נויטיג פאר א נוציגע, וויסענשאפטליכע טהעטיגקייט, פאדערט גרויסע—און וואס וייטער אלץ מעהר—געלד-מיטלען. אזוי ווערט די וויסענשאפט אלץ מעהר מאנאפאליזירט פון דער מלוכה און פון די פערמעגענדע קלאסען.

א פראלעטארישע מלוכה-פיהרונג קען פיהרען בלויז דערצו, אבצושאפען די בעגרענצונג, וועלכע וואקסט ארויס פון דיזע בעדינגונגען פאר דער וויסענשאפטליכער טהעטיגקייט. זי וועט מוזען, ווי מיר האבען שוין דערמאהנט, איינארדנען איהר פאלקס-בילדונג אויף אזא

*) עטנאלאגיע — די לעהרע וועגען די פעלקער; ארכעאלאגיע — די לעהרע וועגען די אלטע, פערצייטיגע זאכען, פון וועלכע מען קען ערלערנען די פערצייטיגע קולטור.

אופן, אַז יעדער מענש, וועלכער האָט טאַלאַנט, זאָל קענען דערגרייכען אַלע קענטניסען, וועלכע די געזעלשאַפטליכע בילדונגס־שולען קענען איבערהויפט געבען. זי וועט פערגרעסערען זעהר שטאַרק דעם נאָכפראַגע אויף לעהרער און דערמיט אויך די צאָהל מענשען, וואָס גיבען זיך אָב מיט דער וויסענשאַפט. ענדליך וועט זי דורך דעם, וואָס זי וועט מבטל זיין די קלאַסען־הפכים, ברייגנען דערצו, אַז די פאָרשער פון די סאָציאַלע וויסענשאַפטען, וואָס בעקומען געהאַלט פון דער מלוכה, וועלען ווערען אין אַלע פרטים פרייער, אין זייער דענקען, אַזוי אויך אין זייער רעדען און שרייבען. כל זמן עס עקסיסטירען נאָך די קלאַסען־געגענזעצען, וועלען זיין פערשידענע שטאַנד־פונקטען, פון וועלכע מען בעטראַכט די געזעלשאַפט. עס איז די גרעסטע צבוע'אַצטווע אָדער זעלבסט־נאַרערייַ, ווען מען באַלבעט פון אַ וויסענשאַפט, וועלכע שטעהט איבער די קלאַסען־געגענזעצען. די וויסענשאַפט עקסיסטירט נאָר אין די קעפ פון די פאָרשער, און זיי, די פאָרשער, זענען אַ פראָדוקט פון דער געזעלשאַפט אין קענען ניט שטעהען איבער און אויסער איהר. אויך אין אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וועט די וויסענשאַפט זיין אָבהענגיג פון די געזעלשאַפטליכע בעדינגונגען, אָבער די בעדינגונגען וועלען וועניגסטענס דאַמאָלס זיין פאַר אַלעמען גלייכע, ניט געגענזעצליך.

אָבער נאָך ערגער ווי דאָס, וואָס די מענשליכע אידעען זענען איבערהויפט אָבהענגיג פון די געזעלשאַפטליכע בעדינגונגען, און קיין פאָרשער קען זיך דערפון ניט בעפרייען — נאָך ערגער איז דאָס, וואָס פילע פון די פאָרשער זענען אָבהענגיג פון דער מלוכה אָדער פון אַנדערע הערשאַפטס־איינריכטונגען, צ. ב. פון די קירכליכע. זיי נויטען די פאָרשער צוצופאַסען זייערע מיינונגען צו די מיינונגען פון די הערשענדע קלאַסען, ניט זיי זאָלען פריי און אָבהענגיג פאָרשען, נאָר זיי זאָלען זוכען וויסענשאַפטליכע ראיות, וועלכע זאָלען בעווייזען די נויטווענדיגקייט און יושר'דיגקייט פון דער עקסיסטירענדער אָרדנונג און אָבשלאָגען די פליגלען ביי די אויפקומענדע קלאַסען. אָט אַזוי טראָגט אַריין די קלאַסען־הערשאַפט אין דער וויסענשאַפט פערדאָרבענהייט. די וויסענשאַפט וועט קענען פריי אָטהעמען, ווען די פראָלעטאַרישע מלוכה־פיהרונג וועט פערניכטען די ניט־דירעקטע אָדער דירעקטע הערשאַפט פון דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטען און גרויסע ערד־בעזיצער

איבער אונזערע שולען. דער גייסטיגער לעבען, ווי ווייט ער איז פערבונדען מיט דער פאלקס־בילדונג, האט אלזא ניט וואס מורא צו האבען פאר דעם נצחון פון דעם פראלעטאריאט און קען האבען אויף איהם די בעסטע האפנונגען.

ווי האלט עס אבער מיט דער גייסטיגער סחורה־פראדוקציאן?

מיר וועלען פריהער בעטראכטען די פראדוקציאן וואס געהערט איינצעלנע מענשען. דא שפיעלען הויפטזעכליך א ראליע די מאלערײ, שטיין־שניצערײ און א טהייל שריפט־שטעלערײ.

די פראלעטארישע מלוכה־פיהרונג וועט מאכען דיזען מין סחורה־פראדוקציאן אזוי ווענינ אונמעגליך, ווי צ. ב. דעם פריוואטען קליינבעטריעב אין דער מאטעריעלער פראדוקציאן. אזוי וועניג ווי נאדעל און פינגערהוט, וועלען פענזעל און פארב־ברעטעל*), טינט און פעדער געהערען צו די פראדוקציאנס־מיטלען, וועלכע די מלוכה מוז אהן אלע תירוצים פערנעהמען צו זיך אין די הענד. אבער איינס איז געוויס מעגליך: ווי באלד עס וועט בטל ווערען די קאפיטאליסטישע עקספלואטאציאן, וועלען פערשווינדען די רייכע קונדען, וועלכע האבען ביז אהער געבילדעט דעם מארק פאר דער סחורה־פראדוקציאן פון די קונסט־ווערק, וואס ווערען בעשאפען פון איינצעלנע קינסטלער. דאס וועט געוויס האבען א ווירקונג אויף דער קינסטלערישער פראדוקציאן, אבער זי וועט ניט ווערען אונמעגליך, נאר עס וועט זיך ענדערען איהר חאראקטער. דער געשטעל־בילד**) און די קליינע סטאטועטקע**), וועלכע קענען בייטען זייער ארט און זייער בעל־הבית, וועלכע מען קען אויפשטעלען, וואו מען וויל—זיי זענען דער ריכטיגער אויסדרוק פון דער סחורה־פראדוקציאן אין דער קונסט, זיי זענען יענע פארמען פון דעם קונסט־ווערק, וועלכע קענען זעהר גרינג אננעהמען די פארם פון א סחורה, וועלכע מען קען, אקוראט ווי גאלד, אנזאמלען לרוב, סיי כדי צו פערקויפען זיי צוריק מיט ריוח, סיי צו האלטען זיי פאר זיך ווי א נ'אוצר. עס איז מעגליך, אז דיזע פראדוקציאן אויף צום פערקוי־

---

*) פארב־ברעטעל – הייסט די ברעטעל, אויף וועלכער דער מאלער פרואווט די פארב.

**) געשטעל־בילדער – הייסען די קלענערע בילדער, וועלכע מען קען האלטען אויף א געשטעל. – סטאטועטקע – הייסט א געשניצטע פיגור.

מען וועט אין אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט טרעפען גרויסע שטערונגען. אָבער עס וועלען מוזען אויף איהר אָרט אויפקומען אַנדערע פאָרמען פון דער קינסטלערישער פּראָדוקציאָן. אַ פּראָלעטאַרישע מלוכה־פיהרונג וועט אויף אַ סך פערגרעסערען די צאָהל פון די געזעלשאַפטליכע געביידעס; זי וועט אויך זעהען אויסצופוצען און צו מאַכען בעקוועם און אַנגענעהם יעדען אָרט, וואו דאָס פאָלק זאַמעלט זיך צונויף, וואו עס אַרבייט, וואו עס מאַכט אַסיפות אָדער וואוהין עס קומט זוכען פערגניגען. אָנשטאָט צו פערפערטיגען בילדער און סטאַטועטקעס, וועלכע ווערען אַריינגעוואָרפען אין דער סחורה־צירקולאַציאָן, כדי צו ווערען סוף כל סוף אויפגעשטעלט צוליעב צוועקען און אין אַנ׳אָרט, וועלכע זענען אונבעקאַנט דעם קינסטלער,—וועלען די קינסטלער אַרבייטען נאָך אַ בעשטימטען פּלאַן האַנד ביי האַנד מיט די אַרכיטעקטען, ווי דאָס איז געוועזען אין די בליהענדסטע צייטען פון דער קונסט, אין אַ ט ה ע ן צו דער צייט פון פּ ע ר י ק ל*) אָדער אין אִ י ט אַ ל י ע ן אין דער צייט פון דער רענעסאַנס**); איין קונסט וועט שטיצען און הייבען די אַנדערע, די קונסט־ווערק וועט בעקומען אַ בעוואוסטען געזעלשאַפטליכען צוועק; איהר ווירקונג, איהר פּובליקום, איהרע אַרומיגע בעדינגונגען וועלען אַלזאָ ניט אָבהענגען פון צופאַל.

פון דער אַנדערער זייט וועט מעהר ניט זיין נ ו י ט י ג צו פּראָדוצירען קונסט־ווערקע אויף צו פ ע ר ק ו י פ ע ן. עס וועט איבערהויפּט מעהר ניט נויטיג זיין זיך אָבצוגעבען מיט גייסטיגע אַרבייט פון געלד וועגען, ווי מיט אַ לוינ־אַרבייט אָדער ווי מיט אַנ׳אַרבייט אויף צו פּראָדוצירען סחורות.

איך האָב שוין אויף דערויף אָנגעוויזען, אַז אַ פּראָלעטאַרישע מלוכה־פיהרונג וועט זאָרגען דערפאַר — וואָס דאָס פערשטעהט זיך פון זיך אַליין פון שטאַנדפּונקט פון דעם לוינ־אַרבייטער — צו פערקירצען די אַרבייטס־צייט און צו העכערען די שכירות. איך האָב אויך

---

*) פּ ע ר י ק ע ל איז געוועזען דער הויפּטפיהרער פון דער אַטהענישער רעפּובליק אין דער צווייטער העלפטע פון 5־טען יאָהרהונדערט פאַר אונזער צייטרעכנונג.

**) רענעסאַנס — הייסט נייגעבורט — אַזוי רופט זיך די צייט פון 14־טען יאָהרהונדערט, ווען די וויסענשאַפט און קונסט זענען נאָך אַ לאַנגען שלאָף אויפגעקומען, ניי געבאָרען געוואָרען.

בעוויזען, ביז צו וואָס פאַר אַ הויכען גראַד דאָס קען פאָרקומען תיכף אין אַ לאַנד, וואו די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן איז ענטוויקעלט, בלויז דורך דעם אַליין, וואָס עס ווערען אָבגעשטעלט די אונפאָלקאָמענע בעטריעבען און ווי ווייט מעגליך אויסגעניצט די פאָלקאָמענסטע. עס איז בשום אופן ניט קיין פאַנטאַזיע, ווען מען זאָל אָננעהמען, אַז עס איז מעגליך תיכף אויפצוהויבען די שכירות אין צוויי׳ען און צו פערקירצען דערביי די אַרבייטס־צייט ביז צו אַ העלפט. און די טעכנישע וויסענשאַפטען זענען גענוג ענטוויקעלט, אַז מען זאָל קענען אין דעם פּרט ערוואַרטען געשווינדע פאָרשריטען. און וואָס גרעסער עס וועלען זיין דיזע פאָרשריטען, אַלץ מעגליכער וועט ווערען, אַז די, וואָס זענען בעשעפטיגט מיט דער מאַטעריעלער פּראָדוקציאָן, זאָלען זיך דערביי אויך קענען אָבגעבען מיט גייסטיגער טהעטיגקייט, וועלכע ברייגנט ניט אַריין קיין מאַטעריעלען געווין, וועלכע געפינט איהר לוין אין זיך גופא, אַלזאָ מיט דעם העכסטען מין גייסטיגער טהעטיגקייט. אַ געוויסער טייל און אפשר דער גרעסטער טהייל פון דער פערמעהרטער פרייער צייט וועט אפשר אויסגעניצט ווערען נאָר אויף גייסטיגע פערגניגענס; ביי מענשען מיט טאַלאַנט וועט די פרייע צייט פריי מאַכען דעם שאַפענדען גייסט און וועט מיטברייננגען די פעראייניגונג פון מאַטעריעלער און קינסטלערישער, בעלעטריסטישער און וויסענשאַפטליכער פּראָדוקציאָן.

דיזע פעראייניגונג וועט ווערען ניט בלויז מעגליך, זי וועט ווערען אַן עקאָנאָמישע נויטווענדיגקייט. מיר האָבען געזעהען, ווי אַ פּראָלעטאַרישע מלוכה־פיהרונג וועט זיך מוזען סטאַרען, אַז דער גאַנצער כלל זאָל זיין געבילדעט. זאָל מען אָבער פערברייטען די בילדונג אויף דעם איצטיגען שטייגער, וועט עס באַלד פיהרען דערצו, אַז דער אויפקומענדער דור וועט ניט טויגען צו קיין מאַטעריעלער פּראָדוקציאָן, דאָס הייסט, עס וועלען אונטערגעגראָבען ווערען די יסודות פון דער געזעלשאַפט. היינט איז די געזעלשאַפטליכע אַרבייטס־טהיילונג אויף אַזאַ אופן ענטוויקעלט, אַז מאַטעריעלע און גייסטיגע אַרבייט קענען כמעט ניט זיין אין איינעם צונויפגעפּאָרט. די מאַטעריעלע פּראָדוקציאָן קומט פאָר אונטער אַזוינע בעדינגונגען, וואָס ערלויבען נאָר געצעהלטע מענשען, וועלכע די נאַטור אָדער די בעדינגונגען האָבען געשטעלט אין אַ בעזאָנדערס נויטיגע לאַגע, זיך צו בעשעפטיגען דערביי נאָך

מיט העכערער גייסטיגער ארבייט. פון דער אַנדערער זייט מאַכט די גייסטיגע ארבייט, ווי זי ווערט איצט געפיהרט, אונפעהיג צו קערפערליכע ארבייט און שלאָגט אָב צו איהר דעם חשק. אַלע מענשען פערשאַפען בילדונג, הייסט אונטער אַזוינע בעדינגונגען צו מאַכען אונמעגליך די מאַטעריעלע פּראָדוקציאָן, ווייל עס וועט זיך דאַמאָלסט קיינער ניט געפינען, וועלכער וועט איהר וועלען און קענען פיהרען. וויל מען אַלזאָ, אַז דער גאַנצער כלל זאָל בעקומען העכערע גייסטיגע בילדונג, און די עקסיסטענץ פון דער געזעלשאַפט זאָל דערביי ניט שטעהן אין סכנה, דאַן פאָדערט ניט נאָר די פּעדאַגאָגיק*), נאָר אויך די עקאָנאָמישע נויטווענדיגקייט, אַז מען זאָל איינפיהרען, אַז דער אויפקומענדער דור זאָל זיך צולערנען אין דער שוהלע ניט נאָר צו גייסטיגער, נאָר אויך צו קערפערליכער אַרבייט, און אַז עס זאָל זיך אין איהם טיעף איינוואָרצלען די געוואָהנהייט צו פעראייניגען די גייסטיגע און די מאַטעריעלע פּראָדוקציאָן.

פון צוויי זייטען מוז די פּראָלעטאַרישע מלוכה־פיהרונג פיהרען צו פעראייניגונג אין דער מאַסע פון דער בעפעלקערונג פון מאַטעריעלער און גייסטיגער פּראָדוקציאָן, און דערמיט וועט די גייסטיגע אַרבייט ווערען פריי פון איהרע מאַטעריעלע קייטען: ערשטענס דורך די שטענדיגע פ ע ר ק י ר צ ו נ ג פון דער אַרבייטס־צייט פון די, ווי מען רופט זיי, האַנד־אַרבייטער, וואָס עס וועט אַרויסקומען פון דער שטענדיג וואַקסענדער פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט, און צוליעב דעם וועט בלייבען אַלץ מעהר פרייע צייט פאַר גייסטיגע אַרבייט ביי די, וועלכע זענען בעשעפטיגט אין דער מאַטעריעלער פּראָדוקציאָן; פון דער אַנדערער זייט — דורך די פערמעהרונג פון קערפערליכער אַרבייט פון די געבילדעטע, — וואָס עס וועט זיין אַן'אונפערמיידליכער רעזולטאַט פון דעם, וואָס זייער צאָהל וועט שטענדיג וואַקסען.

עס איז אָבער קלאָר, אַז ביי דיזער פעראייניגונג וועט די קערפערליכע ארבייט זיין אַן'אַרבייט צוליעב היונה, אַ נויטיגע אַרבייט, וועלכע יעדערער וועט מוזען אויספיהרען דינענדיג דער געזעלשאַפט; די גייסטיגע אַרבייט אָבער וועט ווערען פרייע אַרבייט, אַרבייט פאַר זיך, נאָך'ן אייגענעם ווילען און חשק, פריי פון יעדער געזעלשאַפטליכער

*) פּעדאַגאָגיק — די לעהרע וועגען ערציהונג.

נױטונג. װאָרום די גײַסטיגע אַרבײַט קען זיך נאָך אַ סך װעניגער פערטראָגען מיט אַזאַ נױטונג, אײדער די קערפּערליכע אַרבײַט. דיזע בעפרײַאונג פון דער גײַסטיגער אַרבײַט דורך דעם פּראָלעטאַריאַט איז ניט אַ גוטע כונה פון די אוטאָפּיסטען, נאָר אַ'ן עקאָנאָמיש־נױטװענדיגער רעזולטאַט פון דעם פּראָלעטאַריאַטס נצחון.

ענדליך האָבען מיר נאָך צו בעטראַכטען אַ דריטע פאָרם פון דער גײַסטיגער פּראָדוקציאָן, די פּראָדוקציאָן, װעלכע װערט געפיהרט אויף'ן קאַפּיטאַליסטישען אופן. אויב די ערשטע פון די דרײַ פאָרמען גײַסטיגער פּראָדוקציאָן געהערט הױפּטזעכליך צו דער װיסענשאַפט, די צװײטע צו דער קונסט, פערנעהמט די לעצטע פאָרם אַלע פעלדער פון דער גײַסטיגער טהעטיגקײַט, הױפּטזעכליך יענע פעלדער, װאו עס אַרבײַטען די העלדען פון דער פעדער און פון דער סצענע, װעלכע ליגען אין די הענד בײַ קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעהמער, צײַטונגבעזיצער, הערויסגעבער פון ביכער און טהעאַטער־דירעקטאָרען.

דיזען מין קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציאָן װעט אונטער אַ פּראָלעטאַרישע מלוכה־פיהרונג אונמעגליך זײַן װײַטער צו פיהרען. ער האַלט זיך אויף דעם, װאָס דיזע פּראָדוקציאָן קען מען מעגליך מאַכען דעם פּובליקום צו געניסען נאָר דורך אַ טהײַערען טעכנישען אַפּפּאַראַט און דורך דעם צוזאַמענאַרבײַטען פון אַ סך קרעפטען. דער אײנצעלנער מענש אַלײן קען דאָ גאָר נישט ניט אויפטהון. הײסט דאָס אָבער ניט, אַז אויך דאָ װעט דער מלוכה־בעטריעב פערנעהמען דעם אָרט פון דעם קאַפּיטאַליסטישען בעטריעב? אויב אָבער יאָ אַזוי, צי װעט ניט די פעראײניגונג אין די הענד פון דער מלוכה פון אַזאַ גרױסען און װיכטיגען טהײל פון דעם גײַסטיגען לעבען ברײנגען די ערגסטע סכנה, װעלכע עס קען נאָר פּאַסירען — די סכנה, אַז דאָס גײַסטיגע לעבען זאָל בלײַבען שטעהן אויף אײן אָרט און אָננעהמען אומעטום די גלײַכע געשטאַלט? אמת, די מלוכה־מאַכט הערט אויף צו זײַן אַ געצײַג פון אַ קלאַס, אָבער װערט זי דען ניט אַ געצײַג פון דער מעהרהײַט? קען מען דען מאַכען דעם גײַסטיגען לעבען אָבהענגיג פון דעם, װי די מעהרהײַט װעט מסכים זײַן? איז דען ניט יעדער נײַער אמת, יעדער נײַער געדאַנק, יעדע נײַע אידעע און געפיהל פון אָנהויב דערקענט און בעשיצט געװאָרען פון דער מינדערהײַט (קלענערער טהײל)? װעט די נײַע אָרדנונג ניט ברײנגען קײן געפאַהר, אַז גראַדע די בעסטע

און דרייסטעסטע קעמפפער, וועלכע טרעטען ארויס די ערשטע אויף די פערשיעדענסטע טהעטיגקייטס-פעלדער, וועלען שטענדיג האבען סכסוכים מיט דער פראלעטארישער מלוכה-פיהרונג? און אויב די נייע מלוכה-פיהרונג וועט פערשאפען אפילו מעהר פרייהייט פאר דער וויסענשאפטליכער און קינסטלערישער ענטוויקלונג פון דעם איינצעלנעם, צי וועט זי פון דער אנדערער זייט ניט אבהאלטען נאך אויף מעהר דיזע ענטוויקלונג דורך די קייטען, אין וועלכע זי וועט פערשמידען די גייסטיגע דארטען, וואו דיזע טהעטיגקייט קען ניט אויסקומען אהן געזעלשאפטליכע מיטלען? דא ליעגט טאקי א ערנסטע אויפגאבע. מען קען איהר אבער בייקומען.

קודם כל דארפען מען בעמערקען, אז אקוראט ווי ביי דער פראדוקציאן, אזוי וועט דאס אויך ביי די געזעלשאפטליכע איינריכטונגען פון דער גייסטיגער פראדוקציאן, ניט זיין נאר די מלוכה אליין, וועלכע וועט זיי פיהרען און געבען דערצו די מיטלען, נאר אויך דער קהל. דערמיט אליין איז שוין פערניכטעט די סכנה, אז דאס גייסטיגע לעבען זאל האבען אומעטום איין געשטאלט און איין פארם און עס זאל זיין בעהערשט פון איין איינציגער צענטראל-מאכט. אבער דערביי דארף מען ניט פערגעסען, אז אנשטאט דעם קאפיטאליסטישען בעטריעב פון דער גייסטיגער פראדוקציאן וועלען נאך עקסיסטירען אנדערע ארגאניזאציאנען: די פרייע פעראיינען, וועלכע וועלען דיענען דער קונסט, דער וויסענשאפט, דעם געזעלשאפטליכען לעבען און וועלכע וועלען ווירקען אויף'ן פערשיעדענסטען אופן אויף דיזער פראדוקציאן, אדער וועלען זיך אליין מיט איהר בעשעפטיגען. היינט שוין האבען מיר פיעל פעראיינען, וועלכע בעזארגען טהעאטער-פארשטעלונגען, גיבען ארויס צייטונגען, קויפען איין קונסט-ווערקע, גיבען ארויס ביכער, ריכטען אויס וויסענשאפטליכע עקספעדיציאנען*) און ז. וו. וואס קירצער עס איז די ארבייטס-צייט אין מאטעריעלער פראדוקציאן און וואס העכער עס זענען די שכירות, אלץ מעהר מוזען זיך ענטוויקלען דיזע פרייע פעראיינען, עס מוז וואקסען זייער צאהל, עס מוז

*) וויסענשאפטליכע עקספעדיציאן הייסט א רייזע פון געלעהרטע, וועלכע האט דעם צוועק צו דערפארשען א בעשטימטען ארט אדער א בעשטימטע ערשיינונג, צ. ב. א'ן עקספעדיציאן אין די אונבעקאנטע ערטער פון אפריקע און אזיען.

אויך וואקסען דער חשק און דער בעוואוסטזיין פון זייערע מיטגלידער, עס מוזען זיך פערמעהרען די מיטלען, וועלכע עס איז דערויף מנדב דער איינצעלנער און דער כלל. איך ערוואַרט פון דיזע פרייע פעראיינען, אז זיי וועלען אין גייסטיגען לעבען שפּיעלען וואס ווייטער אלץ א גרעסערע ראָליע; זיי איז בעשערט, אָנשטאט דעם קאפּיטאל, צו אָרגאניזירען און צו פיהרען די גייסטיגע פּראָדוקציאָן, אויף ווי פיעל זי טראָגט א געזעלשאפטליכען כאראַקטער.

אלזאָ אויך דאָ פיהרט די פּראָלעטאַרישע מלוכה־פיהרונג ניט צו פערמעהרטער געבונדענקייט, נאָר צו פערמעהרטער פרייהייט.

בעפרייען די שול־בילדונג און די וויסענשאפטליכע פאָרשונג פון די קייטען פון דער קלאַסען־הערשאַפט; בעפרייען די איינצעלנע פּערזאָן פון דעם יאָך פון די הוילע קערפּערליכע אַרבייט, וואס מאַטערט אוים די קרעפטען; פערבייטען דעם קאפּיטאַליסטישען בעטריעב פון געזעלשאפטליכער גייסטיגער פּראָדוקציאָן דורך דעם בעטריעב פון פרייע פעראיינען — דערצו וועט שטרעבען די פּראָלעטאַרישע מלוכה־פיהרונג אויף דעם פעלד פון דער גייסטיגער פּראָדוקציאָן.

מיר זעהען, אז אידהרע אויפגאַבען אויף דעם פעלד פון דער פּראָדוקציאָן זענען געגענזעצליך איינע צו די אנדערע. דער קאפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־אופן האָט בעשאַפען די אויפגאַבע צו רעגולירען די געזעלשאפטליכע פּראָדוקציאָן נאָך איין איינציגען בעשטימטען פּלאַן. דיזע אויפגאַבע פאָדערט, אז מען זאָל ניט איינשפּאַנען דעם איינצעלנעם מענשען אין א פעסטע אָרדנונג, אין געוויסע תקנות, וועלכע ער מוז פאָלגען. פון דער אַנדערער זייט האָט דער זעלבער פּראָדוקציאָנס־אופן געבראַכט דעם איינצעלנעם מענשען מעהר ווי ווען עס איז צום בעוואוסטזיין, האָט איהם געשטעלט אויף די אייגענע פיס און האָט איהם אָבגעריסען פון דער געזעלשאַפט. מעהר ווי ווען עס איז פערלאַנגען היינט די מענשען פריי צו ענטוויקלען זייער „איך"; און אלץ פרייער ווילען זיי בעשטימען זייער פערהעלטניס צו אנדערע מענשען, וואס דעליקאַטער עס איז דיזער פערהעלטניס און וואָס מעהר ער איז שייך צו אַן־איינצעלנע פערזאָן, אַלזאָ קודם כל זייער פערהעלטניס אַלס מאַן און ווייב, אָבער אויך זייער פערהעלטניס צו דער אַרומיגער וועלט אַלס קינסטלער און דענקער. רעגולירען דעם געזעלשאַפטליכען „תהו־ובהו" און אַראָבוואַרפען די קייטען פון דעם יחיד — דאָס זענען

די צוויי היסטארישע אויפגאבען, וועלכע דער קאפיטאליזמוס שטעלט דער געזעלשאפט. עס דוכט זיך, אז זיי זענען געגענזעצליך איינע צו דער אנדערער, און פון דעסטוועגען קען מען זיי פערענטפערען אין איין צייט, ווייל יעדע פון דיזע אויפגאבען איז נוגע א בעזונדערען קרייז פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען. געוויס, ווער עס וויל רעגולירען ביידע קרייזען אויף'ן גלייכען אופן, דער מוז זיך אזוי פערפלאנטערען, אז ער זאל ניט קענען ארויסקריכען. דא ברעכט דעם געניק דער אנארכיזמוס. דער אנארכיזמוס איז אויסגעוואקסען פון דער מרידה (אויפשטאנד) פון דער קליין-בורזשואזיע געגען דעם קאפיטאליזמוס, וועלכער דריקט זיי און שטעלט זייער עקסיסטענץ אין סכנה. דער קליינער בעל-מלאכה, וועלכער איז געוועהנט געוועזען אויסצופיהרען זיין ארבייט נאך זיין אייגענעם גוסט און ווילען, האט זיך געוועהרט מיט די הענד און מיט די פיס געגען דער דיסציפלין און דער איינזייטיגער ארבייט פון דער פאבריק. זיין אידעאל איז געבליבען די פרייע ארבייט פון דעם יחיד; וואו זי איז מעהר ניט מעגליך געוועזען, האט ער זיך געסטארעט איהר צופערבייטען דורך דעם געזעלשאפטליכען צוזאמענארבייטען אין פרייע פעראיינען, וועלכע זענען אונבאהענגיג איינע פון די אנדערע.

דער „נייער מיטעל-שטאנד", די אינטעליגענץ, איז, ווי מיר האבען שוין א סך מאל געזעהן, נאך זיין געזעלשאפטליכער לאגע נאר א פערבעסערטע און פערפיינערטע אויסגאבע פון דער פארצייטיגער קליין-בורזשואזיע. זיין ארבייטס-אופן ענטוויקעלט אין איהם דעם זעלבען בעדערפניש נאך פרייע ארבייט, די זעלבע פיינדשאפט צו דיסציפלין און איינפארמקייט. אויף אזא אופן ווערט זיין געזעלשאפטליכער אידעאל אויך דער אייגענער, ווי דער אידעאל פון דעם אנארכיזמוס. אבער דאס, וואס אין דער גייסטיגער פראדוקציאן איז א פארשריטליכער אידעאל, איז אין דער מאטעריעלער פראדוקציאן א רעאקציאנערער אידעאל, וועלכער פאסט פאר די פראדוקציאנס-בעדינגונגען פון דער אונטערגעהענדער מלאכה.

ביי דער היינטיגער לאגע פון דער פראדוקציאן זענען מעגליך נאר צוויי מינים פון דער מ א ט ע ר י ע ל ע ר פ ר א ד ו ק צ י א ן, איין וויפיעל זי איז א מאסען-פראדוקציאן, אלזא לאזענדיג אן א זייט די אלטע פראדוקציאנס-פארמען, וואס זענען איבערגעבליבען בירושה און וועלכע עס זענען דאס רוב מעהר ניט ווי אלטע סמאטעס: אדער די ק א מ ו נ י ם-

טישע פראָדוקציאָן מיט געזעלשאַפטליכען איינגענטהום אויף די פראָ-
דוקציאָנס-מיטלען, וועלכע ווערט געפיהרט פון איין צענטראַל-פונקט
נאָך אַ בעשטימטען פלאַן, אָדער די קאַפּיטאַליסטישע. די אַנאַר-
כיסטישע קען אין בעסטען פאַל זיין אַ פערבייגעהענדע ערשיינונג.
מאַטעריעלע פראָדוקציאָן, וועלכע ווערט געפיהרט פון פרייע פער-
איינען, אָהן אַ צענטראַלע השגחה, ברייננט צום „תהו-ובהו", ווען
זי איז ניט קיין סחורה-פראָדוקציאָן מיט דעם בייטען פון סחורות אויפ'ן
יסוד פון דעם ווערטה-געזעץ, וועלכער ברעכט זיך דורך אַ וועג דורך
די פרייע קאָנקורענץ. מיר האָבען אויבען געזעהען וועלכע בעדייטונג
עס האָט דיזער געזעץ ביי פרייער פראָדוקציאָן אין איינצעלנע בעטריע-
בען. ער רעגולירט די פראָדוקציאָן, אַז אין יעדען פראָדוקציאָנס-צווייג
זאָל אויסגעאַרבייט ווערען על פי ערך לויט די בעדערפנישען, ער
דערלאָזט ניט, אַז די געזעלשאַפט זאָל צ. ב. האָבען אָהן אַ שעור קנעפ-
לען און עס זאָל איהר אויספעהלען ברויט. די סחורה-פראָדוקציאָן מוז
אָבער ביי דער היינטיגער לאַגע פון דער געזעלשאַפטליכער פראָדוקציאָן
שטענדיג אַלץ ווידער אָננעהמען די פאָרם פון קאַפּיטאַליסטישער פראָ-
דוקציאָן, ווי עס בעווייזען די פיעלע פראָדוקטיוו-גענאָסענשאַפטען.
שטרעבען צו אַ'ן אַנאַרכיסטישען אידעאַל אין דער מאַטעריעלער פראָ-
דוקציאָן, הייסט אין בעסטען פאַל — אויספיהרען אַ סיזיפוס-אַרבייט*).

אַנדערש איז דאָס מיט דער גייסטיגער פראָדוקציאָן. זי בויט זיך
אויף דער מאַטעריעלער פראָדוקציאָן, אויף די מותרות פון פראָדוקטען
און אַרבייטס-קרעפטען, וועלכע יענע ליפערט; זי קען ערשט דאַן
בליהען, ווען דאָס מאַטעריעלע לעבען איז געזיכערט. ווען אין אָהם
הויבט אָן צו הערשען אונאָרדנונג, דאַן איז אונזער גאַנצע עקסיסטענץ
אין געפאַהר, פאַר איהר, פערקעהרט, איז גאַנץ גלייך, ווי פיעל
מותרות פון פראָדוקטען און אַרבייטס-קרעפטען עס געהט אַוועק אויף
דעם און ווי פיעל אויף יענעם פעלד פון דער פרייער גייסטיגער טהעטיג-

*) סיזיפוס איז אַ העלד, פון וועלכען די גריכישע מיטהאָלאָגיע (אגדתא) דערצעהלט, אַז פאַר זיינע זינד איז ער בעשטראָפט געוואָרען, ער זאָל שטענדיג קײַקלען שטיינער אויף אַ באַרג; ווי ער ברייננט די שטיינער אויפ'ן שפיטץ באַרג, קייקלען זיי זיך ווידער אַראָב, און ער מוז אָנהייבען זיין אַרבייט פון אָנהייב. — אויף אַ'ן אַרבייט, וועלכע ברייננט קיין פעולה ניט, זאָגט מען, אַז זי איז אַ סיזיפוס-אַרבייט.

קײַט. אַ יוצא מן הכלל איז נאָר די שול־בילדונג, וועלכע האָט איהרע בעזונדערע געזעצען און וועלכע ווערט אפילו הַיינט, אין דער געזעלשאַפט, וואו עס הערשט די פרײַע קאָנקורענץ, געזעלשאַפטליך רעגולירט און ווערט ניט איבערגעלאָזען דער פרײַער קאָנקורענץ. די געזעלשאַפט פאַלט אַרײַן אין אַ שלעכטע לאַגע, ווען די גאַנצע וועלט נעהמט זיך צו דער פאַבריקאַציאָן פון איין סאָרט סחורה, צ. ב. קנעפּלעך, און אויף איהר ווערט אַוועקגעלעגט אַזוי פיעל אַרבייטס־קרעפטען, אַז עס סטאַיעט דערנאָך ניט קיין אַרבייטס־קרעפטען פאַר דער פּראָדוקציאָן פון אַ אַנדער סחורה, צ. ב. פון ברויט. פערקעהרט אָבער איז אַלין איינס ווי פיעל אַרבייטס־קרעפטען עס געהען אַוועק אויף שירים און טראַגעדיען, ווי פיעל אויף חיבורים וועגען דער בבל'שער קולטור און דער באָטאַניק; דאָס האָט ניט קיין איבערשטען און ניט קיין אונטערשטען גרענעץ; ווען הַיינט ווערט געשריבען 2 מאָל אַזוי פיעל דראַמען ווי נעכטען און דערפאַר נאָר די העלפט שירים; ווען הַיינט ווערט געדרוקט 20 חיבורים וועגען דער בבל'שער קולטור און נאָר 10 באָטאַנישע, און נעכטען זענען אַרויס 20 באָטאַנישע און 10 חיבורים וועגען דער בבל'שער קולטור — ווערט דערפון די עקסיסטענץ פון דער געזעלשאַפט אויף אַ האָר ניט אָנגעריהרט. דיזער פאַקט דריקט זיך אויס עקאָנאָמיש אין דעם, וואָס דער ווערטה־געזעץ, ניט קוקענדיג אויף אַלע פסיחאָלאָגישע ווערטה־טעאָריען, איז ריכטיג נאָר פאַר דער מאַטעריעלער, און ניט פאַר דער גייסטיגער פּראָדוקציאָן. אין דער גייסטיגער פּראָדוקציאָן איז אַ צענטראַלע פיהרונג ניט נאָר וואָס ניט נויטיג, נאָר פערקעהרט, די גרעסטע נאַרישקייט; דאָ קען הערשען די פרײַע פּראָדוקציאָן, און עס איז ניט נויטיג, אַז זי זאָל ווערען אַ סחורה־פּראָדוקציאָן און (פאַר דעם גרויס־בעטריעב) אַ קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן.

קאָמוניזמוס אין דער מאַטעריעלער פּראָדוקציאָן, אַנאַרכיזמוס אין דער גייסטיגער: דאָס איז דער מוסטער פון אַ סאָציאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן, ווי ער וועט זיך ענטוויקלען פון דער הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט, מיט אַנדערע ווערטער פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן דורך די לאָגיק פון די עקאָנאָמישע פאַקטען, וועלכע פערלאַנגען, כוונות און טעאָריען דער פּראָלעטאַריאַט זאָל ניט האָבען.

9. די פסיכאלאגישע בעדינגונגען, וואס זענען פון פאראוים נויטיג פאר דער הערשאפט פון דעם פראלעטאריאט.

אין אנדער לעזער קען אפשר איינפאלען א קשיא, פאר וואס האב איך ביי דיזער אונטערזוכונג שטענדיג גערעדט נאר פון עקאנאמישע בעדינגונגען. איך האב ניט אונטערזוכט, וועלכען מאראלישען יסוד די נייע געזעלשאפט זאל האבען, צי זאל זי זיין אויפגעבויט אויף קאנט'ס אדער אויף ספענסער'ס*) עטהיק (מאראל), צי דער קאטעגארישער אימפעראטיוו**) אדער „דער גרעסטער גליק פון דער גרעסטער צאהל מענשען" זאל זיין איהר מאראלישער פרינציפ; אויך האב איך ניט אונטערזוכט וועלכען העכסטען יוריסטישען פרינציפ זאל זי אננעהמען: צי דעם רעכט פון יעדערען אויף אלע פראדוקטען פון זיין ארבייט, אדער דעם רעכט אויף עקסיסטענץ אדער וועלכען עס איז אנדערן עקאנאמישען הויפט-רעכט, וועלכען דער יוריסטען-סאציאליזמוס האט ענטדעקט. עס איז קיין ספק ניט, אז רעכט און מאראל וועלען אויך שפיעלען א ראליע אין דער סאציאלער רעוואלוציאן, אבער שטענדיג וועט דורכגעפיהרט ווערען אין לעבען דאס, וואס די עקאנאמישע בעדינגונגען וועלען פאדערען.

אבער אויסער רעכט און מאראל דארף מען ניט פערגעסען אן דער פסיכאלאגיע. וועט די פסיכאלאגיע אויך ניט בעשאפען פאר דער פראלעטארישער מלוכה-פיהרונג אויפגאבען, און אפשר אזעלכע, וואס וועלען האבען די גרעסטע בעדייטונג? קען דען דער

---

*) ספענסער איז א בעוואוסטער ענגלישער פילאזאף.

**) דער קעניגסבערגער פילאזאף קאנט (געשטארבען אין אנהויב פון דעם 19-ען יאהרהונדערט) נעהמט אן, אז אין יעדען מענשען איז פון דער נאטור איינגעפלאנצט א מאראלישעס געפיהל, וועלכעס בעפעהלט איהם צו געהן אויף א רעכטען וועג, אויפ'ן וועג פון גוטע מדות. דער מענש קען זיך ניט אבזאגען פון צו טהון גוטס, ווייל ער איז מחויב צו טהון. „דו קענסט, ווייל דו ביזט מחויב" — אזוי זאגט דעם מענשען דער אינעווייניגער קול, דאס מאראלישעס געפיהל, דיזער מאראלישעס געפיהל — זייטענגעזעטץ — רופט אן קאנט מיט דעם נאמען „קאטעגארישער אימפעראטיוו".

סאָציאַליזמוס מקוים ווערען, וואו די מענשען זאָלען ניט זיין פריהער אויסער־געוועהנליכע בעשעפענישען, אמת'ע מלאכים אין זייער גייסטי־גער ענטוויקלונג און אין זייער השק צו דער אַרבייט, מיט דער פיינסטער און אידעלסטער נאַטור און אָהן אַ ברעקעל עגאָאיזמוס? אָבער ביים איצטיגען דור, וואָס איז פול מיט עגאָאיזמוס און גראָבקייט, צי וועט די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן ניט ווערען אַ סיגנאַל צו ווילדע קאַמפּפען צוליעב גזלה, אָדער צי וועט זי ניט פיהרען דערצו, אַז קיינער וועט ניט וועלען אַרבייטען, און די געזעלשאַפט וועט מוזען צוליעב דעם אונטערגעהען? אַלע פערענדערונגען אין דעם עקאָנאָמישען יסוד העל־פען ניט, כל־זמן די מענשען זענען ניט אויסגעאיידעלט.

דאָס ליעד און דער נוסח זענען ניט ניי. מען האָט זיי שוין געזונגען מיט הונדערט יאָהר צוריק, בשעת עס האָט זיך פאַנאַנדערגעגעבען דער ניגון וועגען דעם ניט איבערגעשפּיטצען שכל פון דעם אונטער־טהאַן. די הייסע און טרייע „טאַטעס" פון די אייראָפּעאישע לענדער, וואָס האָבען געהערט צום „הייליגען בונד"*), וואָלטען מיט דעם גרעסטען פערגניגען געגעבען זייערע קינדער אַלערליי מעגליכע פרייהייטען. אָבער די קינדער מוזען נאָך „צייטיג" ווערען!

מיר פאַלט גאָר ניט איין אָבצולייקענען, אַז יעדער פּראָדוקציאָנס־אופן פאָדערט ניט נאָר געוויסע טעכנישע, נאָר אויך פּסיכאָלאָגישע בעדינגונגען, אָהן וועלכע ער קען ניט געהען. פון וואָס פאַר אַ מין דיזע פּסיכאָלאָגישע בעדינגונגען מוזען זיין פאַר אַ געוויסען פּראָדוקצ־יאָנס־אופן, דאָס ווענדט זיך אָן דעם האַראַקטער פון די עקאָנאָמישע אויפגאַבען, וועלכע ער שטעלט זיך.

קיינער וועט ניט זאָגען, אַז ביי דיזער אונטערזוכונג מיינער האָב איך געהאַט אין זינען אַזוינע מענשען, וואָס זענען פשוט מלאכים. אויף דורכצופיהרען די איבענדערמאָנטע אויפגאַבען מוז מען האָבען אַ

---

*) צום „הייליגען בונד", וועלכער האָט זיך געגרינדעט אים יאָהר 1815, האָבען געהערט פריהער רוססלאַנד, עסטרייך, און דייטשלאַנד, שפּעטער אויך פראַנקרייך און אַנדערע קלענערע מלוכות. דער „הייליגער בונד" איז געוועזען דער „עמוד הברזל" (אייזערנער סלופּ) פון דער דאַמאָלסדיגער רעאַקציאָן. וואו עס פלעגט זיך אָנהייבען אַ רעוואָלוציאָן, פלעגט ער באַלד שיקען חיל, אויף צו דערשטיקען איהר, אום אומצוקעהרען די קרוין אויף די פון גאָט „געזאַלבטע קעפּ".

געוויסע גייסטיגע ענטוויקלונג, דיסציפּלין און אָרגאַניזאַציאָנס-טאַלאַנט. דאָס זענען די פּסיכאָלאָגישע בעדינגונגען, וועלכע עס זענען פאָראויס נויטיג פאַר אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. גראַדע דיזע בעדינגונגען אָבער ווערען שוין היינט בעשאַפען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. עס איז די היסטאָרישע אויפגאַבע פון דעם קאַפּיטאַל, צו אָרגאַניזירען און דיסציפּלינירען די אַרבייטער, צו ענטוויקלען און אויסאַרבייטען זייער אידעען-קרייז, אַרומפיהרענדיג זייער געדאַנק פון די ד'־אַמות פון זייער ווערקשטאַט און פון זייער קלייזעל.

קומען צו דער סאָציאַליסטישער פּראָדוקציאָן, אָנגעהמענדיג פאַר איהר יסוד דעם בעל-מלאכה'שען אָדער דעם בויערליכען בעטריעב איז אונמעגליך ניט נאָר צוליעב עקאָנאָמישע טעמים — צוליעב דער קלייגער פּראָדוקטיוויטעט פון דיזע בעטריעבען — נאָר עס איז אויך אונמעגליך צוליעב פּסיהאָלאָגישע טעמים. איך האָב שוין אָנגעוויזען דערויף, ווי די קליין-בורזשואַזנע פּסיהאָלאָגיע איז געניינט צום אַנאַרכיזמוס און ווערט זיך געגען דער דיסציפּלין פון אַ געזעלשאַפטליכען בעטריעב. דאָס איז איינע פון די גרעסטע שוועריגקייטען, וועלכע דער קאַפּיטאַל בעגעגענט אין אָנהויב פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן, ווייל ער רעקרוטירט זיינע ערשטע אַרבייטער פון די בעלי-מלאכות אָדער בויערן. געגען דעם האָט דער קאַפּיטאַל געהאַט צו קעמפּפען אין ענגלאַנד אין 18-טען יאָהר הונדערט, דאָס מאַכט נאָך עד-היום שווער דער גרויס-אינדוסטריע פון די דרום-שטאַטען פון אַמעריקאַ זיך געשווינד צו ענטוויקלען, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דאָס וואָלט געווען פאַר איהר זעהר לייכט, אַדאַנק דער נאָהענטקייט פון די וויכטיגע רויהע מאַטעריאַלען.

אָבער ניט נאָר דיסציפּלין, נאָר אויך אָרגאַניזאַציאָנס-טאַלאַנט ווערט ווייניג ענטוויקעלט ביי די בעדינגונגען פון דער קליין-בורזשואַזנער און בויערליכער פּראָדוקציאָן. דאָ קען מען ניט פעראייניגען גרויסע מאַסען מענשען, אַז זיי זאָלען צוזאַמען אַרבייטען נאָך איין בעשטימטען פּלאַן. אויף דיזער עקאָנאָמישער מדרגה גיבען נאָר די אַרמעען געלעגענהייט צו אָרגאַניזירען גרויסע מאַסען. די גרויסע היל-אָנפיהרער זענען אויך גרויסע אָרגאַניזאַטאָרען. די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן פיהרט איין די אָרגאַניזאַציאָן פון גרויסע מאַסען מענשען אין דער

אינדוסטריע. די קאַפּיטאַליסטען זענען דאָ, ווי בעקאַנט, די גענעראַלען און פעלד־מאַרשאַלען, און די אַלע, וועלכע עס צייכנען זיך אויס צווישען זיי, זענען טאַלאַנטפאָלע אָרגאַניזאַטאָרען. דעריבער שעצט דער קאַפּיטאַל זייער הויך און בעלוינט אַלע זיינע שכירות־מענשען, וועלכע האָבען אַ'ן אָרגאַניזאַציאָנס־טאַלאַנט. אויף אַזאַ אופן וואַקסען אויס אָרגאַניזאַטאָרישע טאַלאַנטען, וועלכע די פּראָלעטאַרישע מלוכה־פיהרונג וועט קענען רעכט אויסנוטצען. אויף די פיהרער פון די סינדיקאַטען און די פאַבריק־דירעקטאָרען וועלען מיר ניט אַרויפלעגען אַ חרם, אַז זיי זאָלען זיטצען אָהן אַרבייט.

דער קאַפּיטאַל דאַרף אָבער אויך האָבען אינטעליגענטע אַרבייטס־קרעפטען, און אַזוי זעהען מיר, אַז דער קאָנקורענץ־קאַמפּף טרייבט אומעטום דערצו, אַז מען זאָל וועניגסטענס פערבעסערען די פּראָפעסיאָנעלע שוהלען. פון דער אַנדער זייט פיהרט די ענטוויקלונג פון דעם פערקעהר און פון דער פּרעסע במילא דערצו, אַז דער אַרבייטער ווערט גייסטיג ענטוויקעלטער.

די פּסיכאָלאָגישע בעדינגונגען פון אַ סאָציאַליסטישער פּראָדוקציאָן ווערען אָבער ענטוויקעלט ניט נאָר דורך דעם נאָכיאָגען פון דעם קאַפּיטאַל נאָך עקספּלואַטאַציאָן פון גרויסע מאַסען, נאָר אויך, און ניט וועניגער, דורך דעם קאַמפּף, וועלכען דער פּראָלעטאַריאַט פיהרט געגען דיזער עקספּלואַטאַציאָן; ער ענטוויקעלט אַ דיסציפּלין אין יעדען פאַל, ווי מיר האָבען שוין געזעהען, אַ גאַנץ אַנדערע איידער די, צו וועלכער עס צווינגט דער קאַפּיטאַל; ער ענטוויקעלט אָבער אויך דעם אָרגאַניזאַציאָנס־טאַלאַנט; ווייל דער פּראָלעטאַריאַט קען בייזשטעהן אין זיין קאַמפּף געגען דעם קאַפּיטאַל און דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה נאָר דאַן, ווען אַלע גרויסע מענשען־מאַסען, פון וועלכע ער בעשטעהט, טרעטען אַרויס אין איינעם. די אָרגאַניזאַציאָן איז דער וויכטיגסטער כלי־זין פון פּראָלעטאַריאַט, און כמעט אַלע זיינע גרויסע פיהרער זענען אויך גרויסע אָרגאַניזאַטאָרען. געגען די געלדמאַכט פון קאַפּיטאַל און געגען די כלי־זין פון דער מיליטער־מלוכה האָט דער פּראָלעטאַריאַט מעהר ניט אַרויסצושטעלען ווי נאָר זיינע אָרגאַניזאַציאָנען און זיינע תקיפות, וואָס אָהן איהם קען דער עקאָנאָמישער לעבען ניט אויסקומען. אַז מיט און דורך די אָרגאַניזאַציאָנען פון פּראָלעטאַריאַט וואַקסט אויך זיין גייסטיגע ענטוויקלונג, דאָס איז קלאָר אָהן ראַיות.

כדי צו דערגרייכען די קראַפט, וואָס איז נויטיג אויף צו קענען בייקומען זיינע מורא'דיגע געגנער, מוז דער פּראָלעטאַריאַט דערגרייכען צו אַ הויכער מדרגה פון גייסטיגער ענטוויקלונג, צו אַ פעסטער דיסציפּלין, צו אַ פאָלקאָמענער אָרגאַניזאַציאָן פון זיינע גרויסע מאַסען, וועלכע זאָלען אין דער אייגענער צייט ווערען אַזוי נויטיג אין עקאָנאָמישען לעבען, אַז מען זאָל אָהן זיי ניט קענען אויסקומען. מיר דאַרפען ערוואַרטען, אַז ער וועט ערשט דאַן בייקומען זיינע געגנער, ווען דיזע אַלע מעלות וועלען זיין ענטוויקעלט ביי איהם ביז צום העכסטען גראַד, אַז די הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט און דערמיט אויך די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן וועט אַלזאָ פאָרקומען ערשט דאַן, ווען ניט בלויז די עקאָנאָמישע, נאָר אויך די פּסיכאָלאָגישע בעדינגונגען פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועלען שוין עקסיסטירען ביז צום געהעריגען גראַד. און ווייל מען דאַרף דערצו ניט האָבען, אַז די מענשען זאָלען ווערען מלאָכים, וועלען מיר ניט דאַרפען וואַרטען זעהר פיעל, ביז דער פּראָלעטאַריאַט וועט פּסיהאָלאָגיש צייטיג ווערען.

אָבער אויב דער איצטיגער פּראָלעטאַריאַט דאַרף זיך ניט זעהר שטאַרק ענדערען אויף צו ווערען צייטיג פאַר אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, דאַרפען מיר דאָך האָפען, אַז די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וועט בעדייטענד ענדערען דעם כאַראַקטער פון מענשען. דאָס, וואָס מען האָט פאַר אַ בעדינגונג, וואָס איז פון פאָראויס נויטיג פאַר דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט און וואָס די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט קען בשום אופן ניט געבען, וואָס עס איז אַלזאָ אַן־אונמעגליכע בעדינגונג — בעשאַפען אַ העכערען מין מענש, איידער דער איצטיגער — דאָס וועט זיין דער רעזולטאַט פון דעם סאָציאַליזמוס. ער וועט ברייגען די מענשען זיכערהייט, רוהיגקייט און פרייע צייט, ער וועט אויפהייבען זייערע רעיונות איבער די וואָכעדיגע דאגות און אינטערעסען, ווייל זיי וועלען ניט דאַרפען די גאַנצע וואָך זאָרגען, ווי צו געפינען פאַר זיך הזונה. ער וועט מאַכען אונאַבהענגיג דעם מענשליכען „איך" פון אַנדערע מענשען, און אויף אַזאַ אופן וועט ער אויסוואָרצלען אי דעם געפיהל פון קנעכטשאַפט, אי דעם געפיהל פון פעראַכטונג צו אַנדערע מענשען. ער וועט אין דער אייגענער צייט מבטל זיין דעם אונטערשייד צווישען שטאָדט און דאָרף, ער וועט מאַכען, אַז די מענשען זאָלען האָבען אַ צוטריט צו אַלע אוצרות פון אַ הויכער קולטור;

ער וועט זיי אומקעהרען די נאַטור, פון וואַנען זיי שעפּען קראַפט און השק צום לעבען.

אויסרייסענדיג די קערפּערליכע וואָרצלען פון דעם פּעסימיזמוס, וועט ער אויך אויסראַמען דעם סאָציאַלען פּעסימיזמוס, דעם עלענד און אַראָבגעפאַלענהייט פון איין טהייל מענשען, וועלכע האַלטען די דחקות פאַר אַ גוטע מדה, און די איבערזעטיגונג פון דעם אַנדערען טהייל, וועלכע טהוען גאָר נישט און טרינקען דעם בעכער פון פערגניגען ביז צום דעק. דער סאָציאַליזמוס וועט פערניכטען נויט, איבערזעטיגונג און כל המינים פערדאָרבענהייט, ער וועט מאַכען דעם מענשען פעהיג צו גענ‍יסען דעם גליק, ער וועט אין איהם אויפוועקען דעם השק צום לעבען און די ליעבע צו שענהייט. און דערביי וועט ער ברייננען פאַר אַלעמען די פריידהייט זיך אָבצוגעבען מיט דער קונסט און מיט דער וויסענשאַפט.

דאַרפען מיר ניט אָננעהמען, אַז ביי אַזוינע בעדינגונגען וועט אויפקומען אַ נייער מין מענש, וואָס וועט שטעהען העכער איידער אַלע מינים מענשען, וועלכע די קולטור האָט ביז איצט בעשאַפען? אַנ'איבערמענש*)—אויב איהר ווילט—אָבער ניט אַלס איין אויסנאַהם, נאָר אַלס כלל; אַ מענש, וועלכען מען קען אָנרופען „איבערמענש" אין פערגלייך צו זיינע טאַטעס און זיידעס, אָבער ניט אין פערגלייך צו זיינע חברים, אַנדערע מענשען; אַ העכער סאָרט מענש, אָבער ניט דער, וואָס זוכט זיין בעפרידיגונג אין דעם, צו זיין גרוים צווישען קאַליקעס און קאַליקעס, נאָר אַ גדול צווישען גדולים, גליקליך צווישען אַנדערע גליקליכע—וועלכער שעפט זיין בעוואוסטזיין פון זיין קראַפט ניט דערפון, וואָס ער שטעהט אויף אַ בארג צוטראָטענע נפשות, נאָר דערפון, וואָס זיין פעראייניגונג מיט מענשען, וועלכע שטרעבען

---

*) דער ניט-לאַנג פערשטאָרבענער פילאָזאָף פריעדריך ניעצשע שטעלט זיך פאָר אַלס העכסטען אידעאַל, אַז די קולטור זאָל בעשאַפען אַ העכערען מין מענש—אַ'ן איבערמענש, ווי ער רופט איהם אָן—וועלכער זאָל שטעהען העכער איידער די איבריגע מענשען, סיי קערפּערליך סיי גייסטיג; ער גלויבט, אַז נאָר איינצעלנע מענשען קענען דערלאַנגען אַזא הויכע מדרגה, אָבער ניט דער גאַנצער כלל. ווען די מענשען זאָלען זיין אַלע עקאָנאָמיש גלייך, מיינט ער, קען זיך ניט ענטוויקלען אַזא העכערער מין מענש.

צו דעם איינענעם ציעל, ווי ער, גיט איהם דעם מיטה צו נעהמען זיך פאר די שווערסטע אויפגאבען.

מיר דארפען דעריבער האפען, אז עס וועט זיך אויפהייבען א נייע וועלט פון קראפט און שענהייט, אין וועלכער עס וועט מקוים ווערען דער אידעאל פון אונזערע טיעפסטע און עדעלסטע דענקער.

ערסטע ביילאגע צום 8־טען קאפיטעל.

די צוקונפט פון דעם איינענעם היים.

(א קאפיטעל פון דער אגראר־פראגע.)

ווען מיר ערווארטען אפילו, אז פאר דאס רוב פון די בעטריעבס־צווייגען אין דער לאנדווירטשאפט וועט זיך ארויסווייזען, אז דער גרויס־בעטריעב לוינט בעסער; אז די עקאנאמישע ענטוויקלונג וועט דעריבער נאכדעם, ווי דער פראלעטאריאט וועט נאך זיין נצחון פערניכטען אלע שטערונגען, וואס שטעהען איהר אין וועג, פיהרען צו דער ארויסשטויסונג פון דעם קליין־בעטריעב דורך דעם געגאסענשאפטליכען אדער קאמונאלען*) גרויס־בעטריעב, דאס הייסט, די בויערן וועלען מאכען שותפות אויף זייערע פעלדער, — איז דערפון נאך בשום אופן ניט געדרונגען, אז עס וועט בטל ווערען די איינענע היים. די פערבינדונג פון דער היים מיט דעםווירטשאפטליכען בעטריעב, וועלכע עס האראקטעריזירט נאך עד־היום די לאנדווירטשאפט — דאס וועט דאמאלס אויפהערען צו עקסיסטירען, די הויז וועט זיין אבגעזונדערט פון דעם בעטריעב; אבער קיין זאך קען ניט צווינגען דערצו, אז די דירה פון דעם בויער זאל איבערגעהען אין קהל'שען איינענטום. דער איצטיגער סאציאליזמוס פאָדערט, אז דער געזעלשאפט זאלען געהערען די פראדוקציאנס־מיטלען, אבער ניט די גענוס־מיטלען. אויף גענוס־מיטלען איז מעגליך, אז עס זאל עקסיסטירען פריוואט־איינענטום. אבער די איינענע היים איז איינער פון די וויכטיגסטע מיטלען — און אפשר דער וויכטיגסטער פון זיי, — וועלכע גיבען דעם מענשען די מעגליכקייט צו האבען הנאה פון לעבען און וועקען דעם חשק צו איהם.

---

*) וואס געהערט צו א קהלה.

קהל׳שער אייגענטום אויף ערד קען זיך דערמיט זעהר גוט פער־טראַגען.

מיר וואָלטען געשוועבט אין עולם הדמיון, ווען מיר זאָלען דאָ אַרומרעדען, ווי און אין וואָס פאַר אַ דירות די מענשען וועלען וואוינען אין דער צוקונפט. די מענשען מעגען וואָהנען אין דער צוקונפט אין פּאַלאַצען—פּאַלאַנסטערען, ווי פוריע*) האָט געטראַכט, אָדער אין אָבגעזונדערטע הייזער, ווי בעללאַמי**) שטעלט פאָר, עס מעג אין איין אָרט זיין אַזאַ פאָרם, אין דעם אַנדערען אַן׳אַנדערע, עס מעגען זיך ביידע פאָרמען ענטוויקעלן אין איין צייט און איינע נעבען דער אַנדערער—איין זאַך איז זיכער: ווען די מענשען וועלען האַלטען פאַר וויכטיג, אַז יעדע פאַמיליע זאָל האָבען איהר אייגענע היים, וועלען דערצו ניט שטערען די כללים, די פּרינציפּען, אויף וועלכע די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וועט זיך בויען.

אין יעדעם פאַל איז עס ריכטיג, אַז די טעכנישע ענטוויקלונג פיהרט שוין היינט דערצו, צו פערקלענערען די אַרבייטען פון דער בעזונדערער הויז־בעל־הבית׳ישקייט, און צו מאַכען די פרויענצימער פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלע אַרבייטערין. אויב דאָס ערשטע קומט נאָך פאָר זעהר לאַנגזאַם, וואַקסט עס דערפון, וואָס די אַרבייטס־קראַפט פון דער פרוי איז ביליג. פאַר דער אַרבייט, וועלכע די פרוי טהוט אָב אין הויז, בעצאָהלט מען ניט מיט געלד, עס דוכט זיך דעריבער, אַז זי קאָסט גאָר נישט; די פרוי איז די ביליגסטע און געדולדיגסטע בע־שעפעניש אויף צו שלעפען משאות, און דעריבער האַלט זיך דער

*) פוריע (געבאָרען 7721, געשטאָרבען 1837) איז געווען איינער פון די גרעסטע אוטאָפּיסטישע סאָציאַליסטען פון 19־טען יאָהרהונדערט. אין זיינע ווערק האָט ער שאַרף קריטיקירט די עקזיסטירענדע אָרדנונג און האָט פאָרגע־לעגט אַ פּלאַן פון אַ נייע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, וועלכע האָט בעדאַרפט בעשטעהען פון דער פעראייניגונג פון אַ מאַססע גרופּפּעס צו 1600 — 1800 מענשען (מענער, פרויען און קינדער). יעדע גרופּפּע האָט בעדאַרפט וואָה־נען אין איין ריזיגען פּאַלאַץ — אין אַ פּאַלאַנסטער — און געמיינזאַם פיהרען זייער פּראָדוקציאָן. די פּאַלאַנסטערען האָבען געדאַרפט זיך בייטען צווישען זיך מיט זייערע פּראָדוקטען.

**) בעללאַמי איז אַ אַמעריקאַנישער שריפטשטעללער, וועלכער האָט פערפאַסט אַ בוך אונטערן נאָמען: „איבער הונדערט יאָהר”, אין וועלכען ער מאָלט אויס די צוקינפטיגע געזעלשאַפט.

פּראָלעטאַריער פּעסט פאַר דער בעזונדערער הויז־בעל־הבית׳ישקייט, וועלכע איז טעכניש זעהר אָבגעשטאַנען. פאַר די נגיד׳ישע קלאַסען בעדייטעט די פיהרונג פון אַן אייגענער הויז־בעל־הבית׳ישקייט די בעקוועמליכקייט צו האָבען אייגענע שקלאַפינען, די דינסט־מיידלאַך, אויף צו בעדינען נאָר זיין „אייגענעם כבוד”.

וואָס שטאַרקער עס ווערט דער פּראָלעטאַריאַט, אַלץ זעלטענער ווערען די דינסט־מיידלעך, אַלץ גרעסער זענען זייערע פאָדערונגען, אַלץ אונאַנגענעהמער ווערט פאַר די נגידים די פיהרונג פון דער אייגענער הויז־בעל־הבית׳ישקייט. יענע צדקניות־בעל־הבית׳טעס, וועלכע האַלטען פאַר קדש קדשים די אייגענע קיך — כל־זמן זייער דינסטמיידעל בעשעפטיגט זיך דערמיט — זיי וועלען מעהר פאַר אַלעמען פערלאַנגען אַזוינע תקנות, דורך וועלכע די אַרבייטען פון דער פּריוואַטער הויז־בעל־הבית׳ישקייט זאָלען פערקלענערט ווערען אָדער איבערגעהען אין בעזונדערע פּראָפעסיאָנען, ווען זיי וועט אויסקומען אַליין אויסצופיהרען דיזע אַרבייטען, אַליין צו קאָכען, אַליין צו וואַשען, קינדער צו ערציהען און — די גרעסטע צרה פון אַלע צרות — צו פוצען שטיוועל.

דער נצחון, אָדער אַפילו בלויז די פערשטאַרקונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט, מוז אַרויסרופען צווישען די אַרבייטענדע פרויען גופא אַן אַנדער שטרעבונג אין דער זעלבער ריכטונג. דער עלענד און דער טירחה זענען עס, וועלכע צווינגען אויסצופיהרען בעסער אין דער היים און אַבי־ווי די אונפּראָדוקטיווסטע אַרבייטען, אָנשטאָט אָבצוגעבען זיי ערגעץ אַנדערש, וואו מען בעשעפטיגט זיך ספּעציעל מיט דיזע אַרבייטען. ווען די מאַטעריעלע לאַגע פון דער אַרבייטער־פאַמיליע וועט זיך פערבעסערען, וועט דאָס ניט פיהרען דערצו, אַז זי וועט בעלאַסטען מיט איהר אַרבייט אַ נייע הויז־שקלאַפין, נאָר זי וועט אַראָבנעהמען פון דער הויז־פרוי די לאַסט פון דער שטוביגער אַרבייט.

די פערקלענערונג פון די הויז־אַרבייטען, וועלכע געהט ביי היינטיגען טאָג אַ סך לאַנגזאַמער, איידער דאָס ערלויבט די טעכנישע ענטוויקלונג, וועט דאַמאָלס פאָרקומען געשווינד. דער עקאָנאָמישער יסוד פון דער פאַמיליע וועט דערמיט פערשווינדען, אָבער ניט די פאַמיליע גופא. דען דערווייל איז אויפגעקומען אַן אַנדער העכערער יסוד פאַר׳ן פאַמיליען־לעבען — די ענטוויקלונג פון דער מענשליכער פערזאָן, די אינ־

דִיוִידוּאַלִיטֶעט.

דעם מענשען צִיהט בדרך הטבע צו לעבען אין אַ געזעלשאַפט, ער געהערט צו דעם מין „חיה, וואָס וואָהנט אין סטאַדעס‟, און עס דויערט אַ סך צייט, איידער ער הייבט אָן צו פִיהלען און בעטראַכטען זיין פּערזאָן אָבגעזונדערט פון דער געזעלשאַפט. כל־זמן דער מענש האָט געקענט בייִשטעהען אין דער מלחמה פאַר'ן לעבען נאָר זייענדיג פעסט פערבונדען מיט דער געזעלשאַפט, און כל־זמן די געזעלשאַפטליכע ענטוויקלונג איז פאָרגעקומען אַזוי לאַנגזאַם, אַז די טראַדיציאָן, ד. ה. די סומע אידעען, וועלכע דער כלל האָט איבערגענומען בירושה, האָט פאָלקאָם געהערשט איבער דעם גאַנצען גייסטיגען לעבען פון דעם יחיד, איז ניט געוועזען קיין פלאַץ פאַר דער ענטוויקלונג פון דער איינצעלנער פערזענליכקייט. ערשט ווען די פערמעהרונג פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט און די קלאַסען־טהיילונג האָבען בעשאַפען קלאַסען, וועלכע זענען ניט געוועזען מיט לייב און לעבען אַריינגעטהון אין דעם קאַמפף פאַר'ן לעבען—אין קערפערליכער אַרבייט און מלחמות—, וועלכע האָבען געהאַט פרייע צייט אויף צו ענטוויקלען אַ בעזאָנדערען גייסטיגען לעבען, און וועלכע האָבען דורך זייערע עשירות און שקלאַפען בעקומען די מעגליכקייט צו לעבען אונאַבהענגיג פון דער געזעלשאַפט, נאָך מעהר, צו לעבען דוקא פערקעהרט ווי עס איז אָנגענומען אין דער געזעלשאַפט,—ערשט דאַן איז בעשאַפען געוואָרען, לכל הפחות, פאַר דער אַריסטאָקראַטיע, דער יסוד אויף צו ענטוויקלען פריי די פערזענליכקייט, בעזאָנדערס דאַן, ווען גרויסע קאַטאַסטראָפען פלעגען פּלוצלונג שטעלען די געזעלשאַפט אויף אַ נייעם יסוד, און אויסראַמען דורך דעם אַלע אַלטע טראַדיציאָנען. אַזוי איז געוועזען צ. ב. אין גריכענלאַנד נאָך די מלחמות מיט די פּערסען, אין איטאַליען נאָך די מלחמות פון צלם־טרעגער, אין מערב־אייראָפּאַ, אין דער צייט פון די ענטדעקונגען און פון דער רעפאָרמאַציאָן. עס איז געבאָרען געוואָרען די פערזענליכקייט; נעבען דער אונפערזענליכען פאָלקס־קונסט איז אויפגעקומען די פערזענליכע פילאָזאָפיע.

אָבער ערשט דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן איז עס געלונגען אויסצוואָרצלען ביי גרעסערע בעפעלקערונגס־מאַסען די געוואָהנהייט בלינד נאָכצוטהון דעם כלל, צו מאַכען פון דעם יחיד,

דעם „איבערמענשען‟, פון אַן אַריסטאָקראַטישער אַ דעמאָקראַטישע ערשיינונג. דאָס איז איהם געלונגען דורך דעם, וואָס ער האָט אויסגעראַמט די בירושה איבערגעגאַנגענע אָרגאַניזאַציאָנען, וועלכע האָבען פריהער פערבונדען אין איינעם די פאָלקס־מאַסען אין זייער קאַמפּפאַר׳ן לעבען; דורך דעם, וואָס ער האָט געמאַכט אַן עקאָנאָמישע רעוואָלוציאָן, אַ רעוואָלוציאָן כסדר, אָהן אַן אויפהער; די טראַדיציאָן האָט צוליעב דעם אין גאַנצען אויפגעהערט צו טויגען פאַר אַ פיהרער אין לעבען, און יעדערער איז געצוואונגען אויפצובויען זיין אייגענע אידעען־וועלט אויף דעם יסוד פון זיין אייגענער ערפאַהרונג; ענדליך דורך דעם, וואָס דער היינטיגער פּראָדוקציאָנס־אופן (און דערפאַר האָט ער ניט ווייניג צו פערדאַנקען די מאַסען־מעהרווערטה, וועלכע ער בעשאַפט) האָט פערמעהרט די צאָהל פון די „קאָפּ־אַרבייטער‟ אויף אַזוי פיעל, ווי עס איז נאָך ביז אַהער קיין מאָל ניט געווען, און צוגלייכער צייט גיט ער זיי אַ סך אַן־אונזיכערע און ווייניגער בעפרידיגענדע שטעלונג אין דער געזעלשאַפט, ווי זיי האָבען פריהער געהאַט.

דער אינדיווידואַליזמוס, דאָס שטרעבען צו דער פרייער ענטוויקלונג פון דער פערזענליכקייט, מוז אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט זיין אַ סך שטאַרקער און אַלגעמיינער, איידער אין אַ קאַפּיטאַליסטישער, אין דעם ערך, אין וועלכען עס וועט זיך פערבעסערען די מאַטעריעלע לאַגע פון כלל און עס וועט זיך פערברייטערען צווישען די גרויסע מאַסען בילדונג און פרייע צייט.

געוויס וועט דער יחיד ניט קענען נעהמען אַזאַ פרייען אַנטהייל ווי איצט אין זעהר אַ וויכטיגען טהעטיגקייטס־פעלד, אין עקאָנאָמישען לעבען; פון דער אַנדערער זייט אָבער וועט דער יחיד, וואָס קען היינט זעהר ווייניג וואָס עס איז טהון אויסער דעם עקאָנאָמישען לעבען, זיך קענען אויף אַ סך מעהר ענטוויקלען אין גייסטיגען לעבען דורך דער פערקירצונג פון דער אַרבייטס־צייט.

אַ דאַנק דעם מוז קריגען אַ גאַנץ נייע בעדייטונג קודם־כל די פאַמיליע, די היים. די פערזענליכקייט קען אין ערגעץ ניט אַזוי גוט און פריי אָבאָטעמען, ווי אין דער אייגענער היים, וואו קיינער שטערט איהר ניט, וואו קיינער איז אויף איהר ניט קיין בעל־דעה; אין דער אייגענער היים, וואו זי האָט זיך נאָר צו רעכענען מיט מאַטעריעלע, אָבער ניט מיט פערזענליכע שטערונגען; דאָרטען קען זי זיך פריי ענט-

וויקלען, פיין זיך אויסאַרבייטען, אָבגעבען איהר צייט די, וועלכע זי האָט ליעב, איהרע פריינד, איהרע ביכער, איהרע געדאַנקען און פאַנטאַזיען, דער וויסענשאַפט און דער קונסט.

מיט דעם אינדיווידואַליזמוס (ענטוויקלונג פון דער פערזענליכקייט) קומט אָבער אויך אויף די אינדיווידועלע (פערזענליכע) ליעבע צווישען מאַנספערזאָן און פרויענצימער, וועלכע געפינט איהר בעפרידיגונג נאָר אין דער פעראייניגונג און צוזאַמענלעבען מיט איין איינציגער פערזאָן. דער צוזאַמענלעבען פון מאַן און ווייב, וועלכע בערוהט אויף דיזער אינדיווידועלער ליעבע, קען עקסיסטירען נאָר דאַן, ווען עס עקסיסטירט די אייגענע היים.

וואָס מעהר עס וועט פערשווינדען דער עקאָנאָמישער עלעמענט אין דעם צוזאַמענלעבען פון מאַן און ווייב, און זיין אָרט וועט פערנעהמען דער אינדיווידואַליסטישער, אַלץ מעהר וועט זיך ענדערען דער פערהעלטניס פון די עלטערן, הויפטזעכליך פון דעם פאָטער, צו די קינדער. איצט ווען מען האָט חתונה, איז מען דערביי אויסען געוויסע עקאָנאָמישע ציעלען; פון איין זייט וויל מען דערמיט שאַפען דעם נויטיגען עקאָנאָמישען יסוד פאַר דער הויז-בעל-הבית׳ישקייט דורך דעם נדן אָדער אַרבייטס-קראַפט פון דער פרוי, און דורך דער פרנסה פון מאַן; פון דער אַנדערער זייט האָט מען דערביי אין זינען איבערצולאָזען יורשים, וועלכע זאָלען איבערנעהמען דעם פאָטערס אייגענס און אָפטמאָל אויך זיין בעשעפטיגונג. אין דער צוקונפטיגער געזעלשאַפט וועט דאָס חתונה-האָבען בערוהען אויף אַנ׳אינדיווידואַליסטישען יסוד, אַ מאַנספערזאָן און אַ פרויענצימער וועלען חתונה האָבען ניט צוליעב עקאָנאָמישע צוועקען, נאָר אויס ריינער אֶמת׳ער ליעבע; אויך דאָס פערהעלטניס צווישען עלטערן און קינדער וועט זיין אַנ׳אינדיווידואַליסטישער. די קינדער וועלען זיין טהייער די עלטערען ניט אַלס יורשים, נאָר אַלס אינדיווידוען; מען וועט זיי ניט אויסמוזשטרעווען פאַר קומענדיגע מיטגליעדער פון זייער שטאַנד, ניט קוקענדיג אויף זייערע פעהיגקייטען און אויף דעם, צו וואָס זיי האָבען טאַלאַנט און חשק, מען וועט זיי ענטוויקלען פאַר פרייע פערזענליכקייטען.

די זוימען פון דיזען אינדיווידואַליסטישען פערהעלטניס צווישען מאַן און ווייב זענען שוין ביי היינטיגען טאָג זעהר שטאַרק; אָבער זיי ווערען נאָך אַלץ פערדאָרבען דורך דעם, וואָס עס עקסיסטירט נאָך

די איינצעלנע בעל־הבית׳ישקייט אַלס יסוד פון דער פאַמיליע, וואָס עלענד און נויט פון איין זייט, עשירות פון דער אַנדערער ברייִנגען מיט, אַז די עקאָנאָמישע טעמים שפּיעלען אַ גרעסערע ראָליע ווי די פּערזענליכע. אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, וועלכע וועט ניט קענען די־זע הפכים און וועלכע וועט וואָס ווייטער אַלץ מעהר אַרויסשטויסען די בעזונדערע הויז־בעל־הבית׳ישקייט וועט געראַדע דורך דעם מוזען ברייִנגען, אַז דאָס פערהעלטניס צווישען מאַן און ווייב און די פאַמיליע זאָלען אָננעהמען אַ פּערזענליכען האַראַקטער. שוין ביי הייַנטיגען טאָג זענען אַלע מודה, אַז דער פּערזענליכער האַראַקטער דאַרף זיין דער מאָראַלישער יסוד אין דעם פערהעלטניס צווישען מאַן און ווייב און אין דער פאַמיליע. שוין ביי הייַנטיגען טאָג האַלט מען פאַר מ אָ ר אַ ל י ש נאָר אַזאַ התונה, ווען די פּערזאָנען, וועלכע עס האָבען התונה, טהוען דאָס נאָר אויס פּערזענליכער ליעבע, ניט צוליעב געוויסע מאַטעריעלע ציעלען; אַ מ אָ ר אַ ל י ש ע ר פאַמיליען־בונד איז נאָר אַ פּערזענליכער, אָבער ניט אַ מאַטעריעלער בונד, וואָס פעראייניגט די פאַמיליען־מיטגליעדער; דער זוהן, וועלכער קוקט אויף זיין פאָטער ווי אויף אַנ׳אוצר, פון וואַנען עס וועט איהם מיט דער צייט אַריינפאַלען אַ ירושה; דער פאָטער, וועלכער צווינגט זיין זוהן צו אַ געוויסער בעשעפטיגונג אָדער התונה צו האָבען, כדי ער זאָל אײנהאַלטען אָדער פערמעהרען דעם פערמעגען פון דער פאַמיליע, זיי בעגעהען זיך נאָך די איצטיגע מיינונגען געוויס ניט מאָראַליש. דאָס פערשווינדען פון דער פּריוואַטער הויז־בעל־הבית׳ישקייט בעדייטעט אַלזאָ ניט די פערניכטונג פון דער פאַמיליע. ווען עס וועט פערשווינדען די „אייגענע קיך" הייסט עס בשום אופן ניט, אַז עס וועט פערשווינדען די אייגענע היים. די איצטיגע קולטור קען נאָך אַנדערע פאַמיליען־בענדער, אויסער דעם פּריפּעצשעק און די וואַשקיך. דאָס פערשווינדען פון דער איינצעלנער הויז־בעל־הבית׳ישקייט בעדייטעט נאָר, אַז די פאַמיליע וועט פון אַנ׳עקאָנאָמישע איינהייט איבערגעהען אין אַ מאָראַלישע איינהייט. ער בעדייטעט, אַז עס וועט מקוים ווערען די מאָראַלישע פאָדערונג, וועלכע די ענטוויקלונג פון אינדיווידואַליזמוס, וואָס וואַקסט אַרויס פון די איצטיגע פּראָדוקטיוו־קרעפטען, האָט שוין איצט צייטיג געמאַכט.

דער סאָציאַליזמוס וועט אַלזאָ ניט דערשטיקען דעם פערלאַנג פון יעדער פאַלקאָם ענטוויקעלטער פּערזענליכקייט צו אַנ׳איינענער

היים; ער וועט דיזען פערלאנג נאר מאכען אלגעמיין און צו גלייכער צייט וועט ער בעשאפען די מיטלען, ווי אזוי אלגעמיין צו בעפרידיגען דיזען פערלאנג.

דער בויער האט אלזא ניט וואס מורא צו האבען פאר זיין הויז; די סאציאליסטישע פיהרונג וועט געוויס אין דיזער בעציהונג מאכען פערענדערונגען, אבער דיזע פערענדערונגען—סיי וואס עס איז שייך צום געזונד (היגיענישע), סיי וואס עס איז שייך צו שענהייט (עסטהעטישע)—וועלען געוויס ניט בריינגען קיין רעה דעם בויער'ס היים.

מען זעהט אפשר אין ערגעץ ניט אזוי דייטליך דעם אונטערגאנג פון די בויערן, ווי אין זייערע הייזער. מיר האבען אנגעוויזען אויף די חורבות, אין וועלכע עס וואהנען די לאנד-ארבייטער, אבער די דירות פון די בויערן זענען אפט אויף א האר ניט בעסער,—איינגע, שמוציגע שטאלען; און דאך ווילט זיך דעם בויער אויך לעבען ריינער און שענער אומעטום, וואו זיין מאטעריעלע לאגע איז בעסער, זעהט מען, דאס די בויערליכע הויז פון דער אמאליגער צייט—צ. ב. פון א שווייצערישען אדער רוסישען בויער—בריינגט אין התפעלות די ארכיטעקטען; אבער היינט איז די קונסט פון דעם בויער אריבערגעגאנגען אויף די שטאדטישע פאלאצען; די אריגינאלען געהען אונטער, און דער בויער מאכט זיי מעהר ניט נאך אין דארף. זאל זיך אבער נאר פערבעסערן די מאטעריעלע לאגע פון בויער, און זאל ער האבען מעהר פרייע צייט, און ער ווערט ווידער דער אמאליגער קינסטלער.
דער פראלעטאריאט וועט נאך זיין נצחון איהם ביידע זאכען געבען; ער וועט בעפרייען ניט נאר די שכירות-שקלאפען פון דער אינדוסטריע, ער וועט אויך מאכען פון דעם דארף, וועמעס פראכטיגע נאטור-שענהייטען שטעהען איצט אין דעם טרויעריגען היפך צו דער טעמפקייט, צום עלענד און שמוץ פון זיינע בעוואהנער,—א בליהענדען גארטען, וואו עס וועט וואהנען א פרייער, פרעהליכער און שטאלצער מענש.

צווייטע בייל‍אַגע צום 8־טען קאַפּיטעל.

(פון קאַוטסקי'ס פאָררעדע צו דעם בוך פון אַטלאַנטיקוס:
„אַ קוק אין די צוקונפט־מלוכה.")

דאָס בוך פון אַטלאַנטיקוס: „אַ קוק אין די צוקונפטס־מלוכה" בעשעפטיגט זיך נאָר מיט דער „צוקונפטס־מלוכה", מיט דעם „ענדציעל" פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג, אַלזאָ מיט אַ פראַגע, וועלכע איז פאַר אונז פלומרשט גלייכגילטיג געוואָרען, ווי עס האָבען דאָס אַרומגעטרומייטערט מיט פרייד אַלע יענע לייט, וועלכע קענען זיך ניט דערוואַרטען אויף דעם פאָלשטענדיגען אונטערגאַנג פון דעם מאַרקסיזמוס און דריידלען דעריבער אַרויס פון איינצעלנע, אָבגעזונדערטע אויסדרוקען, וועלכע עס ווערען אָפט זעהר שלעכט פערשטאַנען אי פון סאָציאַליסטען, אי פון אונזערע געגנער, אַז אין מאַרקסיזמוס קומט פאָר אַ „קריזיס".

קיין פראַגע ציהט ניט צו אַזוי שטאַרק צו זיך דעם אַלגעמיינעם אינטערעס פון דער איצטיגער קולטור־מענשהייט, ווי די פראַגע וועגען די ציעלען, צו וועלכע עס שטרעבט די געוואַלטיגע וואַקסענדע פּראָלעטאַרישע בעוועגונג. אין די פערשידענע לאַגערן הערשען די פערשידענסטע מיינונגען וועגען דיזען ציעל; אָבער אַז מען זאָל זיך מיט איהם גאָר ניט אינטערעסירען—דאָס געפינען מיר ניט; ער בעשעפטיגט אַזוי גוט די אָנהענגער פון סאָציאַליזמוס ווי זיינע געגנער. און ניט דער גרעסערער אָדער קלענערער אינטערעס צו דיזען ציעל טהיילט זיי אָב איינע פון די אַנדערע, זיי טהיילט אָב דער ציעל גופא. די בעוועגונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט קען מען מעהר ניט אָבהאַלטען—דאָס איז קלאָר ווי טאָג פאַר יעדען דענקענדען מענשען. נאָר נאַרען און געוואַלט־מנובלים מיט פערשטאָפּטע מהות קענען זיך איינבילדען, אַז מען קען אויף אַ לאַנגע צייט דערשטיקען דעם פּראָלעטאַריאַט. ווער עס קוקט זיך צו מיט אַ שכל צו די סמנים פון דער צייט, דער האָט שוין דיזע אמונה לאַנג אָנגעוואָרען. דער ווייס זיכער, אַז די פּראָלעטאַרישע בעוועגונג וועט דערגרייכען דעם ציעל, וועלכען די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג האָט איהר געשטעלט. אָבער וואָס איז עס פאַר אַ ציעל? פאַר אַ טהייל, פאַר די בורזשואַזנע סאָציאַל־פּאָליטיקער איז דיזער

ציעל דער סאָציאַלער שלום, דער שלום צווישען דעם קאַפּיטאַל און דער אַרבייט, וועלכער וועט נאָך זייער מיינונג קומען. ווען די אַרבייט וועט ווערען אַ מאַכט, וואָס וועט האָבען די גלייכע רעכטע און די גלייכע בעדייטונג ווי דער קאַפּיטאַל; דער אַנדערער טהייל, די פּראָלעטאַרישע סאָציאַליסטען האַלטען, אַז מען קען ניט אַריבערשפּרייזען דעם תהום, וואָס ליעגט צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט. דער קלאַסען-קאַמפּף צווישען זיי ביידען וועט און מוז זיך ענדיגען מיט דער מפּלה פון קאַפּיטאַל, מיט דער אַרייננעמונג פון די פּראָדוקציאָנס-מיטלען אין די הענד פון דעם אַרבייטער-קלאַס, דאָס הייסט אָבער, מיט דער גרינדונג פון אַ נייעם פּראָדוקציאָנס-אופן.

דאָס איז דער עיקר-היפּך, וועלכער שיידט אָב די מחנה בורזשואַזנע סאָציאַל-פּאָליטיקער פון דער פּראָלעטאַרישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע; דאָס איז דער פּונקט, וועלכער ציהט צו פון אַלע זייטען צו זיך דעם גרעסטען אינטערעס פון די טהעאָרעטיקער; אין די פראַגען פון דער פּראַקטישער בעוועגונג געהען היינט זייערע וועגען אָפּט איינע נעבען דער אַנדערער — ביידע ציעלען זיך אויפצוהויבען די אַרבייטערשאַפט; זייערע מיטלען זענען זעהר אָפּט די זעלביגע; דאָס רוב איז ביי זיי נאָר פערשיעדען די ענערגיע, מיט וועלכער זיי ווענדען אָן דיזע מיטלען. וואָס זיי שיידט אָב איינע פון די אַנדערע איז די האָפנונגען, וועלכע זיי לייגען אויף דיזע מיטלען. די זעלבע תקנות און געזעצען, וועלכע דאַרפען, נאָך דער מיינונג פון די סאָציאַל-פּאָליטיקער, איבערמאַכען די פּראָלעטאַריער פון בלוטיגע שונאים פון דער עקסיסטירענדער אָרדנונג אין איהרע אונטערשפּאַרער, האַלטען די סאָציאַל-דעמאָקראַטען פאַר אַ מיטעל, צו פיהרען מיט נאָך אַ גרעסערע ענערגיע דעם קאַמפּף געגען דיזער אָרדנונג. און דער דורכפיהרונג פון דיזע פּראַקטישע תקנות און געזעטצען אין לעבען שטערען ניט מעהר טהעאָריען, וואָס זאָלען זיין געגען זיי, נאָר די פערגרעבטע חוצפה פון די לייט, וועלכע זענען די בעלי-דעות איבער דעם פּאָליטישען און עקאָנאָמישען לעבען. וואָס פאַר אַ וויכטיגע ספּעציאַל-פראַגען די ענטוויקלונג פון די פּראָפעסיאָנעלע בונדען און פון דעם אַרבייטער-שוטץ זאָל מיט זיך ניט ברייגגען, די טהעאָרעטישע הויפּט-שלאַכטען זענען אויף דיזען פעלד שוין אויסגעפיהרט געוואָרען; יעדערער ווייטע-

דער פארטשריט ווענדט זיך נאר אן אונזער מאכט. דיזען „נאר" דארף מען נאטירליך ניט אזוי פערשטעהען, אז איך האלט דאס פאר א קלייניגקייט. אויב אפילו דיזע פראגען, וואס געהערען צו דער סאציאל־פאליטיק, זענען שוין נוגע מעהר ניט ווי איינצעלנע פרטים און ווענדען זיך נאר אן אונזער מאכט, זענען זיי גראדע צוליעב דעם די וויכטיגסטע פאר דער פראקטיק, און זיי אינטערעסירען מעהר ווי אלע אנדערע די פראלעטארישע בעוועגונג. אבער פאר די טהעארעטיקער זענען זיי ניט די אינטערעסאנטעסטע פראגען. פערקעהרט, דער ציעל פון דער פראלעטארישער בעוועגונג, ד. ה. די פראגע וועגען דעם, וואוהין עס פיהרט די פאליטישע און עקאנאמישע ענטוויקלונג און וועלכע בעדערפנישען זי האט — דיזע פראגע רופט ארויס די ברענענדיגסטע טהעארישע ויכוחים; דא דונערען נאך די הייסעסטע טהעארעטישע קאמפפען. וואס פאר א געווינס וואלט ארויסגעקומען פאר אונזערע געגנער, ווען איינעם א מארקסיסטען וואלט אמאל טאקי אויף א'ן אמת'ן איינפאלען צו זאגען, אז איהם הארט מעהר ניט דיזער ציעל? וואלט דעריינען ליגען האטש די קלענסטע ראיה פאר די ריכטיגקייט פון אונזערע געגנער'ס שטאנדפונקט?

זאלען אונז פריהער ווי אלץ די הערדען סאציאל־פאליטיקער אנווייזען האטש אויף איינעם א'ן ערנסטען מארקסיסטען, וועלכער האט „תשובה געטהון און שטעהט איצט פאר ז י י ע ר ציעל, וועלכער האט אנגעהויבען גלויבען אין דעם סאציאלען שלום, און דאמאלס וועלען זיי מעגען רעדען פון א קריזיס אין מארקסיזמוס. דאס, וואס זיי רופען אן קריזיסען, האט פון לאנג אן עקסיסטירט אין דעם מארקסיזמוס און וועט אין איהם שטענדיג עקסיסטירען, גראדע צוליעב דעם וויל דער מארקסיסמוז איז ניט קיין טוידטער „אני מאמין", נאר א לעבעדיגע טעאריע, וועלכע שעפט איהר קראפט פון לעבען און בענייט זיך צוזאמען מיט דעם שטענדיג זיך בייטענדען לעבען. אז דא מוזען זיין הלוקי־דעות, פערשידענע מיינונגען, און אז דיזע פערשידענהייט פון די מיינונגען מוז אויפקומען אלץ אפטער, וואס מעהר עס קומען אויף טהעארעטיקער אין דעם מארקסיזמוס, דאס איז גאנץ נאטירליך. אבער די יסודות פון דעם מארקסיזמוס ווערען דורך דעם אויף א האר ניט אונטערגעגראבען, און דער פארטשריט פון לעבען פערשטארקט איהם אלץ מעהר און בעווייזט, ווי ריכטיג ער איז. איצט זענען מיר ווייטער

ווי ווען עס איז פון אַ סאָציאַלען שלום, אויף יעדען פּאָרטשטריט אין דער אָרגאַניזאַציאָן פון דעם אַרבייטער־קלאַס ענטפערען די קאַפּיטאַליסטען מיט אַ פּאָרטשריט אין זייער אָרגאַניזאַציאָן; די קאַמפּפען צווישען די אַרבייטער און אונטערנעהמער געהען וואָס ווייטער אַלץ מעהר איבער אין קאַמפּפען, וועלכע צורודערען די גאַנצע געזעלשאַפט, אין בירגער ־מלחמות, אין וועלכע עס נעהמען אַ'ן אַנטהייל אַלע קלאַסען און פּאַרטייען פון דער מלוכה. און אַקוראַט ווי די ענטוויקלונג פון דעם קלאַסען־קאַמפּף, געהט אויך די ענטוויקלונג פון דעם עקאָנאָמישען מעכאַניזמוס אין דער ריכטונג, וועלכע מאַרקס האָט געזעהען פון פאָראויס, און מיר האָבען ניט דעם קלענסטען טעם זיך אָבצוזאָגען פון דעם ציעל, וועלכען ער האָט דערפאָרשט אין איינעם מיט ענגעלס'ן.

געוויס, ווי מיר אַלע זאָלען ניט זיין איינשטימיג, ווי מיר זאָלען ניט זיין קלאָר איבער דעם ציעל, צו וועלכען מיר שטרעבען, קען דאָס דאָך ניט שטערען, אַז עס זאָלען אויפקומען די פערשיעדענסטע מיינונגען וועגען דעם בעקוועמסטען וועג, וואָס זאָל צו איהם פיהרען, און וועגען דער צייט, וואָס עס קען לערך דויערען, ביז מען וועט איהם דערגרייכען, און דיזע מיינונגס־פערשיעדענהייטען קענען אָפטמאָל האָבען גאַנץ וויכטיגע פּראַקטישע ווירקונגען. אָבער דאָ איז ניט דער אָרט צו רעדען אויספיהרליכער וועגען דעם. דאָ ווילען מיר נאָר בעווייזען, אַז דער סאָציאַליסטישער ענד־ציעל האָט בשום אופן ניט פערלאָרען זיין בעדייטונג פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

אימיצער קען שטעלען אַזאַ מין פראַגע: צי קען די שילדערונג פון דער צוקונפטיגער געזעלשאַפט, וועלכע דיזע שריפט (פון אַטלאַנטיקוס. דער איב) גיט אונז, קלאָרער מאַכען איבער דיזען ענד־ציעל? דער מחבר אַליין זאָגט, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט פערבאָטען צו שילדערען די צוקונפטס־מלוכה. דאָס איז אָבער ריכטיג נאָר מיט אַ תנאי. געוויס, מיר בעטראַכטען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט פון דער צוקונפט, ווי יעדער ביזהעריגע געזעלשאַפטס־פאָרם, אַלס אַן אָרגאַניזמוס, וועלכער ענטוויקעלט זיך און ענדערט זיך שטענדיג אום; מיר קענען געוויס דערקענען ביז צו אַ געוויסען גראַד די ריכטונג פון דיזער ענטוויקלונג, אָבער ניט די איינצעלנע פאָרמען, וועלכע זי וועט אָננעהמען. נאָר איין זאַך קענען מיר וועגען איהר זאָגען מיט זיכערהייט: אַז זי וועט אויסזעהען אַנדערש, איידער מיר קענען זיך פאָר־

שטעלען דיזע געזעלשאפט; ווארום דער, וואס וויל אונז איצט שילדערען די צוקונפטס־מלוכה, מוז ניט נאר אויסלאזען א סך בעוועגענדע קרעפטען, וועלכע וועלען ערשט שפעטער אויפקומען, ווי צ. ב. נייע ערפינדונגען, וועלכע מיר קענען נאך ניט און וועלכע וועלען אויף א סך פערענדערן דיזעס בילד, עס איז אויך אונמעגליך פינקטליך צו דערקענען אלע בעוועגענדע קרעפטען פון דער סאציאליסטישער געזעלשאפט, וועלכע עקסיסטירען שוין איצט, און פינקטליך משער צו זיין די מעגליכקייט פון זייער ענטוויקלונג. די קונסט קען קיין מאל ניט געבען קיין ריכטיגעס בילד פון דער ווירקליכקייט, אפילו אין יענעם פאל, ווען זי קאפירט נאר די ווירקליכקייט, און ווער רעדט שוין, ווען זי וויל מאלען א בילד, האבענדיג וועניג מאטעריאל דערצו.

די סאציאל־דעמאקראטיע האט דעריבער זיך שטענדיג אבגעזאגט — און זי האט זיך געמוזט אבזאגען — אויסצובויען א פינקטליכען פלאן פון דער צוקונפטיגער געזעלשאפט, און אנצווייזען אויף איהם אלס אויף דעם ציעל, צו וועלכען זי שטרעבט.

זי האט אבער בשום אופן קיינעם דערמיט ניט פ ע ר ב א ט ע ן אויפצושטעלען אזא פלאן; יעדער מענש, וועלכער עס האט זיך געשטעלט ציעלען, וואס ליגען אין דער ווייטער צוקונפט, מוז פיהלען דעם בעדערפניש, ארומצוטראכטען זיינע אידעען ביז'ן סוף, דורכצופרובען זיינע אידעאלען פון אלע זייטען, צו וואס זיי קענען אייגענטליך בריינגען, אויסצובויען אין קאפ — וועלען מיר זאגען בדרך המשל — דעם אויבערשטען גארן פון דעם צוקינפטיגען געזעלשאפטליכען בנין, וועמענס פונדאמענט מען קען שוין ביי היינטיגען טאג דערקענען אין די היינטיגע עקאנאמישע טענדענצען. וואס גרינדליכער יעדער איינצעלנער האט דאס אלץ ארומגעקלערט, אלץ שטייפער ווערען זיינע איבערצייגונגען, אלץ קלארער וועט זיין טהעטיגקייט זיין, אלץ בעסער וועט ער וויסען, צו וואס ער קען און דארף זיך ציעלען.

אריינקוקענדיג אין דער צוקונפט, וועלען פערשידענע מענשען קומען צו פערשידענע רעזולטאטען, לויט נאך זייער כאראקטער, שכל, סימפאטיען און ארומיגע בעדינגונגען, אין וועלכע זיי האבען זיך ערצויגען און געלעבט; דער קינסטלער וועט קומען צו גאנץ אנדערע רעזולטאטען, ווי דער סטאטיסטיקער; דער פילאזאף וועט קוקען אנדערש אויף דער צוקונפט, איידער דער פשוט'ער מענש; דער יונגער מענש

— אנדערש ווי דער בעיאהרענטער. אבער דיזע פערשידענהייט שטערט ניט אז דאס ארומטראכטען וועגען דעם, וואוהין עס פיהרען אונזערע אידעאלען זאל זיין ניט נאר נוצליך און קלאר־מאכענד, נאר אויך אונפערמיידליך; און ביי היינטיגער מדרגה פון דער סאציאליסטישער בעוועגונג קען ער דאס וועניגער שאדען ברינגען, וואס מעהר די בעוועגונג איז פערנומען מיט פראקטישע פראגען פון טעגליכען לעבען, און דעריבער קען עס ניט געמאלט זיין, אז צוליעב דער צוקונפט זאל זי פערגעסען די געגענווארט.

ווען איינינע פאנטאזיע־רייכע, לעבעדיגע און דרייסטע נאטורען מאלען אונז אויס דעם פלאן פון דער סאציאליסטישער געזעלשאפט מיט אלע פיצעלאך און פרטים, ווען זיי גיבען אונז אויף אזא אופן א פאלקאמען בילד פון איהר, קען מען געגען דעם אויך גאר ניט האבען. די סאציאלדעמאקראטיע האט נאר קריטיזירט *בעלאמי׳ס* ווערק: „ריק־בליק", אבער, זי האט איהם ניט פערווארפען; זי האט דיזעס ווערק ניט פערבאטען, נאר, פערקעהרט, זי האט נאך מיטגעהאלפען צו פערברייטען. און די „ידיעה פון אין־ערגעץ־ניט" פון *וויליאם מאריס* איז געווען געדרוקט אין דער „נייער צייט".

נאר דארטען און נאר יענסטמאל טרעט ארויס די סאציאל־דעמאקראטיע געגען דער שילדערונג פון דער צוקונפט, ווען דיזע שילדערונג וויל זיין מעהר אלס א בלויזע שילדערונג פון דעם, ווי עס האט *געקענט* און ווי עס האט *געזאלט* זיין; ווען זי טרעט ארויס מיט פרעטענזיעס, אז די סאציאליסטישע בעוועגונג זאל זיך מיט איהר רעכענען און זאל בויען אויף איהר איהר פראקטישע טהעטיגקייט, אזוי ווי צ. ב. *הערטצקא* האט דאס געוואלט מיט זיין פוסטע אוטאפיע: „פריילאנד".

ווען די שילדערונג פון דעם צוקונפט האט ניט אזא צוועק, האט די סאציאל־דעמאקראטיע קיין גרונד צו פערוועהרען אזעלכע הקירות איבער די סאציאליסטישע צוקונפט; אדרבה, ווען עס נעהמט זיך דערפאר א מענש מיט טאלאנט און מיט שכל, קען דאס האבען א בעדייטענדע ווערדע אלס פראפאגאנדע־מיטעל.

דער יסוד פון דער סאציאלדעמאקראטיע וועט נאטירליך שטענדיג בלייבען דער קלאסען־קאמפף פון דעם פראלעטאריאט; דערמיט זאל נאטירליך ניט געמיינט זיין, אז די סאציאל־דעמאקראטיע האט ניט

וואס צו רעכענען, אז עס קענען צו איהר צושטהען מענשען פון אנדערע קלאסען; אבער דער, וואס קומט פון אנדערע קלאסען צו דער סאציאל־דעמאקראטיע, טהוט ער עס צוליעב דעם, ווייל זי פערטרעט די אינטערעסען פון פראלעטאריאט; דאס זענען ערשטענס יענע עלעמענטען פון דער בעפעלקערונג, וועלכע פיהלען, אז זיי פאלען אריין אין פראלעטאריאט אדער וועלכע זענען פעראינטערעסירט אין זיין אויפקומען, און צווייטענס אזעלכע עלעמענטען, וועמען דער אידעאל טרייבט צו דער מחנה פון פראלעטאריאט. שטענדיג אבער זענען דאס געוויסע פראלעטארישע אינטערעסען, און ניט געוויסע פלענער פון דער צוקונפט, וועלכע בעשטימען די קראפט און ווירקונג פון דער סאציאל־דעמאקראטיע.

אבער די קראפט פון דער סאציאל־דעמאקראטיע נעהמט זיך ניט בלויז דערפון, וואס זי שטעהט פאר די פראלעטארישע אינטערעסען פון דער געגענווארט, זי וואקסט אויך פון די ציעלען, וועלכע זי האט אין דער צוקונפט פון איהרע אידעאלען, וועלכע בענוגענען אקוראט ווי די ציעלען, וואס זענען נוגע נאר דער געגענווארט, גאנץ בעשטימטע בעדערפנישען און פאדערונגען. עס איז דער גרעסטער טעות, ווען מען זאגט — און אין דער לעצטער צייט האט זיך דאס זעהר אפט געהערט — אז די סאציאל־דעמאקראטיע איז גרויס און שטארק געווארען נאר דורך דעם, וואס זי נעהמט א'ן אנטהייל אין דעם טעגליכען קלאסענקאמפף, אז איהרע אידעאלען זענען א שעהנע בעפוצונג, אבער זיי האבען קיין שום פראקטישע בעדייטונג ניט. פערקעהרט, איהר הויפט־קראפט ליעגט גראדע אין דעם, וואס זי איז די איינציגע פארטיי, וועלכע האט אידעאלען, גרויסע ציעלען, וואס פיהרען ווייטער פאר דער איצטיגער געזעלשאפטליכער ארדנונג. ווער עס לעגט נאר צו א ביסעל שכל, זעהט ווי דאס איז ריכטיג.

עס איז אונמעגליך מבטל צו זיין דעם היפך צווישען דעם פראלעטאריאט און דעם קאפיטאל; ער מוז זיך וואס ווייטער אלץ מעהר פערשארפען. אז דער פראלעטאריאט זאל האבען די פאליטישע מאכט און דער קאפיטאליסטישער פראדוקציאנס־אופן זאל געהן ווייטער זיין גאנג — דיזע ביידע זאכען קענען זיך ניט פערטראגען איינע מיט דער אנדערער. מוז דער פראלעטאריאט מנצח זיין, דאן איז דער אונטערגאנג פון דעם קאפיטאליסטישען פראדוקציאנס־אופן זיכער. דער פרא-

לעטאַריאַט, וואָס קעמפּפט פאַר דער פּאָליטישער מאַכט, וואָס טיעפער ער האָט דערקענט די בעדינגונגען פון זיין עקזיסטענץ און וואָס מעהר ער גלויבט אין זיין זאַך, מוז ער געוויס שטעלען אַלס ציעל פון זיין קאַמפף אַ נייעם פּראָדוקציאָנס־אופן, וועלכער זאָל זיין געבויט אויף די קאַפּיטאַליסטישע ענטדעקונגען און ערפינדונגען און זאָל פּאַסען פאַר די אינטערעסען פון דעם פּראָלעטאַריאַט. און אַקוראַט ווי די סאָציאַליסטישע אידעאַלען וואַקסען אַרויס פון זיין פעסטען גלויבען אין זיין נצחון, אַזוי, פערקעהרט, פערשטאַרקען די אידעאַלען דעם גלויבען און פפלאַנצען איהם איין נאָך טיעפער. זיינע אידעאַלען, אָדער ווען דער אויסדרוק געפעהלט בעסער, זיינע רעוואָלוציאָנערע ציעלען — אין דיזען המשך בעדייטען ביידע אויסדרוקען די איינענע זאַך — בילדען דעם קרעפטיגען באַנד, וועלכער פעראייניגט די פערשידענסטע אַרבייטער־שיכטען מיט זייערע פערשידענסטע טעגליכע אינטערעסען אין איין איינציגען שטאַרקען קערפער. זאָל מען אָבנעהמען ביי'ם קעמפפענדען פּראָלעטאַריאַט זיינע סאָציאַליסטישע ציעלען, נעהמט מען ביי איהם אָב זיין התלהבות און זיין געשלאָסענקייט.

דערמיט וואָלט מען אָבער אויך אָבנענומען ביי דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג דעם בעסטען טהייל פון איהר אָנציהונגס־קראַפט, וועלכע זי האָט ווי אין די ניעדעריגסטע אַזוי אויך אין די העכסטע שיכטען פון דער בעפעלקערונג: ערשטענס וואָלט עס פערקלענערט די אַגיטאַטאָרישע קראַפט אין יענע שיכטען פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכע האָבען זעהר וועניג האָפנונג זיך אויפצוהויבען מיט דער אייגענער קראַפט דורך דעם טעגליכען קאַמפף אויף אַ העכערט מדרגה, יענע שיכטען, וועלכע נאָר די האָפנונג, אַז די איצטיגע אָרדנונג וועט זיך אין גאַנצען אומענדערען, גיט זיי צו די מוראדיגע קראַפט צום קאַמפף, וואָס איז אימשטאַנד זיי אַרויסצורייסען פון זייער טעמפּער פערצווייפלונג; ווען פון דער אַנדערער זייט זאָל זיך אַ'ן אַרבייטער־פּאַרטיי אָבזאָגען פון איהרע סאָציאַליסטישע ציעלען און בענוגענען זיך נאָר מיט דעם קאַמפף פאַר העכערע שכירות, פאַר אַרבייטער־שוטץ און נאָך אַזוינע אויפגאַבען, וואָס זענען נוגע נאָר די אינטערעסען פון היינטיגען טאָג, וואָלט זי מוזען פערליערען אַ היבשען טהייל פון איהר צוציהונגס־קראַפט גראַדע ביי דעם בעסטען טהייל פון דער בורזשואַזנער

„אינטעליגענץ", וועלכער שטעהט צו ניכער פאַר אַלע צום פּראָלעטאַריאַט. די בורזשואַזנע אינטעליגענץ ברינגט דעם פּראָלעטאַריאַט דאָס, וואָס ער אַליין קען נאָר מיט מאַטערניש שאַפען: געבילדעטע דענקער, וועלכע ענטוויקלען זיין פערשטאַנד און גיבען צו זיין בעוועגונג דעם בעוואוסטזיין פון איהר ציעל און איינליכקייט. אָבער פאַר אַזוינע גייסטיג הויך-ענטוויקעלטע קעפּ פון דער בורזשואַזיע וועט אַ פּראָלעטאַרישע בעוועגונג האָבען אַליך מעהר אינטערעס, וואָס אידעאַליסטישער זי איז, דאָס הייסט, וואָס ווייטער עס זענען די ציעלען, וועלכע זי שטעלט זיך. די בעדייטענסטע מענער צווישען די אוטאָפּיסטען האָבען ווייניג וואָס פערשטאַנען די בעדייטונג פון אַלטעגליכען קאַמפּף פון פּראָלעטאַריאַט; זיי זענען געווען אַריינגעטהון אין דעם, ווי אַזוי מבטל צו זיין דעם פּראָלעטאַריאַט, מבטל צו זיין דעם עקסיסטירענדען פּראָדוקציאָנס-אופן. אָט דאָס האָט צוגעצויגען די בעסטע און טיעפסטע דענקער פון דער בורזשואַזיע; די גרויסע קאַמפּפען צוליעב קליינע, מסופּק'דיגע פערבעסערונגען — דאָס האָט זיי אָבגעשטויסען. מאַרקס און ענגעלס זענען עס געווען — און דאָס, וואָס זיי האָבען אויפגעטהון אין דיעזער בעציהונג וועט בלייבען לדור דורות — וועלכע האָבען געלעגט אַ בריק איבער דיזען געגענזאַטץ, וועלכע האָבען קלאָר אויסגעוויזען, וואָס פאַר אַ בעדייטונג דער טעגליכער קאַמפּף פון פּראָלעטאַריאַט האָט פאַר זיין בעפרייאונג, און האָבען דערמיט צוגעגעבען דער בעוועגונג אַזאַ בעוועגענדע קראַפט, געגען וועלכער קיין זאַך קען נישט בייזשטעהען; אָבער אויך ענגעלס און מאַרקס, אַקוראַט ווי לאַססאַל, ווי כמעט אַלע אַנדערע עלעמענטען פון אונזער פּאַרטיי, וואָס שטאַמען פון דער בורזשואַזיע, זענען געקומען צום פּראָלעטאַריאַט אַלס אידעאַליסטען און רעוואָלוציאָנערען, אַלס קעמפּפער געגען דער עקסיסטירענדער געזעלשאַפטליכער און פּאָליטישער אָרדנונג, ניט בלויז אַלס קעמפּפער פאַר וועלכע עס איז קליינע תקנות, וואָס זענען נוטצליך פאַר די אַרבייטער. אויב עס שיקט זיך ניט צוליעב טהעאָרעטישע טעמים צו בעהאַלטען דעם ציעל הינטער דער בעוועגונג, שיקט זיך דאָס אויך ניט צוליעב פּראַקטישע טעמים פון דער פּראָפּאַגאַנדע.

אָבער על-כל-פנים פאָדערען ניט סיי די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע, סיי די ענטוויקלונג פון די סאָציאַליסטישע טהעאָריען די

אויפֿבויאונג און שילדערונג פֿון אַ צוקונפֿטס־מלוכה. כּדי צו דער־
קענען די ציִעלען פֿון דעם פּראָלעטאַרישען בעפֿרייאונגס־קאַמפּף אויף
אַזוי ווייט, אויף ווי פֿיעל דאָס פֿאָדערט זיך פֿאַר אונזערע איצטיגע פּראַק־
טישע צוועקען, איז גענוג צו שטודירען די געגענוואַרט, צו ענט־
דעקען אין איהר די קוימען און טענדענצען, וועלכע ווייזען שוין
איצט, אַז זיי וועלען זיך ענטוויקלען צו בעוועגענדע הויפּט־קרעפֿטען
פֿון דער צוקונפֿט. אָבער די מענשען בכלל, די גרויסע מאַסע, בענוגענט
זיך ניט מיט הוילע הקירות; זי מוז האָבען אַ בעשטימטען פּלאַן,
וועלכען זי זאָל קענען זעהען מיט די אויגען. דעריבער האָט די שיל־
דערונג פֿון דער צוקונפֿט אַזאַ וויכטיגע בעדייטונג אַלס פּראָפּאַגאַנדע־
מיטעל. עס איז ניט קיין בלויזער צופֿאַל, וואָס פֿון יענע צוויי ווערק
פֿון דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור פֿון לעצטען צעהנדליג יאָהר,
וועלכע האָבען זיך מעהר פֿון אַלע אַנדערע פֿערברייטערט — בעללאַ־
מי'ס „ריקבליק" און בעבעל'ס „פֿרוי" — איז דער ערשטער אַ צו־
קונפֿטס־ראָמאַן, און דער צווייטער צייכענט זיך בעזאָנדערס אויס דער־
מיט, וואָס ער גיט אַ מאַסע אויספֿיהרליכע און דייטליכע בליקען אין
דער צוקונפֿט.

עס איז דאָ נאָך אַ'ן אַנדער פּראָפּאַגאַנדיסטישער טעם, צוליעב
וועלכען עס איז כּדאי צו שילדערען די צוקונפֿט אין גאַנץ בעשטימטע
פֿאָרמען. אַקוראַט ווי די סאָציאַליסטען, האָבען אויך די געגנער פֿון סאָ־
ציאַליזמוס ליעב צו שילדערען די צוקונפֿט און צו בעווייזען שוואַרץ
אויף ווייס, צו וואָס קען און מוז נאָך זייער מיינונג פֿיהרען דער נצחון
פֿון פּראָלעטאַריאַט. דער פֿערלאַנג צו געבען אַ'ן ענטפֿער דיזע ניט־
אוטאָפּיסטען, צווינגט אויך די סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען
איבערהויפּט דערצו גאָר קיין השק ניט, זיך צו נעהמען פֿאַר דער שיל־
דערונג פֿון דער צוקונפֿט, האָטש אָפּשר זעהר פֿאָרזיכטיג און נאָר ווען
עס קומט אויס זיך צו בעשיצען געגען די געגנער. די צוקונפֿטס־
שילדערונג, וועלכע עס גיט אונז דיזער ווערק, געהערט אויך צו דעם
מין בעשיצונגס־שריפֿטען.

אונזערע געגנער ברייינגען הויפּט־זעכליך צוויי ראיות געגען
דער מעגליכקייט דורכצופֿיהרען די סאָציאַליסטישע אידעען: די ערשטע
ראיה איז, אַז דער סאָציאַליזמוס איז געגען דער „מענשען־נאַטור".

און די צווייטע — אַז די גלײַכהייט, וועלכע דער סאָציאַליזמוס שטעלט אַרויס, פירט צו דער גלײַכהייט פון אַלעמענס דלות.

ווען מיר זאָלען אַפילו אָננעהמען, אַז די ערשטע טענה איז ריכטיג, וואָלט דאָס נאָך אויך זעהר וועניג בעוויזען געגען די מעגליכקײַט דורכצופיהרען דעם סאָציאַליזמוס. די הויפּט־פראַגע בעשטעהט אין דעם, צי דער נצחון פון פראָלעטאַריאַט און דער אונטערגאַנג פון קאַפּיטאַליזמוס מוזען קומען — איז דאָס ריכטיג, דאַן איז דער סאָציאַליזמוס אַ געזעלשאַפטליכע נויטווענדיגקײַט. אָדער מען קען זיך פאָרשטעלען בײַ די איצטיגע בעדינגונגען אַ דריטען פּראָדוקציאָנס־אופן?

איז אָבער דער סאָציאַליזמוס אַ געזעלשאַפטליכע נויטווענדיגקײַט, דאַן וואָלט די מענשען־נאַטור, ווען זי וואָלט געקומען אין שטרײַט מיט דעם סאָציאַליזמוס, זיך געמוזט בייגען פאַר דעם סאָציאַליזמוס. וואָרום די געזעלשאַפט קומט אויס אַלע מאָל שטאַרקער איידער די „מענשען־נאַטור", ד. ה. איידער דער יחיד. דאָס קען מען אין ערגעץ ניט בעסער זעהען, ווי אין דער היינטיגער געזעלשאַפט, וועלכע וואָלט שוין לאַנג געגאַנגען אין אַלע שווארץ יאָהר, ווען זי וואָלט ניט קענען בײַשטעהען אין שטרײַט מיט דער מענשען־נאַטור. ווי עס איז בעקאַנט, זענען ליעבע און הונגער די צוויי ספּרונזשינעס, וועלכע בעוועגען דעם גאַנצען מעהאַניזמוס פון דער נאַטור, דאָס הייסט אויך דעם מעהאַניזמוס פון דער מענשען־נאַטור. זיי ווײַזען אויס מורא'דיג מעכטיג. און וואָס זעהען מיר! קראָמען געפּאַקט מיט ברויט, מיט פלייש, מאַגאַזינען געפילט מיט אַלערליי עסענוואַרג, און דערבײַ אַ סך מענשען, וואָס לײַדען הונגער, ניין, נאָך ערגער, וועלכע זעהען צו, ווי זייערע קינדער הונגערען, און דערשטיקען אין זיך פונדעסטוועגען די פאָדערונג פון דעם הונגער, וועלכע ריהרען אַ האָר ניט אָן פון דער גאַנצער שפע, וואָס ליגט פאַר זיי, ניט נאָר ווײַל דער געזעץ האַלט זיי איין, נאָר אַ סך מעהר צוליעב דעם, ווײַל בײַ זיי איז טיעף אײַנגעוואָרצעלט דער אָבשײַ פאַר'ן אייגענטהום. דער געבאָט פון דער געזעלשאַפט, וועלכער איז אויסגעוואַקסען פון די געזעלשאַפטליכע בעדערפנישען, ווײַזט זיך אַרויס שטאַרקער, איידער דער הונגער.

און די ליעבע? די געזעלשאַפט האָט פערבאָטען, לכל הפחות די נגידישע טעכטער, די ליעבע אָהן חופה וקדושין; אָבער די ליעבע מיט חופה וקדושין ווערט אונמעגליך פאַר אַלץ אַ גרעסערער צאָהל

מיידלעך. מיליאָנען פון זיי זאָגען זיך אָב ביי אַזוינע בעדינגונגען פון יעדער ליעבע, זיצען בעסער ביז צום גרויען צאָפּ, איידער צו זוכען זייער גליק אין דער ליעבע, אויף וועלכער דער געזעץ האָט ניט געגעבען זיין הסכם; זיי טהוען אַזוי ניט בלויז צוליעב דעם, וואָס מען דערלאָזט זיי ניט מיט געוואַלט דערצו, נאָר פריהער ווי אַלץ דערפאַר, וואָס דער געבאָט פון דער געזעלשאַפט שטעהט פאַר זיי העכער, איידער דער געבאָט פון זייער „מענשען־נאַטור".

ווען עס וואָלט אין דער אמת'ן ריכטיג געווען, אַז דער סאָציאַליזמוס קען זיך ניט פערטראָגען מיט פערשיעדענע מדות פון דער מענשליכער נאַטור, וואָלט דערמיט ניט בעוויזען געוואָרען, אַז עס איז איהם אונמעגליך דורכצופיהרען, דאָס וואָלט נאָר הייסען, אַז אויך ער וועט ניט אַראָבברייינגען דעם גן־עדן אויף דער ערד, און דערביי וואָלט ער נאָך ווייט ניט געדאַרפט זיין אַזאַ גהינם, ווי די איצטיגע געזעלשאַפט איז פאַר דאָס רוב פון איהרע מיטגליעדער. עס וואָלט נאַטירליך קיין שום ממשות ניט געהאַט זיך צו ברעכען דעם קאָפּ קלערענדיג, ווי גרויס וועט זיין דאָס גליק, וועלכער וועט הערשען אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט; די זונען־ליכטיגע שילדערונגען פון איין זייט בעווייזען אַקוראַט אַזוי ווענינ, ווי די סמאָלע־שוואַרצע שילדערונגען פון דער אַנדערער זייט; דער שטרייט וועגען דיזער פראַגע איז אַ קאַמפף פון „רוחות" אין דער לופט.

אָבער ווי ווענינ מיר ווילען ניט אַרויסגעבען אַ וועלכע עס איז בעוואָרענעש אויף דעם, ווי גרויס עס וועט זיין דאָס גליק אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, האָבען מיר פונדעסטוועגען געוויס ניט וואָס מורא צו האָבען פאַר דער צוקונפט. פון די ביידע שטאַרקסטע אינסטינקטען וועט דער הונגער על־כל־פנים בעפרידיגט ווערען. ניט אַזוי איינפאַך שטעהט עס מיט דער ליעבע. די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וועט זיין די ערשטע מענשליכע געזעלשאַפט, וואו עס וועלען הערשען די אינדיווידועלע (פערזענליכע) ליעבע צווישען מאַנספערזאָן און פרויענצימער און די עקאָנאָמישע זעלבסט־שטענדיגקייט פון דער פרויענצימער אָהן שום פראָסטיטוציאָן. אין די פאַרצייטיגע יאָהרען, וואו עס האָט נאָך ניט עקסיסטירט קיין פראָסטיטוציאָן, האָט מען אויך ניט געקענט די אינדיווידועלע (פערזענליכע) ליעבע צווישען מאַנספערזאָן און פרויענצימער. אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט קע-

גען דערפון אַרויסקומען, ספּעציעל פאַר דער „מאַנספּערזאָן־נאַטור" געוויסע אונאַנגענעמקייטען, פון וועלכע זיי זענען איצט בעהיט. פונדעסטוועגען קען מען אָננעהמען, אַז ניט נאָר פאַר די פרויענצימערס, נאָר אָפּילו פאַר דעם גרעסטען טהייל מאַנספּערזאָנען ווערט דער סאָציאַליזמוס בעשאַפען בעסערע פאָרמען אויף צו בעפרידיגען זייער ליעבע־געפיהל, איידער דער היינטיגער פּראָדוקציאָנס־אופן.

נעבען די געפיהלען פון הונגער און ליעבע זענען אָבער די געזעלשאַפטליכע געפיהלען די שטאַרקסטע ספּרונזשינעס פון דער מענשען־נאַטור. דעם מענשען ציהט פון דער נאַטור צום לעבען אין אַ געזעלשאַפט, און די געזעלשאַפטליכע אינסטינקטען, דאָס יאָגען זיך נאָך כבוד, דער געפיהל פון חוב, די שטרעבונג זיך מקריב צו זיין פאַר אַנדערע, זענען ביי איהם אַזוי טיעף איינגעוואָרצעלט, אַז אַפּילו דער ביטערער קאָנקורענץ־קאַמפּף, וואָס האָט געדויערט גאַנצע יאָהרהונדערטען, האָט זיי ניט געקענט אין גאַנצען דערשטיקען. אין אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וועלען דיזע זייטען פון דער מענשען־נאַטור האָבען גענוג געלעגענהייטען זיך אַרויסצווייזען און צו ענטוויקלען.

עס איז האַראַקטעריסטיש, וואָס אונזערע גרעסטע אוטאָפּיסטען זענען געווען זעלטענע קענער פון דער מענשליכער זעלע, און זייערע פאָרשונגען אין פּסיכאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיק האָבען דורכגעלעגט אַ נייעם וועג אין דיזע וויסענשאַפטען. און גראַדע זיי האָבען געהאַלטען דעם סאָציאַליזמוס פאַר אַ געזעלשאַפטליכע פאָרם, וועלכע פּאַסט בעסער ווי אַלע אַנדערע פאַר דער מענשליכער נאַטור, וואָס קען איהר אַלזאָ בעסער ווי אַלע אַנדערע בעגליקען.

אַזוי האָבען געקענט נאַטירליך טראַכטען נאָר אוטאָפּיסטען. אַ פאָלקאָמענע געזעלשאַפטליכע פאָרם איז איבערהויפּט ניטאָ, און די הויפּט־ספּרונזשינע פון דער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט איז ניט דאָס מענשליכע שטרעבען אַלץ מעהר צוצופּאַסען די געזעלשאַפט צו דער מענשליכער נאַטור, נאָך דער טעכנישער פאָרטשריט. די טעכניק בעשטימט אין דער אונטערשטער שורה די פאָרמען פון דעם געזעלשאַפטליכען צוזאַמענאַרבייטען און דורך דעם אויך די געזעלשאַפט בכלל.

וואָס בעסער עס פּאַסט די אָרגאַניזאַציאָן פון דער געזעלשאַפט פאַר איהרע עקאָנאָמישע בעדינגונגען, אַלץ מעהר גליק ווערט

זי ברייננגען די מענשען, אויף ווי פיעל זי איז איבערהויפט פעהיג צו ברייננגען גליק. עס וואָלט אָבער געווען אַ נארישקייט צו וועלען בעברייננגען גליק. עס וואָלט אָבער געווען אַ נאַרישקייט צו וועלען בעברייננגען גליק. — רעכענען פון פאָראויס, ווי גרויס וועט זיין דער סכום גליק, וועלכען זי וועט ברייננגען אַ בעשטימטער געזעלשאַפט. דער סאָציאַליסט קען זיך נאָר פאָרשטעלען די געזעלשאַפט, צו וועלכער ער שטרעבט, אַלס אַ פרייע פון אַלע צרות, וועלכע די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט האָט אין זיך. וועלכע צרות אָבער זי אַליין קען ברייננגען, דערפון קענען מיר נית האָבען די קלענסטע פאָרשטעלונג. אָבער וואָס פאַר אַ מין צרות זי זאָל אין זיך נית טראָגען, די מיינונג, אַז די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וועט צוליעב דעם, וואָס זי שטימט נית מיט דער מענשען־נאַטור, אין גאַנצען מאָראַליש פערדאַרבען דעם מענשען, דאָס איז אַ סברה, וועלכע נית נאָר וואָס זי שטימט נית מיט די איצט בעקאַנטע פאַקטען, נאָר איז גראַדע געגענזעצליך צו דיזע פאַקטען.

אָבער נית נאָר מאָראַליש, אויך קערפערליך זאָל כלומרשט די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט פערדאַרבען די מענשען, — דאָס איז דאָס צווייטע ליעדעל, וועלכעס אונזערע געגנער זינגען אונז. די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט איז כלומרשט צו קליין, אַז זי זאָל קענען זיין אום שטאַנד צו פערשאַפען אַ רעכטען אָנשטענדיגען לעבען מעהר ווי פאַר אַ קליינעם צאָהל מענשען, וועלכע קענען זיך דערפאַר אָבגעבען מיט דער קונסט און וויסענשאַפט. די פערניכטונג פון דעם קלאַסען־אונטערשייד, וואָלט ביי דיזען קליינעם צאָהל מענשען צונעהמען די מעגליכקייט צו פיהרען אַ שעהנעם לעבען, אָבער די מאַסע וואָלט דערפון אויך ווייניג וואָס געניסען. קונסט און וויסענשאַפט וואָלטען דעריבער פערשווינדען, און דער סוף וואָלט געווען, אַז אָנשטאָט אַנ׳עקאָנאָמישען פאָרטשריט וואָלט פאָרגעקומען אַ שרעקליכער ריקשריט און עלענד פאַר אַלעמען.

כדי צו בעווייזען דיזע אַלע צרות פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, הייבען אָן מיט אַ מאָל די סטאַטיסטיקער צו זעהען אַליץ אין שוואַרצע פאַרבען, — די זעלבינע סטאַטיסטיקער, וועלכע מאָלען אין די ליכטיגסטע פאַרבען די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, ווען זיי ווילען בעווייזען, ווי גוט עס לעבט זיך דעם כלל ביי דער היינטיגער אָרדנונג — און דער עלענד און די נויט פון די מאַסען שטעלט זיך זיי פאָר אין די שרעקליכסטע פאָרמען. מיר דאַרפען דאָ גאָר נית איבער־

רעכענען דיזע סטאַטיסטישע קונצען, ווייל וואָס פאַר רעזולטאַטען זיי זאָלען ניט ברינגען, בעווייזט דאָס גאָר נישט. אַלע האָבען זיי פאַר זייער אויסגאַנגס-פּונקט די סברה, אַז אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט מען פּראָדוצירען ניט מעהר, ווי אין דער קאַפּיטאַליסטישער. ווען זיי וואָלטען דעריבער אפילו ריכטיג געווען, וואָלטען זיי נאָר בעוויזען, אַז ווען די קלאַסען-אונטערשיידען זאָלען אויסגעגלייכט ווערען אין דער איצטיגער געזעלשאַפט — אַגב אורחא וועלען מיר בעמערקען, אַז עס רעדט זיך נאַטירליך נאָר וועגען דעם, ווי אויסצוגלייכען די קלאַסען-אונטערשיידען, און ניט ווי אויסצוגלייכען די פּערזענליכע מעלות און חסרונות פון די מענשען, און דעריבער זענען אַלע דבורים פון די דאַרוויניסטען און אַנדערע געלערנטע לייט, אַז מען קען איבערהויפּט ניט מאַכען גלייך די מענשען, ניט מעהר ווי הוילע פּלוידעריי — אַז ווען די קלאַסען-אונטערשיידען זאָלען אויסגעגלייכט ווערען אין דער *איצטיגער* געזעלשאַפט, וואָלט עס געפיהרט צו דער גלייכהייט פון אַלעמענס דלות.

אָבער מיר סאָציאַליסטען האַלטען דאָך גראַדע, אַז ביי דעם סאָציאַליסטישען פּראָדוקציאָנס-אופן וועט די פּראָדוקטיוויטעט זיין גרעסער. *בערעכענט* האָט מען נאָך דיזע פּראָדוקטיוויטעט ביז איצט ניט, מען האָט בלויז אַרומגעשריבען די קרעפטען, וועלכע שטערען אין דער היינטיגער געזעלשאַפט דער פאָלשטענדיגער ענטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטען און וועלכע בריינגען מיט, אַז אַ סך פּראָדוקטיווע קרעפטען ווערען גע'פּטר'ט אָהן אַ שום פּעולה; מען האָט אויך אויפגעוויזען אויף די וויגאָדעס, וועלכע עס קען האָבען געגען דער איצטיגער פּראָדוקציאָן, וואָס פיהרט זיך מיט אַ סדר און נאָך אַ בעשטימטען פּלאַן; די פערניכטונג פון דעם סיי ניטווילענדיגען סיי פרייען אַרומגעהען ליידיג; די פערניכטונג פון אַלע פּאַראַזיטען, די פאָלשטענדיגע דורכפיהרונג פון דער פאָלקאָמענסטער טעכניק. שוין *טהאָמאַס מאָר* האָט וועגען דעם געמאַכט עטליכע זעהר וויכטיגע בעמערקונגען; פון יענער צייט אָן האָט זיך יעדער בעדייטענדער סאָציאַליסט בעשעפטיגט דערמיט, אויך *מאַרקס* האָט אָנגעוויזען אין זיין „קאַפּיטאַל" אויף וויכטיגע פּונקטען, וואָס זענען נוגע צו דעם ענין. אָבער ווי שטאַרק דיזע ראיות זאָלען ניט זיין פאַר די טהעאָרעטיקער, די גרויסע פּובליקע קען מען איבערצייגען נאָר מיט בעשיינפערליכע פאַקטען און ציפערן.

אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם, איז לייכט צו פערשטעהען, פאַר וואָס מען האָט ביז איצט ניט בעוויזען מיט ציפערן, אַז די היינטיגע פּראָדוקטיווע קרעפטען קענען אַלעמען פערשאַפען אַ שענעם לעבען, ווען זיי זאָלען געהערען דער גאַנצער געזעלשאַפט און מען זאָל זיי אויסנוצען נאָך אַ בעשטימטען פּלאַן און סדר. אַזאַ בעווייז מיט ציפערן קען מען בריינגען, נאָר געבענדיג אַ בעשטימטען אין אַלע פּינטעלאַך אויסגעאַרבייטען בילד פון דער צוקונפטיגער געזעלשאַפט, אַ בילד, וועלכער וועט קיינמאָל ניט אויסזעהען פּונקט ווי די ווירקליכקייט, ווייל עס איז קיינעם ניט בעשערט צו זעהען די צוקונפט מיט פאָלקאָמענער קלאָרקייט,—אַ בילד, וועלכער דאַרף ניט דינען פאַר אַ מוסטער, נאָך וועלכען מען זאָל איינאָרדנען די צוקונפטיגע געזעלשאַפט, נאָר אַלס אַ ביישפּיעל, מיט וועלכען מען זאָל קענען אויספּרובי'ען איהר מעגליכקייט. אָבער ניט אַזוי גרינג געפינט זיך דער בעלן, וועלכער זאָל זיך צוליעב אַ פּשוט'ן ביישפּיעל געהמען פאַר אַזעלכע שווערע השבונות, וועלכע זענען אין אַזאַ פאַל להלוטין נויטיג, אויב מען וויל, אַז דאָס זאָל האָבען אַ וועלכע עס איז ממשות. דאָס, וואָס עס איז אין דיזער בעציהונג אויפגעטהון געוואָרען, צ. ב. פון הערטצקאַ, איז אַקוראַט אַזאַ כפּרות'דיגע ווי לעכערליכע אָבשאַצונג, סתם אין דער וועלט אַריין. דאָס בוך, צו וועלכען מיר שרייבען די פאָררעדע, איז אויף וויפיעל מיר וויסען דאָס ערשטע, וועלכע פּראָבירט צו בעווייזען מיט ציפערן, אַז שוין מיט די איצטיגע פּראָדוקטיווע קרעפטען, און ווען מען זאָל אַפילו בעצאָהלען ווי געהעריג די קאַפּיטאַליסטען און אַפילו זייערע יורשים פאַר די פּראָדוקציאָנס-מיטלען, איז מעגליך אַ שעהנער לעבען פאַר אַלע מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט, ווען די געזעלשאַפט זאָל זיך אַליין נעהמען פיהרען מיט אַ סדר די פּראָדוקציאָן, לכל הפּחות פון די נויטיגסטע קאָנסום-מיטלען. דיזער בעווייז ווערט ניט אָן זיין קראַפט אויך דאַמאָלסט, ווען מען שטעלט זיך אַפילו פאָר די צוקונפטיגע געזעלשאַפט אַנדערש, ווי דער מחבר, און ווען מען איז אַפילו פעסט איבערצייגט, אַז דיזע געזעלשאַפט וועט אויסזעהען גאַנץ אַנדערש, איידער מען קען איהר איבערהויפּט היינט פאָרשטעלען. וואָס פאַר אַ פערענדערונגען עס זאָלען ניט פאָרקומען, וועלכע קענען מאַכען, אַז דאָס צוקונפטס-בילד, וועלכען אַ טלאַנטיקוס האָט אויסגעמאָלט, זאָל ווערען צו פער=

עלטערט, קען מען זיי איינהאלטען אין צוויי מינים: ערשטענס, דער טעכנישער פארטשריט, וועלכער וועט מאכען די פראדוקטיוויטעט נאך גרעסער, איידער אטלאנטיקוס האט אנגענומען, און צווייטענס, דער פארטשריט פון דעם מענשליכען פערשטאנד, וועלכער וועט מאכען מעגליך צוצופאסען די געזעלשאפטליכע ארגאניזאציאן צו די עקאנאמישע בעדינגונגען נאך צוועקמעסיגער, ווי אטלאנטיקוס ניט אויף אין זיין פלאן. אויב מיר דארפען אלזא זיכער זיין, אז דאס צוקונפטס-בילד, וועלכען אטלאנטיקוס גיט אונז, איז ניט גאנץ פינקטליך, דארפען מיר אויך זיכער זיין, אז די אומענדערונגען פון דער ווירקליכקייט וועלען פיהרען ניט צו דער אבשוואכונג, נאר צו דער פערשטארקונג פון זיין סברה, אז אין דער סאציאליסטישער געזעלשאפט וועט מעגליך זיין פאר'ן כלל צו פיהרען נאך א בעסערען לעבען, איידער ער נעהמט דא אן.

אויב מיר האלטען אטלאנטיקוס'ס בוך צוליעב די אויבענגעבראכטע טעמים פאר נוצליך, איז דערמיט, ווי מיר האבען שוין קורץ דערמאנט, ניט געזאגט, אז מיר זענען מיט איהם מסכים אין אלע פרטים; אין א סך פונקטען האבען מיר אנדערע מיינונגען, ווי דער פערפאסער; אבער אין א פאררעדע איז ניט דער ארט צו קריטיזירען.

נאר איין פונקט, אין וועלכען מיר זענען ניט מסכים מיט דעם פערפאסער וועלען מיר דא ארומרעדען, ווייל ער איז נוגע א פראגע, וועגען וועלכער מען פיהרט איצט זעהר היציגע ויכוחים; מיר מיינען די קאלאניאל-פאליטיק*). אטלאנטיקוס איז איבערצייגט, אז אויך א סאציאליסטישע געזעלשאפט וועט ניט קענען אויסקומען אהן אייגענע קאלאניעס, און ער רעכענט זיך דעריבער מיט דיזען פאקט. ער האלט פאר א כלל, אז א סאציאליסטישע געזעלשאפט איז אנ'ארגאניזמוס, וועלכער מוז הויפטזעכליך אליין בעפרידיגען זיינע בעדערפניסען, וועלכער בעשאפט אליץ וואס ער האט פאר זיך נויטיג. דער איצטיגער קולטור-מענש קען אבער ניט בעפריעדיגען אלע זיינע בעדערפניסען מיט די פראדוקטען פון א גאנצען ערד-גארטעל*). א אוירא-

*) ד. ה. די פאליטיק, וועלכע שטרעבט דורך מלחמות אדער געוואלט-טהאטען צו דער ארײנכאפונג פון קאלאניעס.

*) אין דער געאגראפיע טהיילט מען איין דעם גאנצען ערדקויל אין

פּעאָישע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וואָלט נאָר דאַמאָלט געקענט פערשאַפען פאַר איהרע מיטגליעדער אַ אָנשטענדיגען לעבען ווי עס פּאַסט פאַר אַ קולטור-מענשען, ווען זי זאָל האָבען אונטער איהר רשות טראָפּישע קאָלאָניעס און זאָל נויטיגען די דאָרטיגע אַיינוואָהנער צו פּראָדוצירען פאַר איהרע בעדערפניסען. דעריבער מוז די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע פריינדליך און ניט פיינדליך שטעהען געגען דער פּאָליטיק, וועלכע ציעלט זיך צו פערנעהמען קאָלאָניעס אויף יענער זייט ים.

אָט די פראַגע אַליין בעווייזט, אַז עס איז ניט בלויז קיין הוילע קאָפּ-סברות, ווען מען וויל ווי נאָר מעגליך קלאָר פערשטעהען די צוקונפט. וואָס בעסער דאָס גיט זיך איין, מיט וואָס אַ ווייטערען בליק עס ווערט געפיהרט אונזער פּאָליטיק, אַלץ צוועקמעסיגער וועט זי זיין אויך אין דער איצטיגער צייט, וועלכע איז דאָך ניט מעהר, ווי אַ צוגרייטונג צו דער צוקונפט, די פיינדשאַפט פון דער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע צו דער קאָלאָניאַל-פּאָליטיק וואָלט געווען אַ פערבלענדעניש, ווען זי וואָלט נאָר געהאַט דעם צוועק צו טהון להכעיס דער היינטיגער רעגירונג און ווען זי וואָלט אויף אַזוי פיעל געשאַדט דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג דייטשלאַנד'ס אין די קומענדיגע דורות, אַז מען וואָלט עס גאָר ניט קענען פעריכטען.

אָבער מיר מיינען, אַז קעמפּפענדיג געגען דער קאָלאָניאַל-פּאָליטיק זענען מיר גערעכט ניט נאָר אין בעציהונג צו דער געגענוואַרט, נאָר אויך צו דער צוקונפט.

קיין לאַנד בלייבט ניט אויף אויביג אויף דער מדרגה פון אַ קאָלאָניע, ד. ה., אָבהענגיג פון אַנ'אַנדער לאַנד מיט אַ העכערער קולטור, וועלכע ליעגט וייט פון איהר, וועלכע הערשט איבער איהר און עקספּלואַטירט איהר. דער שטח, וועלכער טהיילט זיי אָב איינע פון די אַנדערע, און די פערשיעדענהייט פון די אינטערעסען מאַכען אונמעגליך, אַז די בעפעלקערונג פון דער קאָלאָניע זאָל זיך פעראייניגען אין איין נאַציאָן מיט דער בעפעלקערונג, וועלכע הערשט איבער איהר, ווי דאָס טרעפט זיך אַזוי אָפט מיט איינגענומענע שכנ'ישע

5 טהיילען, לויט נאָך דער טעמפּעראַטור, וואָס הערשט אין דעם אָדער יענעם אָרט. דיזע טהיילען רופען זיך אָן ערד-גאַרטלען; עס זיינען דאָ 2 קאַלטע, 2 מיטעלע ערד-גאַרטלען און איין הייסער (אָדערטראָפּישער).

שטיקער לאַנד. אין דעם ערד, אין וועלכען די קאָלאָניע ענטוויקעלט זיך קולטורעל, מוז זי טראַכטען וועגען זעלבסטשטענדיגקייט, וועגען אָבריייסונג פון דעם הערשענדען לאַנד.

מיר ווייסען ניט, ווי לאַנג עס וועט דויערן, ביז די אייראָפּעאישע געזעלשאַפט וועט קומען דערצו, אַז זי וועט פערלירען די וויכטיגסטע קאַפּיטאַליסטישע זייטען און וועט זיי אומבייטען אויף סאָציאַליסטישע. מען קען אין ערגעץ ניט האָבען אַזאַ גרויסען טעות, ווי ביי דער אָבשאַצונג פון דער גיכקייט, מיט וועלכער עס דאַרף געהן אַ בעשטימטע געזעלשאַפטליכע ענטוויקלונג, און דערביי קענען אַ טעות האָבען ניט נאָר אָפּטימיסטען, נאָר אויך פּעסימיסטען. אין נביאות, סיי צו גוטען, סיי צו שלעכטען, לאָזען מיר זיך אין דיזער בעציהונג ניט אַריין. אָבער גראַדע וואָס ניכטערער מען קוקט אויף די קומענדיגע ענטוויקלונג, אויף ווי פיעל לענגער מען שאַצט אָב די צייט, וועלכע די וועט דויערן, אַלץ מעהר מוז מען אָננעהמען, אַז די שטרעבונג פון די היינטיגע אייראָפּעאישע קאָלאָניעס צו זעלבסט-שטענדיגקייט וועט פאַר דיזער צייט אַרויסטרעטען אין לעבען. היינט איז שוין יאַפּאָן געוואָרען אַ גרויסע מלוכה גלייך מיט אַלע אייראָפּעאישע מלוכות. רעכענט מען דען, אַז אָסט-אינדיע וועט ליידען נאָך 50 יאָהר די הערשאַפט פון ענגלאַנד, כינאַ — די הערשאַפט פון אייראָפּאַ, וועלכע פאַרמען דיזע הערשאַפט זאָל ניט אָננעהמען? די גייסטיגע ענטוויקלונג און די כלי-זין פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע פערברייטען זיך געשווינד אין יענע געגענדען, און מיר האַלטען עס פאַר זעהר מעגליך, אַז איידער אייראָפּאַ וועט נאָך דערגרייכען צום סאָציאַליזמוס, וועלען זיך פעראייניגען יאַפּאָן, כינאַ און אינדיע, כדי דורכצופיהרען דעם מאָנראָע-פּרינציפּ*) אין אַזיע און צו ערקלערען: אַזיע פאַר די אַזיאַטען.

בלייבט אַפריקאַ. אָבער אויך דאָרט ענטוויקעלט זיך געשווינד אַ קולטור, וועלכע איז ניט נידעריגער פאַר דער אייראָפּעאישער. מצרים אין צפון און קאַפּלאַנד אין דרום שטעלען פאַר

*) מאָנראָע — דער 5-טער פּרעזידענט אין די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ. זיין פּרינציפּ (מאָנראָע-פּרינציפּ) איז בעשטאַנען אין דער פאָלגענדער פאָדערונג: קיין אייראָפּעאישע מלוכה טאָר זיך ניט אַריינמישען אין די אינעווייניגסטע ענינים פון גאַנץ אַמעריקא,

די קערנער, פון וועלכע עס וועלען זיך ענטוויקלען 2 גרויסע זעלבסט־שטענדיגע אפריקאנישע מלוכות. דאָס, וואָס די ענגלענדער פערהאַפּען איצט אין אַפריקאַ, פערהאַפּען זיי ניט פאַר זיך, נאָר פאַר דיזע 2 מלוכות. ווער ווייס, אויב אין דעם משך פון די קומענדיגע 50 יאָהר וועט ניט אַרויסטרעטען מצרים אַלס אַ זעלבסט־שטענדיגע שטאַרקע מלוכה, וועלכע וועט אַיינשלינגען די דייטשע קאָלאָניעס אין מזרח־אַפריקאַ? און אויב די פעראייניגטע שטאַאַטען פון דרום־אַפריקאַ וועלען ניט טהון דאָס זעלביגע מיט די דייטשע קאָלאָניעס פון דרום־מעריב־אַפריקאַ, וועט דאָס געשעהען העכסטענס צוליעב דעם, ווייל עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דיזע שעהנע געגענד איז אַ טרוקענער זאַמד־מדבר.

די היינטיגע קאָלאָניעס—ווען מען זאָל מעסטען מיט דער מאָס פון דער וועלט־געשיכטע, און ניט פון אַ מענשליכען לעבען—זענען מעהר ניט ווי אַ פערמעגען אויף אַ שעה. און דאָס, וואָס מען האַפּט זיי איצט אַריין, איז נאָך בשום אופן קיין פעסטע ירושה פאַר דער סאָציאַליסטישער צוקונפט; אונזער פאָליטיק געגען דיזער שטרעבונג פון דער מלוכה דאַרפען מיר פיהרען, האָבענדיג אין זינען ניט מעהר ווי די פראָלעטאַרישע אינטערעסען פון דער נאָהענטער צוקונפט.

מען קען גאָר ניט וויסען, ווי פיעל קאָלאָניעס דער פראָלעטאַריאַט וועט נאָך זיין נצחון איבערנעהמען בירושה פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט; די בעסטע זאַך איז, ער זאָל גאָר ניט בויען אויף דיזען אייגענס.

אָבער אויב אַפילו דער סאָציאַליזמוס זאָל אין אויראָפּאַ איינגעפיהרט ווערען פריהער, איידער די קאָלאָניעס וועלען ווערען זעלבסט־שטענדיג, זענען מיר פונדעסטוועגען שטאַרק מסופק, צו די סאָציאַליסטישע מלוכה־פיהרונג וועט, אַנשטאָט צו געבען די קאָלאָניעס זעלבסט־שטענדיגקייט, וועלען דאָרט איינפיהרען אַ נייע סיסטעמע פון הערשאַפט און עקספּלואַטאַציע. געוויס, די קולטור־סיסטעמע, וועלכע אַטלאַנטיקוס לעגט פאָר, נעהמענדיג אַ פּנים אַלס מוסטער די האָלענדישע סיסטעמע, וואָס הערשט אויף דעם אינזעל יאַוואַ, קען אַוודאַי דורכגעפיהרט ווערען אַ סך מענשליכער, איידער די סיסטעמע פון דער קאַפּיטאַליסטישער שכירות־אַרבייט. אָבער יעדע געזעלשאַפט האָט איהר אייגענע מאָראַל, וועלכע—ווי טיעף איהרע וואָרצ־

לען זאלען ניט ליגען אין די עקאנאמישע בעדינגונגען — חייזט זיך פארט אפט ארוים שטארקער, איידער איינצעלנע עקאנאמישע אינטערעסען. די מאראל פון איצטיגען פראלעטאריאט איז געגען יעדער שקלאפעריי, הגם זי קען אמאל זיין גרינגער, איידער די שכירות־ארבייט אונטער דעם יאך פון קאפיטאל. אין דער גרויסער אמעריקאנישער בירגער־מלחמה געגען די שטאאטען, וואו עס האט נאך געהערשט די שקלאפעריי, האבען די ענגלישע ארבייטער פעסט געהאלטען פאר דעם צד פון די צפון־שטאאטען, הגם די אונמעגליכקייט צוליעב דער מלחמה אריינצופיהרען באוועל האט זיי געבראכט אין דער שרעקליכסטער נויט. מיר קענען אונז ניט פארשטעלען, ווי א סאציאליסטישע געזעלשאפט וואלט געקענט דערלאזען ביי זיך א וועלכע עס איז פארם פון עקספלואטאטארישע צוואנגס־ארבייט. אויב זי וועט זיך יע אריינמישען אין די עסקים פון די ווייניגער ענטוויקעלטע פעלקער, קענען מיר ערווארטען, אז זי וועט דאס גיכער ווי אליך טהון, כדי ניט צו דערלאזען, אז ביי זיי זאל ווייטער עקסיסטירען אדער זיך איינווארצלען א וועלכע עס איז פארם פון עקספלואטאציע, ניט אבער כדי אליין דארטען איינצופיהרען אזא מין פארם פון עקספלואטאציע.

נאר די גרעסטע עקאנאמישע נויטווענדיגקייט וואלט געקאנט שטעלען א פאלק אין אזא געגענזאץ צו די יסודות פון זיין אייגענעם געזעלשאפטליכען לעבען, ווי דאס וואלט געווען, ווען א סאציאליסטישע געזעלשאפט וואלט איינגעפיהרט צוואנגס־ארבייט פאר פרעמדע. אויף ווי פיעל מיר ווייסען, שטעהט אבער ניט פאר אזא גרויסע נויטווענדיגקייט. זי וואלט עקסיסטירט נאר דאן, ווען די עקאנאמישע בעדינגונגען פון א סאציאליסטישער געזעלשאפט וואלטען אונמעגליך געמאכט יעדען בייט מיט'ן אויסלאנד. אבער די מעשה איז ניט אזוי.

די ענטוויקלונג פון דעם וועלט־פערקעהר האט בעשאפען אזעלכע קולטור־בעדערפניסען, וועלכע נאר ער אליין קען בעפרידיגען. ווען א געזעלשאפט זאל זיך וועלען בעגנוגענען מיט דער אייגענער פראדוקציאן, אפילו ווען מען זאל צורעכענען דערצו איהרע קאלאניעס, וואלט דאס בעדייטען א קולטורעלען ריקשריט. מיר קענען זיין זיכער, אז אויך א סאציאליסטישע געזעלשאפט וועט שטרעבען צונויפצובריינגען פון דער גאנצער וועלט די מיטלען אויף צו בעפרידיגען איהרע בעדערפניסען. דער גוסט פון איהרע מיטגליעדער וועט אפשר אויך

זיין אַזוי פיין ענטוויקעלט, אַז זי וועט האַלטען פאַר בעסער צו ברייגגען איהר טהיי פון כינאַ, איהר טאַבאַק פון קובאַ, איהר קאַווע פון יאַוואַ, אָנשטאָט צו פראָדוציהרען מיט דער הילף פון צוואַנגס־אַרבייט אַ ערגערען סאָרט פון דיזע פראָדוקטען אין דעם שטיק טראָפּישען לאַנד, וואָס איהר וועט צופעליג בעשערט זיין צו האָבען אַלס אַ קאָלאָניע. דער אַריינפיהר און אַרויספיהר פון פערשידענע פראָדוקטען וועלען ניט אויפהערען, זיי וועלען נאָר גאַנץ און גאַנץ ענדערען זייער האַראַקטער. היינט פראָדוצירט מען כדי צו פערקויפען און פערקויפען מיט ריוה; דאָס מאַכט נויטיג פאַר די שטאַרק ענטוויקעלטע אינדוסטריעלע לענדער ביי דער וואַקסענדער אָנזאַמלונג פון קאַפּיטאַל, אַז דער אַרויספיהר פון סחורות זאָל זיך שטענדיג פערגרעסערען; דאָס ווערט אַ לעבענס־בעדינגונג פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט. פערקעהרט, דער אַריינפיהר פון סחורות איז ניט אַזאַ נויטיגע זאַך, אָהן וועלכער מען זאָל זיך ניט קענען בעגעהען; ער איז נאָר אַ ווירקונג — און ניט שטענדיג אַ פערלאַנגטע — פון דעם פערגרעסערטען אַרויספיהר; מען זעהט איהם ווי ווייט מעגליך צו שטערען, ווייל דער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע ווילט זיך זעהר מאָנאָפּאָליזירען פאַר זיך דעם מאַרק פון דעם אייגענעם לאַנד. אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט פראָדוצירט, פערקעהרט, ניט אויף צו פערקויפען, נאָר פאַר דעם פערברויך פון די אייגענע מיטגליעדער. דער פערברויך און ניט דער ריוה איז דאָ די ספּרונזשינע, וועלכע בעוועגט דעם גאַנצען עקאָנאָמישען מעכאַניזמוס. וואָס עס איז שייך צום וועלט־האַנדעל, הייסט דאָס אָבער, אַז פאַר יעדער סאָציאַליסטישער לאַנד איז די הויפּטזאַך דער אַריינפיהר, און אַז דער אַרויספיהר שפּיעלט אַ קלענערע ראָליע. אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט מען אַרויספיהרען פראָדוקטען נאָר כדי צו קענען אַריינפיהרען פון אויסלאַנד.

די יאָגענעש נאָך געלד, נאָך ריוה האָט ניט קיין שיעור, אָבער צוזאַמען מיט דעם האָט אויך ניט קיין שיעור די יאָגענעש נאָך דער פערגרעסערונג פון דעם אַרויספיהר. דער בעדערפניש צו פערמעהרען די געברויכס־מיטלען האָט אַ שיעור, ער בעגעגענט זיין גרענעץ אין די נאַטירליכע בעדערפנישען פון מענשען. דער אַריינפיהר, און צוזאַמען מיט דעם אָבער אויך דער אַרויספיהר וועלען דעריבער אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט ניט אַריבערהאַפּען אַ בעשטימטע מאָס

געגען דער איינענער פּראָדוקציאָן פאר דעם איינענעם געברויך.

דעם וועלט-מארק קען מען ניט ארומנעהמען מיט'ן בליק, דער חשק פון דעם אַנגעקליבענעם קאַפּיטאַל צו פערגרעסערען די פּראָדוקציאָן ענדערט זיך לויט נאך דער גרויס פון דעם אַנגעקליבענעם קאַפּיטאַל און לויט נאך די האָפנונגען, וועלכע מען קען האָבען אויף ריוח. דערפון מוזען ביי דער הערשאפט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן ארויסקומען עקאָנאָמישע קריזיסען, וועלכע צורודערען אין גאַנצען דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, פערקעהרט, די בעדערפנישען פון א בעשטימטער געזעלשאפט ענדערען זיך פון יאָהר צו יאָהר וועניג; מען קען זיי זעהר לייכט ארומנעהמען מיט'ן בליק, ווען די סטאטיסטיק האָט זיי נאָר איין מאָל פערצייכענט: דער ארייַנפיהר און ארויספיהר וועלען דעריבער אין א סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט שטענדיג זיין די זעלביגע. די קריזיסען וועלען פערשווינדען אין דעם וועלט-האַנדעל; יעדע איינצעלנע לאַנד וועט קוקען אויף דעם אויסלאַנד—ווי הייַנט זי וועט איבערהויפּט דאַרפען צו איהם אָנקומען— אין דער ערשטער שורה ניט ווי אויף א מ א ר ק, נאָר ווי אויף א ל י פ ע ר א נ ט; דער קאָנקורענץ-קאַמפּף פאר די מערק וועט פערשווינדען, דערמיט אָבער וועט אויך פערשווינדען די וויכטיגסטע אורזאַכע פון די איצטיגע נאַציאָנאַלע שנאוֹת און הפּכים.

צו וואָס אַלזאָ דאַרף מען נאָך די קאָלאָניעס? אין 17 און 18 יאָהר-הונדערט האָבען זיי געהאַט א גרויסע ווערדע ווי ל י פ ע ר א נ ט ע ן; הייַנט מיינט מען—הגם דאָס איז א ביסעל א גוזמא— אַז זיי האָבען זעהר א גרויסע ווערדע ווי מ ע ר ק אויף אָבצוזעצען סחורה. פאר א סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וואָלטען זיי געווען צו קנאַפּ סיי אַלס ליפעראַנטען סיי אַלס מערק. די אויפעפענונג פון דעם וועלט-מאַרק איז איינע פון די גרעסטע זאַכען, וועלכע דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס-אופן האָט אויפגעטהון; די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וועט עס אויסנוצען ווי עס פאסט פאר די נייע געזעלשאַפטליכע בעדערפנישען, אָבער די וועט געוויס ניט מאַכען אין דיזער בעציהונג קיין טריט צוריק.

מיר דערמאָנען דאָס, ווייל די קאָלאָניאַל-פּראַגע שטעהט הייַנט אויפ'ן ערשטען אָרט אין דער פּראַקטישער דיסקוסיע.